STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09473

TSIT A SHNIRL ZIKH FUN ZEYDN TSU MAYN TATN UN TSU MIR

Miriam Fireman-Levin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרים פייערמאַן-לעווין



דערציילונגען און לידער

TZIT A SHNIRL ZICH FUN ZEIDN

By

MIRIAM FIREMAN LEVIN

Los Angeles, California
1972
PRINTED IN U.S.A.

Copyright © 1972
by MIRIAM FIREMAN LEVIN
Los Angeles, Calif.

מרים פייערמאַן-לעווין

אַ מתנה
מיינע קינדער
און אייניקלעך:
ראַשעל און עליעט,
מאַרק און מיטש.

פון דעם זעלבן מחבר:
„אויף אַ זאַמדיקן באָדן"
(דערציילונגען און לידער)
דערשינען אין שיקאַגע, 1936

אַ האַרציקן דאַנק
די ספּאָנסאָר-אָרגאַניזאַציעס:

- אידישער סיניאָר סיטיזנס קולטור-קלוב
- שיקאַגער קולטור און וועלפעיר קלוב
- איסט-סייד - סיטי-טערעס קולטור-קלוב
- די זוויהילער סאָסייעטי

אַרײַנפֿיר

פֿון בער גרין

די אידישע פּראָגרעסיווע שרײַבערין, מרים פֿײערמאַן־לעווין, איז ניט קיין פּנים חדשות אין אונדזער ליטעראַטור. שוין אין 1936 איז אין שיקאַגאָ דערשינען איר זאַמלונג דערצײלונגען און לידער: „אויף אַ זאַמדיקן באָדן.״

זי האָט געדרוקט לידער און דערצײלונגען אין דער „מאָרגן־פֿרײַהײט״, „זאַמלונגען״, „פֿרײַ־ישראל״, „נײַע פּרעסע״ און אַנדערע צײַטשריפֿטן.

איר איצטיקער, צווײטער בוך דערצײלונגען און לידער, „ציט אַ שנירל זיך״, איז אַ נײַער שטאַפּל אין איר ליטעראַרישער אַנטוויקלונג.

אירע דערצײלונגען זײַנען עמאָציאָנעל אָנגעלאָדן, מיט יוגנטלעכן אימפּעט, מיט אַ רעאַליסטישן, סאָציאַלן צוגאַנג, מיט פּראָלעטאַרישער אידיישישקײט. פֿאַראַן אין זײ שמײכל פֿון איראָניע, ביטערער סאַרקאַזם, אויך—צערטלעכקײט, טיפֿע סימפּאַטיע, מאַמעשע וואַרעמקײט.

די צײַט? מערסטנס דער הײַנט אין אַמעריקע: שאַפּ־בילדער, באַזירט אויף

אייגענער דערפאַרונג, די דרייסיקער יאָרן פון שאַרפן עקאָנאָמישן קריזיס-יאָרן פון הונגער, צאָרן און קאַמף. דער אינהאַלט נעמט אַריין אויך אויטאָביאָגראַפישע זכרונות-דערינערונגען פון דער שרייבערינס קינדהייט אין איר היים-שטעטל שאַרגאָ-ראָד, פּאָדאָליע; רייזע קיין אַמעריקע און ערשטע יאָרן אין דער נייער היים; בילדער פון דער אויטאָרינס פאַרבינדן זיך מיט דער אידישער פּראָגרעסיווער באַוועגונג, וואו זי איז אַקטיוו אַלס שול-לערערין און קולטור-געזעלשאַפטלעכע טוערין.

עכאָס פון אונדזער צעברויזטער צייט; זכרונות פון בלוטיקע פּאָגראָמען אויף אידן אין דער אוקראַינע; באַשרייבונ-גען פון די יאָרן פון אידישן חורבן אונטער די נאַצי-באַרבאַרן.

שוין דער נאָמען פון דעם בוך איז אַן אָנדייט אויף דער שרייבערינס חוש פאַר המשכדיקייט פון דורות.

פאַראַן אין אירע דערציילונגען פאָלקסטימלעכקייט פון סטיל, פשטות פון לשון; און אייניקע פון זיי — כוח פון בילדער-שילדערונג.

אין די לידער שפירט מען דיכ-טערישן אומרו, און אויפברויז — זיי זיינען

אָבער בלויז אַ נאָכקלאַנג, אַ נאָכוואוקס,
מערסטנס — דעקלעראַטיוו.

די שרייבערין האַלט אין פּראָ-
צעס פון שווער אַרבעטן אויף זיך צו דער-
גרייכן מער ליטעראַרישע פאַכמאַנישקייט,
מער טעכנישע געניטקייט. זי פאַרדינט
אנערקענונג און דערמוטיקונג.

אַ גרויסער חכם האָט אַמאָל
געזאָגט: „לייענער, זאָל דיך דער אויבער-
שטער אויסהיטן פון אַ לאַנגן אַריינפיר"!
שטעל איך טאַקע דאָ אַ פּינטל.

מיין קרעדאָ:

ציט אַ שנירל זיך פון זיידן
צו מיין טאַטן און צו מיר

ציט אַ שנירל זיך פון זיידן
צו מיין טאַטן און צו מיר,
און דאָס שנירל וועט אויף ווייטער
אויך זיך ציען, קינד, צו דיר.

אין דעם שנירל זיינען פעדים
פיל פאַראַנען — אָן אַ צאָל:
פעדים גרויע, פעדים שוואַרצע
און פון גינגאָלד אויך אַמאָל.

גרויע פעדים זיינען, קינד מיינס,
גרויע טעג — טעג פון נויט.
פעדים שוואַרצע — טעג פון געטאָס,
געלע לאַטעס און פון טויט.

דורך די לאַנגע וואָגל־יאָרן
האָבן גאָלד־וועבער געלעבט,
ס'האָט בר־כוכבא און הירש לעקערט
גאָלד אין שנירל איינגעוועבט.

ס'האָבן דורות גאַנצע פון די געטאָס
מיט גאָלד דאָס שנירעלע באַצירט.
וואַקס־זשע, קינד מיינס, אַ גאָלד־וועבער,
היט דאָס גאָלד אין שנירל, היט!

Poem by
Miriam F. Levin

H I T D O S G O L D

Music by
Maxim Brodyn
(folkloristic)



דערציילונגען

אויף אַ זאַמדיקן באָדן

מאַרעלענבוים האַלט זיך פֿאַר אַן אינטעליגענט. אַ סימן: ער האָט געלייענט אין אַ וויסנשאַפֿטלעכן אַרטיקל אין „ליטעראַרי דייַ־דזשעסט" אַ פּסיכאָ־אַנאַליז, וואו דער דאָקטאר ווייזט אָן, אַז וואָס מער דער מענטש איז ציוויליזירט — אַלץ מער באַהערשט ער זיינע ווילדע אינסטינקטן, און וואָס מער דער מענטש איז אינטעליגענט, אַלץ רואיקער איז ער.

איז מאַרעלענבוים אַ רואיקער מענטש. זיינע ליפּן זיינע אַלע מאָל שמייכלענדיקע צעעפֿנט. די אַרומיקע וועלט קער זיך מיט אים גאָרנישט אָן: זיין לעבן, זיין וועלטל. ער איז טאַקע נישט מער ווי אַ „דעזיינער" (מאָדעליסט) פֿון פֿרויען־מאַנטלען, אָבער דאָס איז אויך טאַקע דערפֿאַר, ווייל ער האָט חתונה־געהאַט מיט דער שוואַרץ־חנעוודיקער עדזשין. אָט די פֿלוצימדיקע חתונה האָט צעריסן זיינע פֿליגל און אָפּגעשניטן זיין גלענצנדיקע צוקונפֿט.

— נו, מילא — טראַכט מאַרעלענבוים — אַ „דעזיינער" איז אויך אַן אינטעליגענטע אַרבעט. ס'האָט צו טאָן מיט גייסטיקע פֿעאַי־קייטן. און אַז מען וויל, אַפֿילו מיט טאַלאַנט, ווייל, אַנו, זאָל פּרואוון בערל דער „אָפּערייטאָר" (מאַשיניסט) ווערן אַ „דעזיינער".

ווען ער פֿאַרגלייכט זיך מיט בערלען, צעשמייכלט ער זיך נאָך ברייטער: אָט דאַן דערזעט ער זיין אייגענע גרויסקייט.

— אַ לעקיש דער בערל איז: אַז דער קאָלנער איז אַ ביסל קרום, קומט ער צו מיר כ'זאָל אים פֿאַרגלייכן. און אָט דער בערל האָט נאָך

די חוצפה צו טשעפּען זיך פאַרוואָס איך שלים זיך נישט אָן אין דער „יוניאָן" (סינדיקאַט), פאַרוואָס איך העלף נישט אָרגאַניזירן דעם שאַפּ (פאַבריק). איך דאַרף נישט קיין יוניאָן. איך בין אינטעליגענט גענוג אַליין צו באַשטיין מיין וועלטל. ווען אַלע אַרבעטער וואָלטן געווען אינטעליגענט, וואָלטן די באַלעבאַטים זיי גאָר אַנדערש באַהאַנדלט. הא! ווער נעמט הונדערט און פופציק דאָלער אַ וואָך? איך צי בערל? —

און אָט דער בערל רעדט נאָך פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע, פון מערווערט, פּראָדוקציע-באַציאונגען, אויטאָמאַציע און נאָך אַזעלכע הויך־קלינגענדיקע ווערטער. מען קאָן נאָר פּלאַצן פון געלעכטער!

— דו קריגסט 150 דאָלער — זאָגט ער צו מיר — נאָר ווען דער סעזאָן ברענט, ווען דער באַלעבאָס האָט מורא צו פאַרלירן צייט. זאָל אָבער קומען אַ שטיקל קריזיס, צי זאָל מען אַרויספירן נאָך אַ פּאָר „שעפּער" קיין יאַפּאַן, צי זאָל די אויטאָמאַציע אַריינשטעלן אַ פוס אין אונדזער שאַפּ, איז אוים מיוחס, אוים געשוילטער אַרבעטער.

אָבער גיי רעד מיט אַזאַ לעקיש. איך האָב אים טויזנט מאָל געזאָגט, אַז אַ גוטער אַרבעטער, וואָס וויל אַרבעטן, איז אַלע מאָל באַזאָרגט מיט פּרנסה.

גייט זיך אַזוי מאַרעלענבוים טאָג־איין, טאָג־אויס, מיט אַן אינטעליגענטיש־רואיקן שפּאַן צו דער אַרבעט. אַזש די שטענדיק־גלאַנצנדיקע שיך שטאָלצירן מיט זייער טרעגער! זיין אַלעמאָל־פּריש שניפּסל רינגלט עלעגאַנט אַרום דעם ווייסן, שטייפן קאָלנער. ער שפּיגלט זיך אין זיין אייגענער ציכטיקייט:

— וואָס דען, ווי בערל? אַז מ'חלשט קוקנדיק אויף אים. אַלע מאָל מיט אַ צעכראַסטעטער ברוסט... האָט נית קיין באַגריף פון עסטעטיק!

אויך אין דער היים, נאָכן אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, פירט מאַרעלענבוים אַן „אינטעליגענט" לעבן.

זיין עדזשי איז אַזאַ גראָטענע.

— וואָס דען? איך וועל נעמען אַבי וועמען? — טראַכט ער זיך.

— זי איז אַ זעלטענע באַלעבאָסטע. האָט צוויי גאָלדענע הענט, ווייסט צוצוטרעפֿן מײַנע באַליבטע מאכלים.

זעצט ער זיך טאַקע, נאָך דער וועטשערע, נאָך מער אַ צופֿרי־דענער אַוועק אויף דעם ווייכן פֿאָטעל. זעצט זיך אונטער דעם בלוי־קאָלירטן זיידענעם לאָמפּ — צו שעפּן גײַסטיקע נאַרונג, ווי ער רופֿט עס אָן, און לייענט זײַנע ליטעראַרישע זשורנאַלן: „סאַטורדעי איווי־נינג פּאָסט", „ליטעראַרי דײַדזשעסט" און אויך די טעגלעכע פּרעסע.

געזעטיקט דעם גײַסטיקן דורשט, וואַרפֿט ער אַ צערטלעך־גלעטנדיקן בליק אויפֿן האַלב־טונקעלן צימער און טראַכט:

— מען דאַרף אפֿילו וויסן ווי אַזוי אויסצומעבלירן אַ דירה: סביבה סטימולירט שטימונג. מײַן וואוינונג — אַ מוסטער פֿון אינ־טעליגענטן געשמאַק. מען הערט נישט קיין איבעריקן שאָרך. דאָס בלאָע ליכט וואַרפֿט אָן אַזעלכע גן־עדנ׳דיקע שטימונגען. דערפֿאַר געדענק איך שוין נישט די צײַט ווען איך זאָל געווען אין כעס.

און מיט אַ זעלבסטצופֿרידענעם זשעסט פֿאַרלאָזט ער דעם ווייכן פֿאָטעל און זעצט זיך צו צו זײַן שוואַרץ־חנעוודיקער עדזשין.

אָט אַזוי וואָלטן זײַנע טעג זיך פֿאַרבײַגעהוידעט רעגלמעסיק ווי אַן אומרו פֿון אַ זייגער. פּאַסירט אָבער אַ קלייניקייט:

עס הויבט אָן מאַרעלענבוים צו באַמערקן, ווי דאָס ווינקל פֿון שאַפֿ, וואו די גרויסע באַשטעלונגען ליגן, הויבט זיך אָן אויסליידיקן. וואָס אַ טאָג צעשניידט מען די „פּעקלעך סחורה". קיין נײַע קומען נישט צו. די הויקערדיקע קופּע פֿאַרשווינדט כמעט אינגאַנצן. איין טאָג זעט ער ווי ס׳פֿעלן אַ פּאָר „פֿינישערס", כאָטש ער פֿלעגט קיין־מאָל נישט פֿאַרפֿירן קיין שמועס מיט זיי. ווענן וואָס, מ׳שטיינס־געזאָגט, קען ער מיט זיי ריידן? אָבער נאָך זייערע שיינע, האַרציקע לידלעך בענקט ער יאָ. אַן אַנדער טאָג פֿאַרשווינדן אַ פּאָר שטעפּער און אויך איינער פֿון די צוויי פּרעסער.

דער רויש אין שאַפּ איז געוואָרן קלענער. אַן אומעט האָט זיך צעשפּרייט איבער די פּנימער פֿון די איבערגעבליבענע אַרבעטער. אפֿילו די מאַשינען האָבן פֿאַרלאַנגזאַמט זייער טעמפּאָ און אויסגע־

טאנצט זייער מאַשינען־טאַנץ אויף שפּיץ־פינגער, ווי מורא־האָבנדיק עמעצן אויפצואוועקן. אָבער מאַרעלענבוים איז נאָך אַלץ רואיק: אים ווערט מען ניט אָפּזאָגן — ער איז דאָך אַ „דעזיינער" (מאָדעליסט)!

איין פאַרנאַכט באַמערקט ער, ווי דער באַלעבאָס דרייט זיך מער ווי געוויינלעך אַרום זיין טיש. דרייט זיך מיט פאַרלייגטע הענט און וואַרפט אָפּט בליקן אויף אים. מאַרעלענבוים דערזעט אויך, ווי בערל דער צעכראַסטעטער וואַרפט פאַרגנבעטע בליקן אין זיין זייט. דאָס דרייען זיך פון באַלעבאָס און בערלס בליקן רופן אַרויס אין אים אַן אומרואיקייט. ער הייבט אָן בייסן די ליפּן. ער פּרואווט זיך אַליין טרייסטן: עס קאָן דאָך נישט זיין, ער זאָל מיינען מיך.

פאַרן אַהיימגיין רוימט אים איין דער באַלעבאָס אַ סוד:

— מיסטער מאַרעלענבוים, פון קומענדער וואָך קריגט איר פינף־און־זעכציק דאָלער אַ וואָך.

מאַרעלענבוים גלאָצט אויס זיינע אויגן און וויל עפּעס פרעגן. אָבער דער באַלעבאָס איז ווי אַנטרונען געוואָרן. זיינע פויסטן האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו שטייפן, אָבער די פינגער ציען זיך, מיט אַן אומבאַמערקטן ציטער, פּאַמעלעך אויס צוריק אין זייער געוויינלעכן צושטאַנד. זיינע אויגן קריגן זייער רואיקן אויסדרוק. ער פּאַקעוועט צוזאַמען זיינע אינסטרומענטן־געצייג און פאַרלאָזט אַ שטאָלצער דעם שאַפּ, ענטפערט נישט אויף בערלס שפּאָטישער פראַגע:

—נו, וואָס ווערט איר איצט זאָגן, געשולטער „דעזיינער"?

בערל פאַלט ביי זיך נישט אַראָפּ און שרייט אים נאָך:

— היט זיך, מיסטער מאַרעלענבוים, איר שטייט אויף אַ זאַמדיקן באָדן!

שפּאַנט מאַרעלענבוים אַהיים און טראַכט:

— וואָס, משוגע מיינע שונאים? ער מיינט, אַז ער איז דער איינציקער מיט זיין שאַפּ אין דער גאַנצער שטאָט? בערל האָט מיר טאַקע נעכטן צוגעטראָגן אַ אידישע צייטונג, וואו ס'שרייבט זיך, אַז מען האָט אַ סך שעפּער אַרויסעפירט פון שטאָט, און אַז עס פאַרגרעסערט זיך דער רעזערוו פון אַרבעטסלאָזע.

אָבער מאַרעלענבוים גלייבט עס נישט:

— ס'נישט אמת. די „טיימס" שרייבט און ברענגט פאַקטן אַז ס'איז „פּראָספּעריטי". נו, ווער ווייסט בעסער: די „טיימס", צי עפּעס אַ אידיש צייטונגל? נישקשה, איך וועל קריגן צען פלעצער פאַר איינעם.

אויף מאָרגן דערזעט ער אין דער „וואָרלד" אַן אַנאָנס פאַר אַ „דעזיינער" (מאָדעליסט). ער צעשמייכלט זיך זיגעריש:

— איך האָב עס פריער געוואוסט!

ער וויל זיך דווקא אָפּרוען אַ פּאָר וואָכן, נאָר ער וועט אָקאָרשט גיין אַ קוק טאָן, צי ס'וועט זיך עמעצער אָפּרופן.

נאָך פונדערווייטנס באַמערקט ער אַ לאַנגע, טונקעלע שערענגע. צוקומענדיק נענטער ווערט אים פינצטער אין די אויגן: צוואַנציק מענער ציילט ער איבער. ס'איז קוים צו גלייבן! ער דער איין־און־צוואַנציקסטער. באַלד באַוויזן זיך הינטער אים נאָך אַ פּאָר. ער שטייט נאָך נישט לאַנג אויף זיין פּלאַץ, אָבער ער בייט שוין נערוועז איין פוס אויפן צווייטן.

אַכט אַזייגער עפנט זיך די טיר פון „שאָפּ". עס באַוויזט זיך אַ נידעריק־געבויט מענטשל. די באַגלעזטע אויגן זיינע באַטראַכטן מהריש די שערענגע, געבן באַלעבאַטיש־באַפעלעריש אַ וואונק צום יונגסטן און הייסן די איבעריקע זיך צעגיין.

באַרעלענבוים לאָזט זיך מיט אַ געקנייטשטן שטערן גיין אַהיים.

פון יענעם טאָג אָן ווערט זיין הויז ווי פאַרטרונקען פון אַלערליי צייטונגען. אָבער קיין „עדם" (אַנאָנסן) זעט מען נישט. ציען זיך אַזוי טעג. וואָכן און חדשים. חדשים לאַנגע, מאָנאָטאָנע. מאַרעלענבוים ווייסט נישט וואָס מיט זיך צו טאָן. זיינע ליפּן ווערן ווי די פאַרוועלקטע בלעטלעך פון דער האַרבסטיקער רויז; ליפּן צעביסענע, פאַרשניר־עוועטע. פאַרשוואונדן איז די רואיקע, צופרידענע שטילקייט פון זיין הויז. טירן טאַנצן אויס אַ טאָג־טעגלעכן רציחה־טאַנץ. פאַר'יתום'ט שטייט דער בלאָער, זוידענער לאָמפּ!

שפּאַצירט מאַרעלענבוים אַ פאַרצווייפלטער פון ווינקל צו ווינקל

אין זיין צימער. זיינע טריט זיינען אַזעלכע שווערע, פּונקט ווי זיי וואָלטן געטרויערט נאָך אַ טויטן.

— נו, וואָס ווייטער?

ער דערשרעקט זיך אַליין פֿאַר זיין קול, אַזאַ טעמפּער. ער לאָזט אָפּ דאָס שנירל פֿון זיינע געדאַנקען: זיי לאָזן זיך אין אַ ווילדן קאַראַ־האָד, ווי ציגיינער אויף אַ חתונה. ער פּרוּווט זיך צוהערן צו זיי... אָבער אומזיסט: ער קאָן פֿון דעם כאַאָס קיין טאָלק נישט דערגיין. בלויז איין שורה בליצט אַרויס אַזאַ בולטע:

— אויף אַ זאַמדיקן באָדן!

די שורה הייבט אָן בליצן וואָס אָפּטער און אָפּטער: ער וויל זיך פֿון איר באַפֿרייען. ער לויפֿט צו צום פֿענצטער און האַקט עם מיט אימפּעט אויף. אַ פֿריש ווינטל האָט זיך מיט שטורעם אַריינגעריסן אין אָנגעהויבן, ווי אַ פֿאַרשייט קעצל, צו שפּילן זיך מיט די עקן פֿון די פֿוירהאַנגען: אָט בלאָזט עס זיי אַרויס און אָט בלאָזט עס זיי צוריק אַריין.

די דרויסנדיקע זון איז שוין אַריבער אַ האַלב־טאָגיקן קרייז. די שטאָטישע גאַס הודעט אוים איר טאָג־טעגלעכן הו־האַ. ער פֿאַר־האַקט צוריק דאָס פֿענצטער מיט פֿאַרדרוס: דער געוויינלעכער גאַנג פֿון דרויסנדיקן לעבן האָט אים נאָך מער אויפֿגערעגט. ער הייבט־אָן פֿאַרזעצן זיין פֿאַרצווייפֿלטן מאַרש.

אָבער די בליצנדיקע שורה האָט זיך, ווי די פֿליג ביי טיטוס הרשע, אַריינגעגנבעט צו אים אין מוח און עגבערט אוים:

— אויף אַ זאַמדיקן באָדן! אויף אַ זאַמדיקן באָדן!

ערגעץ פֿון ווייטנס הערט זיך אַ געבראַזג פֿון אַ פֿאַרביילויפֿנ־דיקער באַן. מאַרעלענבוים שטעלט זיך האַסטיק אָפּ אין מיטן צימער, מיט זיין קערפּער אָנגעבויגן אין ריכטונג פֿון באַן־געבראַזג, און ווי שווידערהאַפֿט:

אויך דאָס שטאָל שלאָגט אין שטאָל מיטן טאַקט: אויף אַ זאַמ־דיקן באָדן, אויף אַ זאַמדיקן באָדן!

ערגעץ פון אַ פֿאַרביילויפֿנדיקער באַן הערט זיך אַ געבראַזג. מאַרעלענבוים שטעלט זיך האַסטיק אָפּ אין מיטן צימער, מיט זיין קערפּער אָנגעבויגן אין ריכטונג פון באַן־געבראַזג. און ווי שווידער־האַפֿט:

אויך דאָס שטאָל שלאָגט אין שטאָל מיטן טאַקט: אויף אַ זאַמדיקן באָדן, אויף אַ זאַמדיקן באָדן!

שנעל, ווי ער וואָלט פון זינען אַראָפּ, וואַרפֿט ער זיך צו דעם דיל, פֿאַרקאַטשעט דעם האַריקן טעפּיך און הייבט ווידער אָן שפּרייזן פון ווינקל צו ווינקל. זיינע פּריער טעמפּע טריט רופן אַרוים אַ הילכיקן אָפּקלאַנג.

אָבער אומזיסט: נישט דער הילכיקער ווידערקול פון זיינע טריט, נישט זיינע הענט, וואָס זיינען צוגעדריקט צו די שלייפֿן, זיינען בכוח אָפּשטעלן דאָס עגבערן אין מוח.

ער וואַרפֿט זיך צולעצט אַ דערשעפּטער אויפֿן בעט און פֿאַלט אַריין ווי אין אַ הינערפֿלעט.

„באַרג-אַראָפּ!"

מאַדאַם בלומענקראַנץ האַלט זיך פאַר אַ ראַפינירטער פּערזאָן. אַ סימן: ביי וועלכער פון די אַרבעטער-רינג געגאַסן זי איז נישט געווען, האָט זי אַזאַ רייכע ביבליאָטעק ווי ביי זיך נישט געזען. און היינט דער געשמאַק אירער: אַלע קאָלירן פון יעדן צימער אין איר הויז האַרמאָנירן. ס'אַ מחיה צו פאַרברענגען אין אַזאַ הויז. ממש אַ באַרוואַקונג פאַר די נערוון. שפּאַצירט זי אַ סך מאָל פון צימער צו צימער און קען זיך נישט אָנזעטיקן. ווען זי שעמט זיך נישט, וואָלט זי זיך אַליין אַ קניפּ געטאָן אין באַק פאַר אַזאַ געשמאַק!

האַלט זי טאַקע ביי יעדער געלעגנהייט אין איין איבערחזרן פאַר איר מאַן בענין: ווען נישט זי מיט איר עקאָנאָמיע, וואָלטן זיי איצט נאָך ביידע געדאַרפט שטיין ביי די שפּינדלעך. איז טאַקע אַ גליק, וואָס ער האָט אַזאַ ווייב. און נאָר מיט אַזאַ ווייב האָט מען זיך געקענט דערשלאָגן: אָט, דריי הייזער, אַ גאָלף-פעלד און אַ שאַפּ. טאַקע נישט מער ווי זעכציק לומס (וועב-מאַשינען), אָבער נישקשה, ס'איז דאָ בטחון. דאָס וויכטיקסטע: מיט אַזאַ ווייב ווי זי ווערט מען זיך צו אַלץ דערשלאָגן! אַיי דאָס, וואָס די הייזער שטייען איצט אין געפאַר איבערגענומען צו ווערן פון אַ „רעסיווער" (געריכט-אינסטאַנץ), איז אויך נישט קיין אומגליק. זי, די מאַדאַם בלומענקראַנץ, דערמאָנט זיך: שוין אַ סך מאָל געגאַנגען מיט דער פוטער-אַראָפּ און נאָר אַ דאַנק אירע עצות איז אַלץ אַוועק גלאַטיק. מער נישט... אייסעך וואָס — אַ פּאָר קלייניקייטן... אָט, אַ שטיקל פייער... אַ פּאָר „עקסידענטס" (אומגליק-צופאַלן), אַ פּאָר „באַנקראָטלעך"... און הויפּטזעכלעך דאָס, וואָס מען האָט פאַרגרעסערט דעם שאַפּ פון צוויי וועב-מאַשינען אויף זעכציק — איז אַלץ אַוועק ווי געשמירט. זי גיט אַ צופרידענעם פיר מיט די אויגן איבער די שווערע שטיקער מעבל און אַ שמייכל צעגיסט זיך איבער איר דין-מאַטאָוון פּנים.

„וואָס דען? ניט ווי ביי יענער, ווי הייסט זי דאָרט? יאָ, שוועס־טער גערווין. אויך מיר אַ געשמאַק! פאַרהאַנגען פון אַש־קאָליר, די דעק אויפן בעט — אַ גרינע, און היינט די בילדלעך אירע אויף דער וואַנט? נו, אַז מען איז שוין אַ „לינקע", מוז דווקא גאָרקיס בילד הענגען אויך דער וואַנט? מען מעג טאַקע זיין אַ ריכטיקער סאָציאַליסט, אָבער קונסט איז קונסט! אָט איז זי אויך אַמאָל געווען אַ פאַרברענטע סאָציאַליסטקע, אָבער אירע בילדער זיינען עפּעס אַזוינס ווי אַזעלכעס! קוביסטישע, פוטוריסטישע, עקספּרעסיאָניס־טישע — אַזש שווער צו פאַרשטיין! און היינט די סטאַטועטקעס? אמתע אַנטיקן! די בלומען! די אויסלענדישע טעפּיכער!

— נישקשה — טראַכט זיך מאַדאַם בלומענקראַנץ — זי האָט זיך עס כשר פאַרדינט: גענוג געהאָרעוועט אויף איר לעבן! און אַ שמייכל צעגיסט זיך ווידער אויף איר מאַטאָוון פּנים. אירע אויגן ווערן לויטער חלום!

זי דערמאָנט זיך, זי איז נאָך האָן געווען אַ „גרינע": אַ שאָפּ, אַ ניי־מאַשין. זי — אַ פרייליכע, אַ רירעווודיקע. דער באַלעבאָס פלעגט זי טאַקע דערפאַר ליב האָבן. אַרויסגעגעבן אַרבעט פאַר דרייען. דער „אָפּערייטאָר" (שטעפער), פאַר וועלכן זי פלעגט צו־ירייטן אַרבעט, פלעגט שטענדיק וואַרפן אויף איר אַזעלכע בייזע בליקן. אָבער וואָס האָט זי זיך געקענט העלפן? אַז ער, דער אָפּעריי־טאָר, איז געווען אַ „קריכער". איז דערפאַר האָט זי ניט געדאַרפט ווייזן דעם באַלעבאָס, אַז זי פאַרדינט אַ „רעיז"? (העכערונג אין לוין) פלעגט זי אַזוי אַרבעטן שנעל, שנעל און די קלינגענדיקע סאָפּראַנאָ אירע האָט אַקאָמפּאַנירט אירע פיבערדיקע באַוועגונגען מיט האַר־מאָנישן געזאַנג. אָבער אפילו זינגען פלעגט זי דער „קריכער" אויך ניט לאָזן. מעג זי אפילו געווען נאָכזינגען די שענסטע אָפּערעס, וואָס זי האָט נעכטן גוּהאָט געהערט. איין בייזער קוק זיינער און דאָס קול אירס פלעגט זיך איבעררייסן אַזוי האַסטיק, פּונקט ווי אַ פאָדעם אונטער אַ נאָדל אָן אַ שפּיץ. איין טרייסט: ער ווייסט דען וואָס אָפּערע־מוזיק מיינט?

אָבער יענע צייט איז, ווי מיט אַ שניי־פֿאַרשטויבטער סטעזשקע, אָפּגעווישט, פֿאַרלוירן אין דער פֿאַרגאַנגענהייט! איצט איז זי שוין אַ מאַמע פֿון פֿיר קינדער. צום געבוירן פֿון יעדן קינד — אַ דימענטן פֿינגערל. נישקשה, זי האָט זיך עס כשר פֿאַרדינט — זי האָט שווער געפּראַצעוועט. אירע אויגן שטעלן זיך אָפּ אויף אַ פֿאָטאָגראַפֿיע איבער איר בעט. דאָס האָט בעני, איר מאַן, איר צו פֿאַרדאַנקען: ווען ניט זי, מאַדאַם בלומענקראַנץ, מיט איר ראַפֿינירטן געשמאַק, וואָלט ער, בעני, נאָך איצט אויסגעקוקט ווי דער אַמאָליקער, פֿאַרשמייעטער, קליינשטעטלדיקער וועבער. אָבער זי זעט שוין, אַז ער זאָל אויסקוקן ווי אַ „מענטש"! ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ טעקסטיל־פֿאַבריקאַנט! אָט קויפֿט זי אים אַ שניפּס, פּונקט אַזעלכן ווי עס טראָגט דער באַוואוסטער שרייבער, וואָס האָט נעכטן אין טעאַטער צו איר געשמייכלט. אַ צווייטן מאָל, אַ ווייכע הוט, אַ וועלור־הוט, אַקוראַט אַזעלכע, די זעלבע ווי דער גרויסער מאָלער האָט געטראָגן, דער מאָלער, וואָס איז געזעסן אין אַ דערבייאיקער לאָזשע. און אפֿשר נאָך אַ בעסערע הוט, ווייל זי האָט אַוודאי באַצאָלט מער ווי ער פֿאַר דער הוט.

אַ שטילער שאָר פֿונעם שטריק אונטערן פֿענצטער, אויף וועלכן מען הענגט וועש, ברענגט זי אַרויס פֿון אירע געדאַנקען. זי גיט אַ לייכטן קנייטש דעם שטערן, פֿאַרקאַטשעט די פּורפּור־קאָלירטע, זייד־ענע קאָלדרע, שטעקט אַרויס אַ קליין, דין, גראַציעז פֿיסל און שפּרינגט עלאַסטיש אַראָפּ פֿון בעט. זי וויקלט זיך צערטלעך איין אין דעם זיידענעם שלאָף־ראָק און כאַפּט אַ שעלמישן קוק אין שפּיגל: קוועלט פֿון איר אייגענעם בויגעווודיקן, שטאָלטנעם, ראָזעווען קערפּער. זי שלייכט זיך אַרויס פֿון שלאָפֿצימער, וואַרפֿט אַ צופֿרידענעם בליק אויף דער ציכטיקייט און רואיקייט פֿון די שווער־באַהאָנגענע צימערן. איר בליק בלייבט אויפֿן גרויסן, טיף־מאַהאַגאָנעם וואַנט־זייגער און — זי עפֿנט האַסטיק די טיר און איר סאָפּראַנאָ צעקייקלט זיך איבער די שטיגן:

„גלעדיס, האַ? ג־ל־ע־ד־י־ס! וואו ביסטו?"

„כ'בין דאָ, באַלעבאָסטע, כ'הענג דאָס וועש, באַלעמאָסטע."

„שוין שפּעט. נאָך ניט געענדיקט וואַשן? די קינדער קומען באַלד פון „סקול" (שול). לויף אַריין און גרייט דעם טיש. שנעלער!"

„שוין, באַלעבאָסטע, כ'גיי שוין!"

עס באַווייזט זיך אַ בלאָנד מיידל פון אַ יאָר אַכצן, מיט פאַר־קאַטשעטע אַרבל און רויט־צעפּריעטע הענט. זי גיט זיך נאַכלעסיק אַ וויש דעם שטערן און נעמט זיך גרייטן דעם טיש.

אַ שטים פון וואַש־צימער: „גלעדיס, האָסט ניט געקענט אויפ־שטיין אַ ביסל פריער? נײַם, שטעל אויף דאַרטן, די פרעס־ברעט. נאָך אַ זאַך: דו וועסט היינט ניט נעמען דיין פרייען האַלבן טאָג: איך האָב אַ וויכטיקן מיטינג."

„באַלעבאָסטע! ..."

„באַלעבאָסטע, באַלעבאָסטע", קרימט זי איר נאָך. „רוף מיך ניט, באַלעבאָסטע, רוף מיך: „שוועסטער בלומענקראַנץ."

„אָלרייט"! (גוט) פאַרקרימט זיך דאָס דינסט־מיידל, „שוועס־טער בלומענקראַנץ, איך דאַרף נאָך וואַשן מיינע אייגענע וועש."

„איז ווער לאָזט דיך ניט?"

„איר האָט דאָך מיר פאַרווערט זיי צו וואַשן מיט אייערע וועש, טאָ ווען ויעל איך עס טאָן?"

„פרעג נישט קיין קשיות און טו וואָס איך היים!"

„איר האָט דאָך מיך געדונגען אָן וועש צו וואַשן", ווערט זיך דאָס מיידל.

אַ בייז־פאַרפּודערט נעזל שטעקט זיך אַרויס פון וואַש־צימער: „זאָג מיר נאָר, כ'בעט דיך, דו גויעשער קאָפּ וואָס דו ביסט, וואָס איז וויכטיקער, דיינע קשיות, צי מיין מיטינג?" אַ שמיים מיט דער טיר און נאָר דער גערוך פון פריש־געקרייזלטע האָר איז געבליבן הענגען פון דער זייט טיר.

אַ גאַנצן אָוונט איז מאַדאַם בלומענקראַנץ אַרומגעגאַנגען אַ ברוגזע. דעם כעס אירן האָט זי אויסגעלאָזן צום דינסט־מיידל גלעדיס. דאָ איז דער טעפּיך ניט אָפּגעשטויבט ווי עס באַדאַרף צו זיין, און דאָ איז דער פאָרהאַנג ניט סימעטריש צוגעבונדן.

זי בייסט די דינע ליפעלעך, מאַדאַם בלומענקראַנץ, און שפּאַנט פון ווינקל צו ווינקל פון האַלב-טונקעלן צימער. כאַפּט אַלע ווײַלע אַ קוק דורך אַ שפּאַרונע פון אַ פּאַרהאַנג אויפן ליכטיקן, אויסגע־שטערנטן דרויסן, ווי זי וואָלט זוכן אַן ענטפער אויף אירע צעשויבערטע געדאַנקען.

„איז וועד איז טאַקע גערעכט? קריזיס, שמיזיס! ניט אין אַמע־ריקע! און אָט די, ווי רופט מען זי? יאָ, שוועסטער גערווין, האָט די חוצפּה צו רעדן קעגן מיר. זי, די מרס. גערווין, קען זיך אַליין אפילו ניט חתמנען און זי . . . אַ חוצפּהניצע!"

„שוועסטער בלומענקראַנץ", קרימט זי איר איבער, „ביי אייך גייט אויך באַרג-אַראָפּ." אַזאַ איגנאָראַמוס! און נאָך פאַרן גאַנצן מיטינג פון אַרבעטער-רינג דאָס אויספּויקן. אירע געשעפטן! אין אַלץ מישט זי זיך! הלמאי איך האָב זיך ניט געקויפט היינטיקס יאָר אַ נייעם פוטערנעם מאַנטל? און פאַרוואָס איך טראָג היינטיקס יאָר מער ניט קיין שיך פאַר פינף-און-צוואַנציק דאָלער? און אויך — מיין האַנט-בייטל איז שוין מער ניט קיין אימפּאָרטירטער. נו, נו! אין סאַמע געדערים וואָלט זי מיר אַריינגעקראָכן! נאָך גוט, וואָס זי ווייסט ניט, אַז מיר האָבן שוין דאָס צווייטע מאָל אויפן הויז-מאָרטגעדזש (הויז-חוב) ניט באַצאָלט. אלא ניט, וואָלט זי, די מרס. גערווין, מיר שוין פּותר-חלום געווען, אַז אָט: „איר וועט באַלד פאַרלירן דאָס לעצטע הויז!" — זי רופט עס נאָך אַן מיט אַזעלכע מאָדנע נעמען: „אַ שאַרק וועט איינשלינגען אייער „קאַקראָטש-שאַפּקע"! (קליינער שאַפּ), אָדער זי רופט עס מיט די הויך-קלינגענדיקע ווערטער: „קאָנ־צענטראַציע פון קאַפּיטאַל!" זי ווייסט דען וואָס זי רעדט? אַזאַ שטיק אומוויסנהייט!

זי כאַפּט ווידער אַ קוק, פריער אויפן דרויסן, דערנאָך אויפן זייגער — שוין שפּעט, און בען, איר מאַן, איז נאָך אַלץ ניטאָ. וואָס האָט געקענט פּאַסירן? זאָל דאָס זיין?... אָבער זי האָט מורא דאָס ברענגען פאַר די ליפּן.

מאַדאַם בלומענקראַנץ לאָזט זיך פּאַמעלעך אַראָפּ אויף דער

רויט־סאַמעטענער קאַנאַפּע. איר אויפגערעגטער קערפּער דערפילט די ווייכקייט פון די ספּרוזשינעס און זי באַרואיקט זיך אַביסל. זי פאַרוואַרפט איר געקרייזלט קעפּל אויף אַ קישעלע און זי פאַרמאַכט די אויגן. געדאַכט האָט זיך, אַז זי דרעמלט, אָבער פון צייט־צו־צייט האָט אַ צוק געטאָן אַ ברעם איבער איר רעכטן אויג.

פלוצלונג איז מאַדאַם בלומענקראַנץ אויפגעשפּרונגען, ווי אַ שלאַנג וואָלט זי אַ ביס געטאָן. דאָס האָט זי דערהערט טריט אינעם בוידעם־שטיבל פון איבער איר קאָפּ.

„דער רוח האָט מיך געטראָגן צו פאַרדינגען דאָס בוידעם־צימערל", פליט ביי איר דורך אַ געדאַנק. אָט דער געדאַנק איז געווען ווי מען וואָלט אַריינגעוואָרפן אַ פייער־פונק אין אַ הויפן טרוקן שטרוי. אירע געדאַנקען האָבן זיך אַ יאָג געטאָן, ווי צעפּלאָשעטע פערד:

„געוואָלט זיין עקאָנאָמיש. די וואַסער־שטייערן געדאַרפט באַצאָלן. ניט געוואָלט מענטשן זאָלן זיך דערוויסן וואָס ביי איר אין טעפּל קאָכט זיך."

מאַדאַם בלומענקראַנץ האָט ווידער נערוועז אָנגעהויבן צו שפּאַנען פון ווינקל צו ווינקל פון צימער, אָבער די טריט אינעם בוידעם־שטיבל האָבן, ווי פינגער אויף אַ פּיאַנאָ, געשפּילט אויף אירע נערוון.

„און וועמען האָב איך עס פאַרדונגען? כ'האָב געמיינט, כ'ווייס! דאָרטן, אַ לינקער יוניאָן־אָרגאַניזאַטאָר, וועט מען קענען אַן אינטעליגענט וואָרט נעמען אין מויל אַריין. איך זאָל זיך אַזוי באַנאַרישן! שטענדיק געהאַלטן: אַליין — איז די נשמה ריין! גיי ווייס, אַז ער וועט מיך ברענגען אויפן פייער און אָרגאַניזירן דעם שאַפּ!" זי דערמאָנט זיך אין בייטאָגעדיקן שאַפּ־מיטינג... זי פאַרקריצט מיט די ציין: „אַזאַ שנעק" — כאַפּט זיך ביי איר אַרויס. און זי הויבט אָן ווייטער רעדן אין דער הויך, ווי זי וואָלט זיך פאַר אימיצן פאַרקלאָגט:

ווי געפעלט איך? מיין מאַן בעניו און מיך זאָל מען אויסשליסן פון אַרבעטער קלוב! מיר זיינען דאָס ניט קיין עלעמענטן פאַר אַן אַרבעטער אָרגאַניזאַציע. נאָך האָט ער געבלעבלט: פאַר באַלעבאַטים

איז ניטאָ קיין פּלאַץ אין אַרבעטער קלוב. יעכציק שפּינדלער הייסט ביי אים אַ פאַבריקאַנט.

זי גיט אַ פאַרקרימטן שמייכל. עס דאַרף באַדייטן: כ'בין אַמאָל געווען אַ בעסערע סאָציאַליסט ווי דו! און זי, די מרס. גערווין, האָט נאָכגעבאַמקעט: „מיר נוצן אויס די קאַסע פאַר סטרייק-ברעכערייי!" אַזאַ שלומפּערקע! ווער לויפט אַרום פאַרן אַרבעטער קלוב? אַוודאי איך! און ווער איז אין דער עקזעקוטיווע? איך צי זי? און ווער איז אין שטאַט-קאָמיטעט? איר מאַן? צי מיין מאַן? אַזאַ פּאַס . . . האַ־האַ־האַ"... אָבער דער אָנגעשטרענגטער געלעכטער אירער קלינגט אַזוי פרעמד, ווי אַ ווינט וואָלט געוואָיעט. און ס'דוכט זיך איר, ווי דער ווינט וואָיעט אויס: „באַרג אַראָפּ... באַרג אַראָאָאָפּ." זי לויפט צו אַ פאַרצווייפלטע צום פענצטער. ס'דוכט זיך אויס, אַז דער אויסגעשטערנטער הימל שטעכט זי דורך מיט טויזנטער זילבערנע אויגן, רייצן זיך מיט איר: „באַרג-אַראָפּ, באַרג-אַראָפּ!"

זי גיט זיך האַסטיק אַ דריי אויס און דערשרעקט זיך פאַר דער האַלב־פינצטערניש אין צימער. פון אונטער יעדן שטיק מעבל, דאַכט זיך איר, שטעקט אַ צונג: „באַרג-אַראָפּ, באַרג-אַראָפּ!" זי לויפט צו צו דער וואַנט, וואו דאָס עלעקטרישע קנעפּל געפינט זיך און טאַפּט מיט אַ ציטערדיקער האַנט. זי לאָזט אַרויס אַ האַלב־היסטערישן „האַ!" ווען עס בליצט אויף דער עלעקטרישער שטראָם פון דער סטעליע. פון די צימערן דערטראָגן זיך צו איר די ריטמישע אָטעמס פון די שלאָפנדיקע קינדער. פון דער קיך דערטראָגט זיך דאָס געקלאַנג פון וואַשן טעלער-לעפל. דער געדאַנק, אַז זי איז ניט אַליין אין הויז, באַרויקט זי אַביסל.

אָבער אָט עפנט זיך די טיר. זי שפּרינגט אויף ווי אַן אונטער־געשאָסענע: „בעני, פאַרוואָס אַזוי שפּעט? וואו ביסטו געוו . . . . ?" דערזעענדיק די צעטראָגענע אויגן פון איר מאַן, בלייבן די לעצטע ווערטער דערוואָרגן אין איר האַלדז.

„ווילסט מאָרגן גיין מיט מיר אין שאַפּ—זאָגט בעני—אַ סטרייק! זיי פאַדערן „בעק-פּעי!" (פאַרהאַלטענעם לוין).

מאַדאַם בלומענקראַנץ, אַ וואַקלדיקע, כאַפּט זיך אָן ביי דעם שפּיץ פון דער פּיאַנאָ. בעז, אַליין אַ דערשראָקענער:

„שרעק זיך ניט, איך האָב געלאָזט וויסן דער פּאָליציי."

אָבער מאַדאַם בלומענקראַנץ הערט שוין ניט די לעצטע ווער־טער. די באַנייטע טריט אינעם בוידעם־שטיבל, ווי פינגער אויף אַ פּיאַנאָ, שפּילן אויס:

„באַרג אַראָפּ! באַרג אַראָפּ־ראָפּ ראָפּ!"

אַ צוק מיט אַ ברעם, מיט פינגער צייגנדיק צום בוידעם־שטיבל, פאַלט מאַדאַם בלומענקראַנץ אַ פאַרחלשטע אין די אויפגערעגטע אָרעמס פון איר צעשראָקענעם מאַן:

„גלעדים! גלעדים! שנעלער: וואַסער! וואַסער!"

לאַקירטע שטיוועלעטלעך

איציק רייבט זיך די אויגן און וויל אַרויסטרייבן דעם שלאָף, וואָס גנבעט זיך, קעגן זיין ווילן, אַריין צו אים אין יעדן אבר, פאַר־טשאַדיעט אים די געדאַנקען און גיסט אָן דעם קאָפּ מיט בליי. צווישן די ברעמען האָט זיך אַ קנייטש איינגעקאַרבט פון צופיל אָנשטרענגען די מוסקולן. די אויגן זיינען אים געוואָרן שמעלער און שמעלער.

ס'איז דען אַ חידוש? אַז דער נעכטיקער יוניאָן־מיטינג האָט זיך ביז צוויי ביינאַכט פאַרצויגן און איציק איז ניט קיין אויסגעשלאָפענער פון דאַרטן צום באַן אַוועק. און איצט לויפט די באַן אַזוי שנעל! כוואַליענדיקע פעלדער, געדיכט־באַוואַקסענע בערג מיט דערפלעך אויף זייערע שטיינערנע רוקנס לויפן איילנדיק פאַרביי... איציק, אָבער, וויל ניט דורכלאָזן איין פאַרביילויפנדיק ביימל אומבאַמערקט. איציקס אויגן זיינען אַזוי דאַרשטיק ווי טרוקענער באָדן, וואָס האָט לאַנג געוואַרט אויף אַ דערפרישנדיקן רעגן.

זיין האַרץ טאַנצט אַ גאַנצן טאָג פון פרייד און באַגייסטערונג. לאַנג, לאַנג, מיט יאָרן צוריק האָט ער געלערנט אַמעריקאַנישע געאָ־גראַפיע, אָבער קיינמאָל ניט געהאַט די געלעגנהייט אַליין צו זען די ווילדע און פריידיקע קאַפּריזן פון דער נאַטור. טיף אין זיין באַוואוסט־זיין איז אויך דער פאַרלאַנג, צווישן טויזנטער אַנדערע טרוימען און באַגערן פאַרבליבן אומבאַפרידיקט. ביי דעם געדאַנק קריצט ער מיט די ציין. ער דערמאָנט זיך אין מיליאָנען אַרבעטער, וואָס לעבן אָפּ זייער גאַנץ לעבן אין איין פאַרשטיקטן ווינקל, האָבן ניט די געלעגנ־הייט, די מאַטעריעלע מעגלעכקייט צו זען די שיינע וועלט אין וועל־כער זיי זיינען געבוירן געוואָרן, אין וועלכער זיי עקזיסטירן כמעט ווי שטייענדיקע בוימער. דער גאַנצער ערדישער גן־עדן בענקט נאָך זיינע אַרויסגעטריבענע קינדער. די ליידן פון די אַרויסגעטריבענע זיינען ווי בלאַטיקע פלעקן אויף אַ נאַר־וואָס אויסגעקאַלעכטער וואַנט.

ווי ערלעך־שיין די וועלט וואָלט אויסגעקוקט, ווען מען ווישט אָפּ די קויטיקע פלעקן.

איציק אַליין איז אויך אַן אַרבעטער. זיין זיידע, ר׳ יונטל מיט דער ווייסער באָרד, וואָס קוקט אויס ווי אַ ווייס־פּוכאָווער פּעכער. רופט אים, איציקן: „איציק דער שלים־מזל״. סטייטש, די גאַנצע משפּחה ביז די אור־אור־אור־עלטערן זיינען בכבודיקע סוחרים געווען, און אים, איציקן ציט עס גאָר צום האַמער און צו צוועקעס. אַז אַך־און־ווי איז צו זיינע אַלטע יאָר, וואָס ער האָט זיך דערלעבט: זיין איין־און־איינציקע טאָכטער צירל, זאָל חתונה האָבן מיט אַ שוסטער־יונג און אויך דאָס איינקל שלעפּט עס צום האַמער! וואָס דען? ער האָט עס פריער געוואוסט: געראָטן אין טאַטן... ס׳איז אים אַ חרפּה און אַ בושה פאַר לייטן. און וואָס ס׳פאַרדריסט אים נאָך מער, איז ווען ער בעט איציקן:

„פּרואוו, אַקאָרשט, כ׳וועל דיר געבן אַ פּאָר הונדערט דאָלער און ווער אַ סוחר. וועסט זען, וועסט קיין חרטה ניט האָבן. וועסט מיר דערנאָך דאַנקען.״

איציק טוט דערביי אַ שמייכל און באַרואיקט דעם זיידן:

„זיידע לעבן, זאָרג זיך ניט, כ׳וועל אַליין אָפּקומען פאַר מיינע זינד.״

דערצו איז איציק נאָך אַ קליינער פאַרדינער. ניט חלילה, ווייל ער קאָן ניט די אַרבעט. ניין, פּונקט פאַרקערט. אַז דער באַלעבאָס דאַרף אַ גאַרניטער מעבל פאַרן שאָו־פענצטער פון זיין קראָם, ברענגט ער עס צו איציקן ער זאָל עס אויפאַרבעטן. דערפאַר טאַקע האַלט זיך איציק אויף קיין פלאַץ לאַנג ניט איין. ערשטנס, איז ער, ווי די בעלי־בתים רופן אים, „אַ טראָבל־מאַכער״ (אַ צרות־מאַכער). ער בונ־טעוועט די אַרבעטער. צווייטנס, טענהן זיי, באַצאָלט זיך ניט אים צו באַשעפטיקן: ער שפּילט זיך ביי דער אַרבעט. ניט ווייל ער איז צו לאַנגזאַם. פאַרקערט, אַליין איז ער אַ שטיק קוועקזילבער, אַ קוואַל פון יוגנטלעכער ענערגיע. אָבער, ווען ער בעט אויס אַן אָרעם פון אַ שטול און קלאַפּט אויס די פעלדעלעך, טרעט ער אָפּ אַ פּאָר שפּאַן

אויף צוריק, פאַרלייגט די הענט אויף די קליבעס, באַקוקט גוט דעם אָרעם, באַקוקט דעם גאַנצן שטול, טוט אַ שמייכל און זאָגט, פאַר־זיכערנדיק זיך אַליין: „שיין, אַט אַזוי דאַרף עס אַרויסקומען!" אָפּט קריגט ער זיך מיטן „דעזיינער" (מאָדעלירער), הלמאי די קאָלירן האַרמאָנירן ניט.

אַט אַזוי גייט ער פון איין שאַפּ (אַטעליע) אין צווייטן ביז ער מוז פאַרלאָזן די שטאָט און זוכן אַרבעט ערגעץ אַנדערש. איציקן אַרט עס ווייניק וואָס. ער האָט סיי־ווי ליב צו וואַנדערן. ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ ווינטערדיקן זאַווערוכע־טאָג. האָט זיך די זאַווערוכע אין זיין געמיט פאַרזעצט און יאָגט אים פון אָרט צו אָרט. אין ניו־יאָרק איז ער שוין פאַרבליבן. די יוניאָן איז אין ניו־יאָרק אַ שטאַרקע און ס'איז ניט גרינג דעם באַלעבאָס פון אים פטור צו ווערן. דערצו האָט אים ניו־יאָרק היפּנאָטיזירט. ניו־יאָרק! אַ צויבערלאַנד פון טויזנט־און־איין־נאַכט!

איצט גליטשט ער זיך אויף אַ באַן דורך די „אַלעגהיינע בערג". ער איז אַ דעלעגאַט פון זיין יוניאָן צו אַ קאָנווענשאָן פון זיין יוניאָן. די קאָנווענשאָן קומט טאַקע איצט פאָר אין דעטראָיט.

דער צוג לויפט. אַט איז ער אויף אַ שפּיץ באַרג. דער צוג רעוועט ווי אַ ווילדע חיה. דער צוג קערעוועט זיך עלאַסטיש, ווי אַ בייגיקע שלאַנג און גאַרטלט אַרום אַ צווייטן באַרג. איציק זעט דורכן פענצ־טער ווי אַ צווייטער צוג יאָגט זיך נאָך זיינעם. ער זעט אים פונדער־ווייטנס ווי אַ קינדער־שפּילכל. די גאַנצע געגנט זעט אויס ווי אַ שיינער האַריקער טעפּעך: גרין, טונקל־גרין און נאָך געדיכטער טונקל־גרין. מיטן שטייגן צום שפּיץ באַרג ווערט דער האָריזאָנט ברייטער און ווייטער. די הייזער אין טאָל קוקן אויס ווי קעסטעלעך פון שווע־בעלעך אָדער גאָר ווי קינדערשע צאַצקעס. די לאַנגע געפלאַסטערטע וועגן זיינען ווי די ווייטע, ברייטע שלענגלדיקע סטענגעס, וואָס באַזוימען דעם גרינעם טעפּעך. דער הימל קוקט אויס ווי אַ בלויע שיסל איבערגעקערט איבער דער ערד. עס דאַכט זיך איציקן, אַז ער און דער צוג שטייען אין צענטער פון ערד־קוגל און אַרום זיי דרייען

זיך די שורות פֿון קאַרטאָפֿליעס. ווען די באַן יאָגט זיך באַרג־אַראָפּ שליסן זיך, פּלוצלונג, צוויי בערג צוזאַמען און איציק פֿילט, ווי ער מיט דער באַן וואָלטן פֿון אַ ריזיקן מאָנסטער איינגעשלונגען געוואָרן.

איציק קאָן ניט איינזיצן אויף איין פּלאַץ. עטלעכע מאָל איז ער אַרויס אויף דער אָפֿענער פּלאַטפֿאָרמע און איבערגעבויגן זיך איבערן אײַזערנעם שטאַכעטל. די פֿאַרביילויפֿנדיקע, אָנגעגליטע לופֿט שמייסט אים דאָס פּנים. די האָר צעשויבערן זיך, עס האָט אים דער אָטעם פֿאַרכאַפּט. אָבער וועמען אַרט עס! ער שטרעקט אויס די האַנט און כאַפּט אָן די שטייפֿע, געדיכט־צונויפֿגעפּרעסטע לופֿט. אַ פֿולע זשמעניע האָט ער, נאָר אַרײַנצוליגן זי אין קעשענע!

מיטן זון־אונטערגאַנג האָבן זיך שאָטנס אָנגעהויבן שלײַכן. די שאָטנס טאַנצן נידעריקער און העכער; רײַצן זיך איינס מיטן צווייטן, באַהעפֿטן זיך, דערנאָך צעטיילן זיך און אַנטלויפֿן איינס פֿון צווייטן. די שפּיצן פֿון די בערג האָבן זיך אונטער אַ פּיאָלעטעווען אַבאַזשור סודותדיק געלאַסטשעט און אין צויבער פֿון זײַן פֿאַרגאַנגען. די שאָטנס האָבן זיך ענדלעך צוזאַמענגעמישט. אַ טומאַן האָט שפּעטער אָנגעהויבן אַראָפּהויכן און זיך לאַנגזאַם צעשפּרייט, פּונקט ווי אַן אומזעבאַרע האַנט וואָלט די גאַנצע געגנט אין אַ גרוי־בלויען טיול איינגעהילט. די לעמפּלעך אין באַן האָבן זיך אָנגעצונדן. איציק איז אין באַן אַריין און זיך אויף זײַן פּלאַץ געזעצט. זײַנע אויגן־דעקלעך האָבן זיך לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזט, נאָר איציק, דוכט זיך, שלאָפֿט ניט. ער זעט ווי עס שווימען בערג — גרויסע און קליינע. אָבער איין באַרג איז אַזאַ באַקאַנטער, מיט אַ האָרב אויף דער רעכטער זייט. וואו האָט ער אים געזען? אויך דאָס וואַסערל, וואָס פֿליסט אונטן, האָט ער ערגעץ געזען. און אָ, איציק ציטערט אויף. די שטיבלעך אונטן אין טאָל, די שטיבלעך; זיי זײַנען אַלע אים אַזוי באַקאַנט, אַזוי נאָענט! יאָ.

יאָ, דאָס איז זײַן געבורט־שטעטל. אָט דאָרטן שטייט די שול. לעבן סאַמע בולוואַר. די שול, וועלכע מען האָט, ווי מען דערציילט, גראָבנדיק הורבעס בערג, געפֿונען. און אַנטקעגן דער שול, אַביסל

העכער, שטייט דאָס זעלבע הויז מיטן הילצערנעם גאַנעק. דער גאַנעק, וואָס פלעגט פול ווערן מיט מענטשן, ווען מען האָט אַ מת פאַרביי־געטראָגן פאַרביי דער שול, אָדער אַ חופּה געשטעלט לעבן איר. די הויז, וואו ער, איציק, האָט געוואוינט און זיך געדראַפּעט אויף די שטאַכעטן.

און מערקווירדיק: ווען ער דערמאָנט זיך וועגן זיין שטעטל, שווימט אַזוי בולט איין־און־דאָס־זעלבע בילד אַרויס: ער, איציק דעם שוסטערס און גרישאַ דעם מילנערס. איציק און גרישאַ — צוויי חברים, צוויי חדר־אינגלעך. איציק — אַ באָרוועסער, גרישאַ — אין לאַקירטע שטיוועליעטלעך. איין שבת בייטאָג. דאָס שטעטל דרימלט. יונגע מיידלעך און בחורים גנבענען זיך אַרויס פון די סקריפּנדיקע טירן און ציען זיך שערענגעסווייז צום בריקל, וואָס פירט צום שטעטלשן בולוואַר. איציק לויפט אַ באָרוועסער. שנעל, שנעל, פייל־אויסן־בויגן! ווען ער קימט צו צו גרישאַס הויז, פאַרלאַנגזאַמט ער די טריט. שאַרט זיך שטיל לעבן דער וואַנט. לעבן אַלקער בויגט ער זיך אָן און טוט שטיל אַ פייף. עס עפנט זיך פאַרזיכטיק דאָס פענצטער, און גרישאַ הויבט אָן, אַ ציטערנדיקער פון מורא און געוואַגטקייט, אַרויסקריכן. איציק כאַפּט אים אָן ביי דער האַנט און — היידאַ צום בריקל.

כאָטש איציק איז אַ באָרוועסער, לויפט ער שנעל, שנעל. גרישאַ שלעפּט זיך אים נאָך און עטלעכע מאָל איז ער שיר ניט געפאַלן. אָבער גרישאַ שווייגט. אַלע מאָל שווייגט גרישאַ, ווייל איציק האָט אַלע מאָל אַזעלכע קלוגע איינפאַלן. ער איז דאָך דער פירער צווישן אַלע אינגלעך. פלוצלונג שטעלט זיך גרישאַ אָפּ אַ בלאַסער, ציט אויס די רעכטע האַנט און ווייזט צום בריקל: „מיין שוועסטער, זי וועט מיך אהיים טרייבן."

איציק רעדט ניט קיין וואָרט. ער טוט אַ צי גרישאַן און פאַר־קערעוועט צום טייכל, אַביסל ווייטער פון בריקל, און שלעפּט גרישאַן גלייך אין וואַסער אַריין.

„מיינע שטיוועליעטלעך", שרייט גרישאַ, „מיין מאַמע וועט מיך שלאָגן." אָבער איציק הערט ניט. עפּעס האָט ער אַ ווילדע הנאה,

זוי ער וואָלט נקמה נעמען פאַר זיין באַרוועס־גיין. אַריבער דאָס טייכל האָבן זיי, ווי צוויי שוואַרצע זשוקעלעך, אָנגעהויבן קלעטערן אויפן באַרג. אָ, ניין! איציק גייט נישט אין בולוואַר. אים ציט צום שפּיץ־באַרג: וואו דער הימל מיט דער ערד קושן זיך! וואו די שעפעלעך מיט די ציגן פאַשען זיך...

„וואָס טוט ער איצט גרישאַ? טראַגט ער נאָך אַלץ די לאַקירטע שטיוועליעטלעך?" טראַכט איציק. ער האָט אים איבערגעלאָזט אַ גימנאַזיסט אינדערהיים, מיט אַזאַ שיינעם קאַשקעט. אַ קאַשקעט מיט אַ ווייסן דענעק, מיט אַ גלאַנצנדיקן דאַשעק און מיט אַ גאָלדן קנעפּל. שפּעטער האָט ער געהערט, אַז אויך גרישאַ איז אַוועק קיין אַמעריקע. אין דעטראָיט וואוינט ער. איציק האָט אים געשריבן אַז ער פאָרט קיין דעטראָיט צו אַ קאָנווענשאַן, ער זאָל אים אָבער ניט קומען באַגעגענען. ער וויל אַליין געפינען גרישאַס הויז.

הו־הו, הו־ו־ו, קוויטשעט דראָענדיק דער לאָקאָמאָטיוו. אין שפּאַרונג פון דער האַלב־אָפענער טיר באַווייזט זיך דעם קאָנדוקטאָרס קאָפּ. פון זיין מויל פליען אַרויס די ווערטער: „דעטראָיט, לעצטע סטאַנציע!" זיי שלאָגן זיך דאָן אָן אין די פאַרשלאָפענע אויערן פון די פּאַסאַזשירן. די לופט ווערט אומרואיק, רירעוודיק. אייניקע שלעפּן די סאַקוואַיאַזשן אַראָפּ פון די פּאָליצעס, אַנדערע קאַלעכן די נעז. מען רייבט זיך די אויגן. איציק גלעט צו זיינע האָר, הויבט אויף זיינע ליידיקע הענט און גייט צו שפּרינגענדיק צו דער טיר. די רעדער פון באַן דרייען זיך נאָך אַלץ מיטן זעלבן שנעלן טעמפּאָ: טאַטאַטאַ, טאַטאַטאַ. און אָט ווערן זיי לאַנגזאַמער: „טאַ־טאַ־טאַ, טאַ־טאַ־טאַ, טאַ־טאַטאַ". און איציק איז שוין מיט איין שפּרונג אין דרויסן.

ער קוקט זיך אַרום, דאַכט זיך אַ באַקאַנט פּנים? עפּעס ווי דורך אַ געדיכטן נעפּל שווימען אַרויס די שטריכן פון דעם פּנים.ביידע דערנענטערן זיך לאַנגזאַם, ניט זיכער: „גרישאַ?" „איציק?"

„כ'האָב דאָך דיך געבעטן און געשריבן מיך ניט קומען באַגע־גענען. אַזאַ געוואוינהייט האָב איך, אַרומצוואַנדערן אַביסל אין

אַן אומבאַקאַנטער שטאָט נאָך איידער איך, איך זע אימיצן, און צווייטנס, ס'איז שפּעט, כ'דאַרף שוין גיין צו דער קאָנווענשאָן."

„קוק אים נאָר אָן, בייזערט זיך גרישאַ, דער זעלבער איציק — עולם התוהו. פּליט, קאָן ניט איינשטיין אויף אַן אָרט. וואַרט אַביסל, קום עפּעס אָפּעסן..."

„ניין, ניט קיין עולם התוהו", שלאָגט אים איבער איציק, „פּשוט אַזוי. דאָס בלוט רוישט"...

„האָב קיין מורא ניט, ס'וועט ניט נעמען לאַנג, כ'וועל דיך צופירן אין מיין 'לימוזין'."

„האָסט אַ לימוזין, גרישאַ?"

„נו, יאָ. און אַ ווייבל און צוויי קינדערלעך און אַ שאָפּ מיט אַרבעטער. אָבער וועגן דעם שפּעטער."

איציק פאַרקנייטשט דעם שטערן. דערזעענדיק דאָס פאַרקרימען זיך פון גרישאַס פּנים אין אַ בעטנדיקן אויסדרוק, קריגט איציק באַלד חרטה: „נו, גוט, קום." גרישאַ פירט אים צו צו אַן אויטאָמאָביל. איציקס אויגן ווערן עפּעס ווי קאַלאָמוטנע. אַנשטאָט דער מאַשין זעט ער צוויי ריזיקע לאַקירטע שטיוועליעטלעך שטיין. אין איינעם זיצן צוויי קינדער און אַ ווייבל, וואָס קייעט לעקישעוואַטע אַ גומענע צוקערקע; אין דעם צווייטן זיצט אַ „שאָפער" (אָנטרייבער).

„באַקענט זיך" — ברענגט אים גרישאַ אַרויס פון זיין פאַר-טראַכטקייט — „דאָס איז מיין פרוי און קינדער, און דאָס איז — ווענדעט ער זיך צו זיין ווייבל — מיין חבר איציק."

איציק צווינגט זיך אַ שמייכל צו טאָן און שאָקלט מיטן קאָפּ. זיי זעצן זיך אַריין אין לימוזין און פאָרן צו צום רעסטאָראַן. איציק עסט און גרישאַ קאָן זיך ניט איינהאַלטן און האַלט אין איין שטעלן פראַגעס: „האָסט אַ היים? אַ פאַמיליע?"

איציק זופט דעם קאַלטן באָרשטש און: „זיכער, געדענקסט ציפּקע דעם גאַרבערס? זי איז מיין ווייבל, ווי דו רופסט עס. זי איז איצט אַן אָנפירערין אין אַ קינדער-קעמפּ."

„נו, און קינדער, אַ הויז?"

„קינדער? יאָ! אַ גאַנצן קעמפּ מיט קינדערלעך. און אַ הויז? ציפּקע האָט ניט ליב צו ווישן שטויב אַ גאַנצן לעבן פון מעבל. זומער איז זי אין קעמפּ און קומט דער ווינטער, אַרבעטן מיר ביידע אין אַ שאַפּ."

גרישאַ בלייבט אַ שטילער, פרעגט ניט מער. כאַפּט אַ זייטיקן קוק אויף זיין ווייבל, וואָס זיצט דערביי און האַלט אין איין מעלה־גרהן. איציק ענדיקט מיט אַ שוואַרצער, הייסער קאַווע, פאַררויכערט אַ סיגאַרעטל און ביידע גייען שטומע צו דער מאַשין. די מאַשין שטעלט זיך אָפּ ביים לייבאָר־ליסעאום. איציק שפרינגט אַרויס.

„איציק", רופט זיך אָן גרישאַ, „כ'וועל קומען נאָכן קאָנווענשאָן וועסט שלאָפן ביי מיר, וועלן מיר אַ באַלאַקע־טאָן וועגן אונדזער שטעטל, און מאָרגן וועל איך מיט דיר פאָרן, וועסטו באַקוקן די שטאָט."

איציק בלייבט שטיין אַ שטילער, אַ פאַרטראַכטער, און ענט־פערט נישט. דער ערשטער געפיל איז געווען צו ענטפערן: „ניין". איציק קוקט ניט אויף גרישאַן, נאָר זיינע געדאַנקען לויפן שנעל, שנעל, און זוכן אַ באַלויכטונג צום געזעלשאַפטלעכן פּלאָנטער: „אַז בסך־הכל גייען זיי אויף פאַרשיידענע וועגן, אַז בסך־הכל איז ער און גרישאַ במעט שונאים, געזעלשאַפטלעכע שונאים; ער — איציק, אַ באַרוועסער, און גרישאַ — אין לאַקירטע שטיוועליעטלעך." אָבער גרישאַ ברענגט אים אַרויס פון זיין פאַרטראַכטקייט: „נו, איציק, וועגן וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרטראַכט? איז אָפּגעמאַכט? איך קום דיך נעמען? יאָ?"

„י־י־י־אָ־אָ", שטאַמלט איציק ניט זיכער אַרויס. און אין טאָן האָט זיך געפילט: „נו, זאָל מיינס איבערגיין!" . . .

זיי געזעגענען זיך. איציק עפנט האַסטיק די טיר פון קאָנ־ווענשאָן־זאַל. ס'האָט אַ בלענד געטאָן אויף אים מיט טויזנטער זשומענדיקע ליכטער. ער זעצט זיך אַ באַפרייטער אויף דער באַנק.

מודה אני לפניך!

אין אַ ווינקל פון אַ קליין שטעטל אין פּאָדאָליע איז געשטאַנען אַ מאָנאַסטיר. דער מאָנאַסטיר, אויף דער „טאַרהאָוויצע", איז געווען טיף אַריינגערוקט אין אַ הויף. אין הויף זיינען געוואַקסן צענדליקער בוימער — פּרוכט־בוימער און נאָדל־בוימער. די בוימער האָבן באַהאַלטן דעם מאָנאַסטיר אין אַ צויבער פון גרינס. דער גאָרטן און דער מאָנאַסטיר זיינען געווען אָפּגעצאַמט פון דער גאַס מיט אַ הויכער וואַנט. אַ ברייטער אייזערנער טויער האָט זיך פון צייט־צו־צייט געעפנט און פאַרמאַכט — אַרויסצולאָזן אָדער אַריינצולאָזן די מאָנאַשקעס, וואָס האָבן געוואוינט אין דעם מאָנאַסטיר.

אין דער צווייטער וועלט־מלחמה איז דאָס שטעטל אַרונטער־געפאַלן אונטערן קאָנטראָל פון דער רומענישער רעגירונג. אין שטע־טעלע האָט זיך אין יאָר 1942 אַריינגעגאָסן אַ שטראָם פון אַריבער צען טויזנט אידן פון די אַרומיקע שטעטלעך. עס האָבן אין שטעטל געבושעוועט עפּידעמיעס פון טיפוס, כאָליערע און אַנדערע אַנשטעקנ־דיקע קראַנקהייטן. מענטשן זיינען געפאַלן ווי פליגן פון די קראַנק־הייטן און פון הונגער. די נאַצי־דייטשן פלעגן כאַפּן מענטשן אויף צוואַנג־אַרבעט, אָבער מען האָט ניט געהרגעט. אויף די גאַסן האָבן זיך באַוויזן צענדליקער פאַר'יתומ'טע קינדער.

פאַר די קינדער פון שטעטל איז דער מאָנאַסטיר, מיטן געהיימ־ניספולן גאָרטן, געווען אַ פאַרכישופטער פּאַלאַץ פון אַ צויבער־משהלע פון „טויזנט־און־איין נאַכט", וואָס זיי פלעגן הערן פון זייערע מאַמעס און באָבעס.

ניט איין מאָל פלעגט אַ קינד פאַרבלאָנדזשען צו די טויערן פון מאָנאַסטיר, אַריינשטעקן דאָס נעזל אין די שפּאַכעטן, אַריינגראָבן די פינגערלעך אין די אייזערנע פאַרענטשעס און שעה'ן־לאַנג שטיין אין פאַרגליווערונג און זיך ניט רירן פון אָרט. עס האָט געמאַכט

דעם איינדרוק, ווי דאָס קינד זאָל זיין אַ טייל פון געוועב פון אייזער־נעם טויער.

אין אַזעלכע פאַלן פלעגט זיך באַווייזן פון דער טיפעניש פון צויבער־גאָרטן אַ הויכע, שטאַלטנע פיגור, געקליידט אין אַ לאַנגער שוואַרצער קלייד, מיט אַ ווייסן טשיפּעק אויפן קאָפּ. די פיגור פלעגט אויפשליסן דעם שלאָס; עפענען דעם טויער, נעמען דאָס קינד ביים הענטל און נאָכן פאַרשליסן צוריק דעם טויער פאַרשווינדן אין די טיפענישן פון די גרינסן. אין משך פון אַ וואָך פלעגן אַזעלכע קינדער זיך אומקערן צוריק צו זייערע היימען. די פּראָצעדור פון אויסגעפינען, צו וועמען דאָס קינד באַלאַנגט, איז געווען אַ פּשוטע. די עלטסטע פון די מאָנאַשקעס פלעגט אויספרעגן דאָס קינד:

— וואָס איז דיין נאָמען, אינגעלע ?

— קיריל — ענטפערט דאָס דאַרינקע, בלאָנד און בלוי־אויגיק קינד, צאַרט ווי אַ מלאכל.

— און וואָס איז דיין טאַטנס נאָמען?

— איוואַן פּעטראָוו.

— און וואו וואוינסטו, קיריל ?

— אויף דער סלאָבאָדקע.

אַ צווייט קינד:

— וואָס איז דיין נאָמען, קינד?

— מישאַ — ענטפערט דאָס פיר־יאָריק קינד, שטיל און פאַר־שעמט, אַראָפּלאָזנדיק די לאַנגע וויעס איבער די שוואַרצע פאַרחלומטע אויגעלעך.

— און ווי רופט מען דיין טאַטן?

— סאַשאַ.

— האָט דיך אימיצער געבראַכט אהער?

דאָס קינד שווייגט און שאָקלט מיטן קעפּל אויף יאָ.

— ווער האָט דיך געבראַכט?

— מיין שוועסטער — פליסטערט ער אַרויס נאָך שטילער.

— ווי רופסטו דיין שוועסטער?
— ליזאַ — ענטפערט ער, ניט אויפהויבנדיק די אויגלעך.
— און וואו איז דיין שוועסטער?
— איך ווייס ניט — כליפעט דאָס קינד. טרערן קייקלען זיך איבער זיינע בלאַסע בעקלעך.

מען פלעגט די קינדער אַרומוואַשן, אָנהאָדעווען און זיי אָפּפירן אויפן אַדרעס, וועלכן מען האָט פון זיי אַרויסגעקראָגן. עס פלעגן אָבער אויך זיין פאַלן, ווי ביי מישאַן, אַז דאָס קינד האָט אַליין קיין אַדרעס ניט געוואוסט. נאָכן נאָכפרעגן אין שטעטל און אַרום די דערפער, פלעגט פּאַסירן, אַז קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן אָפּצונעמען דאָס קינד. אין אַזעלכע פאַלן פלעגט דאָס קינד בלייבן וואוינען אין מאָנאַסטיר. אָט אַזעלכע קינדער האָבן זיך אין די מלחמה־יאָרן אָנגעקליבן אַ היפשע צאָל.

אָט אַזוי איז געבוירן געוואָרן אַ יתומים־הויז אין דעם מאָנאַסטיר אונטער דער אויפפּאַסונג פון די מאָנאַשקעס. קירילן האָט מען אויפן דריטן טאָג אָפּגעפירט צו זיינע טאַטע־מאַמע. און אַ סך אַנדערע זיינען געבליבן וואוינען אין קינדערשן אָפּטייל פונעם מאָנאַסטיר.

מען האָט די קינדערלעך ווי־ניט־איז געקליידט, געשיכט, געהאָדעוועט, געלערנט דעם קריסטלעכן גלויבן. מען האָט זיי געלערנט זינגען רעליגיעזע הימנען און געשולט זיי צו זיין גלויביקע קריסטן.

די מאָנאַשקעס פלעגן יעדעם קינד באַהאַנדלען צאַרט, מיט מוטער־ליבע. די מיידלעך האָט מען געלערנט נייען און קאָכן. די אינגלעך האָט מען געלערנט סטאָליעריי. אַלע קינדער האָבן מיט חשק געאַרבעט אין גאָרטן און געלערנט זיך צו ווערן גוטע גערטנער.

איין מישאַ האָט זיך געפילט ווי אַ פרעמדער. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטער, אַ פאַרחלומטער, אַ בענקענדיקער און טרויעריקער. זיינע שוואַרצע אייגעלעך האָבן שטענדיק ווי אימיצן געזוכט. פאַר יעדן טרעשטש פון אַ צווייג, פאַר יעדן שאָרך פון גראָז, פלעגט ער בלייבן שטיין אין דערוואַרטונג, אַז עפּעס זאָל געשען. און אַז קיין זאַך איז ניט געשען, פלעגט ער אַן אנטוישטער דעריאָגן

די קינדערשע שערענגע, און פלעגמאַטיש און אַ שווייגנדיקער זיך נאָכשלעפּן אין אַ פאַרלוירנקייט.

די מאַנאַשקעס האָבן די אַנדערשקייט אין מישאַן באַמערקט. זיי האָבן געזוכט אַ מיטל, ווי אַזוי אים אַריינצוציען אין די קינדערשע אַקטיוויטעטן. געטריי און גענוי האָבן זיי אים, פון דער זייט, שטודירט, געזוכט אויסצוגעפינען אין וואָס דאָס קינד איז פאַר־אינטערעסירט.

איין מאָל, אין קינדערשן כאָר, ווען די קינדער האָבן געלערנט די ביבלישע הימנען, האָט די מאַנאַשקע, די געזאַנג־לערערין, באַמערקט, אַז מישאַ האָט דער ערשטער אויסגעלערנט דעם הימן. ווען דער אָרגל האָט באַגלייט דעם כאָר, פלעגט מישאַ, אַ פאַרציטערטער און אַ פאַרעקשנטער, ניט אַפּווענדן זיינע אויגעלעך פון אָרגל. ער פלעגט אַלע מאָל דער לעצטער, און ניט ווילנדיק, פאַרלאָזן די באַנק. ער פלעגט בלייבן זיצן מיט פאַרשפּיצטע אויערן און וואַרטן, אַז די מוזיקאַלישע קלאַנגען זאָלן ווידער פליסן פון אַלע ווינקלען פון צימער, ביז די לערערין פלעגט אים אָננעמען ביים הענטל און אים דעם לעצטן אַרויספירן צו די אַנדערע אַקטיוויטעטן.

פלוצלונג האָבן די מאַנאַשקעס אָנגעהויבן באַמערקן, אַז מישאַ פאַרשווינדט פון גאָרטן, פאַרשווינדט פון דער סטאָלעריי. לאַנג אים זוכן האָט מען ניט באַדאַרפט: עס האָבן זיך צו זייערע אויערן דער־טראָגן ווייטע מוזיקאַלישע קלאַנגען פון צימער, וואו דער אָרגל איז געשטאַנען.

די מוזיק־לערערין און דער אָרגל־שפּילער האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין דער ריכטונג פון וואַנען די קלאַנגען זיינען געקומען. זיי זיינען ביידע זעבליבן שטיין אויף דער שוועל, און מיט שטוינונג נאָכגעפאָלגט מישאָס קינדערשע פינגערלעך אַרומטאַנצן איבער די קלאַווישן פון אָרגל. ביידע זיינען געשטאַנען אויף דער שוועל ווי פאַרגליווערט און ניט געגלויבט זייערע אויגן און אויערן: מישאָס פינגערלעך זיינען אומזיכער געשפּרונגען פון קלאַוויש צו קלאַוויש און אויף אַ קינדערשן

אופן אויסגעצויבערט די ניגונים, וואָס מען האָט געלערנט מיטן קינדערשן כאָר.

מישאַ האָט אפילו ניט געהערט ווי ביידע האָבן שטיל צוגע־שפּאַנט צו זיין בענקל און געבליבן שטיין פּאַרטייעטע הינטער זיינע פּלייצעס. ווען מישאַ האָט געענדיקט שפּילן, האָט ער, ווי אינסטינק־טיוו, דערפילט די אָנוועזנהייט פון זיינע לערער. ער האָט שטיל און פאַרשעמט, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגעלעך, זיך אויסגעדרייט צו זיי. און אַ פאַרשולדיקטער געבליבן שטיין און געוואַרט אויף אַ פּאָר־דינטער שטראָף.

די צוויי לערער האָבן זיך מיט פאַרשטענדעניש דורכגעקוקט, און אָן אַ וואָרט גענומען מישאַן ביי ביידע הענטלעך, און גלעטנדיק אים איבערן קעפּל, אים אַרויסגעפירט צו די אַנדערע קינדער.

פון דאַן אָן פלעגט מישאַ יעדן טאָג, גאַנצע צוויי שעה, פאַר־ברענגען מיטן אָרגל־שפּילער ביי די קלאַווישן.

אינגיכן איז מישאַ געוואָרן אוים „פּראָבלעם". ער האָט גוט געגעסן, גוט געשלאָפן, און מיט אינטערעס זיך באַטייליקט אין אַלע אַנדערע קינדערשע טעטיקייטן. ער האָט מייסטעריש אויסגעפורעמט טישלעך און בענקלעך אין דער סטאָליערײ. און אין גאָרטן? ניט נאָר האָט ער געוואוסט די נעמען פון יעדן בוים, פון יעדער פלאַנץ, נאָר אויך מיט פאַרגעניגן זיך צוגעהערט צו דער צווישטשעריי פון די פייגל, צום קוואַקען פון די זשאַבעס, צום טרעשטשען פון די צווייגן, צום שורשען פון די בלעטער, צום רויש פון די ווינטלעך. ער האָט נאָכ־געשפּירט דעם גראָז־שפּרינגער, דעם געפּלי פון זומער־פייגעלעך; ער האָט דער ערשטער דערהערט דעם פּיקהאָלץ ביי טאָג און דעם גריל ביי נאַכט.

די מאַנאַשקעס האָבן אים ניט געשטערט אין זיינע שפּילערייען מיט די מיראַשקעס און זשוקלעך.

מען האָט אים קיינמאָל ניט געדאַרפט דערמאָנען די צייט פון דער מוזיק־לעקציע. באַלד נאָכן פרישטיק פלעגן די קינדער פאַרדעקן די בעטלעך, אָפּווישן דעם שטויב פון דיל און פענצטער, און אוועקלאָזן

זיך צו זייערע אַקטיוויטעטן: ווער אין סטאָליערײ, ווער אין קיך, ווער צו דער ניי־מאַשין, און מישאַ צום אָרגל. מישאַ פלעגט ניט גיין, נאָר לויפן, און אַ פאַרסאָפּעטער זיך זעצן לעבן דעם אָרגל. אַזוי זיינען אַריבער צוויי יאָר.

איין מאָל האָט זיך דער מוזיק־לערער פאַרשפּעטיקט. מישאַ האָט ניט געוואַרט אויפן לערער. ער האָט אויך ניט — ווי אַלע טאָג — פּראַקטיצירט די נעכטיקע לעקציע. ער איז געבליבן זיצן מיט פאַר־טראַכטע אויגעלעך ביים אָרגל און האָט אויטאָמאַטיש אָנגעהויבן אויסשפּילן זיין פאַרטראַכטקייט.

מישאַ האָט ניט געהערט ווי דער מוזיק־לערער האָט זיך דער־נענטערט. ניט געהערט ווי איין מאָנאַשקע נאָך דער צווייטער זיינען געבליבן שטיין פון יענער זייט צעעפנטער טיר. זיינע פינגערלעך האָבן מיט בענקשאַפט געצערטלט די קלאַווישן. פּלוצלונג האָט זיך דאָס מוזיק־צימער ווי פאַרוואַנדלט אין אַ לעבעדיקן גאָרטן: מיט פייגל צווישטשערײ, מיט שורשען פון בלעטער, מיטן דורכרופן זיך פון סאָוועס און קוואַקען פון זשאַבעס.

דער לערער איז שטיל געשטאַנען, אָנגעשפּאַרט אין וואַנט, און מיט אַ בליישטיפט שנעל און פּאַרזיכטיק פאַרצייכנט מישאַס מוזיק.

ווען מישאַ האָט פאַרענדיקט שפּילן, איז ער געבליבן זיצן ווי אין אַ טראַנס. דער לערער איז צו אים שטיל צוגעגאַנגען, אים אַ גלעט געטאָן איבערן קעפּל, און אים דערמאָנט אין דער נעכטיקער מוזיק־לעקציע.

פון דאַמאָלסט־אָן האָט דער לערער אָפּגעגעבן דרייסיק מינוט יעדן טאָג פון דער צוויי שעהדיקער לעקציע אויף האַרמאָניע און אויף מוזיקאַלישער קאָמפּאָזיציע, און דערלויבט מישאַן פאַרבלייבן ביי די קלאַווישן אויסצושפּילן זיינע אייגענע קאָמפּאָזיציעס. גאָר שנעל האָט מישאַ זיך אויסגעלערנט פאַרשרייבן זיינע קאָמפּאָזיציעס אין נאָטן.

דערווייל האָט די צווייטע וועלט־מלחמה געבושעוועט. די היט־לער־אַרמייען האָבן חרוב געמאַכט איין געגנט נאָך דער צווייטער. ווי דורך אַ נס זיינען דער מאָנאַסטיר און דאָס שטעטל געשטאַנען,

ווי אַן אָזים אין אַ מדבר פֿון צעשטערונג. פֿון צייט־צו־צייט פֿלעגן אַ פּאָר דייטשע סאָלדאַטן אַריין אין מאָנאַסטיר, איבערנישטערן דאָרט יעדעס ווינקעלע. זונטיקס פֿלעגט אַ האַלבער טוצן דייטשן בייוואוינען דאָס דאַווענען.

אָפֿט פֿלעגט דער אָרגל־שפּילער לאָזן מישאַן שפּילן די הימנען אויפֿן אָרגל פֿאַר די פֿאַרזאַמלטע. מישאַ פֿלעגט זיין אַזוי טיף אַריינגעטאָן אין שפּילן, אַז ער פֿלעגט אפילו ניט באַמערקן ווען דער עולם אין מאָנאַסטיר איז געוואָרן שיטער. דאַן פֿלעגט דער אָרגל־שפּילער שטיל אים אָפּפֿירן אין עס־צימער, וואו די קינדער פֿלעגן אויסגעהונגערטע זיך צוכאַפּן צו די מאָגערע מלחמה־מאָלצייטן, און האַלב־הונגעריקע פֿאַרלאָזן די טישן.

עס קומט צו דאָס יאָר **1945**. די מערסטע קינדער פֿונעם יתומים־הויז, האַלב־אויסגעהונגערטע, אָפּגעצערטע, זיינען געבליבן לעבן. די דייטשן זיינען פֿאַרשוואונדן. מען האָט זיי אַרויסגעטריבן פֿון לאַנד. די מלחמה האָט זיך געענדיקט. עס האָט זיך, ווי פֿאַר דער מלחמה, איינגעשטעלט די רעגירונג פֿון דער סאָוועטישער אוקראַינע. די שטרענגע אָפּגעזונדערטקייט פֿון דעם יתומים־הויז האָט זיך געביטן. די רעגירונג האָט אָנגעהויבן זאָרגן פֿאַר די קינדער. די דערציאונג פֿון די קינדער איז אַריבער אין די הענט פֿון קוואַליפֿיצירטע לערער פֿון דער מלוכה.

די פֿריערדיקע אָפּגעזונדערטקייט איז פֿאַרביטן געוואָרן אויף אַ נאָענטער באַציאונג צום לעבן פֿון שטעטל. פֿון צייט־צו־צייט האָט מען די קינדער געגעבן פֿירן אויף שפּאַצירן איבער די געסלעך פֿון שטעטל.

אין שטעטל האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן גאַסטראָליאָרן פֿון טעאַטער. עס זיינען אויך געקומען ווירטואָזן פֿון מוזיק. מען האָט די קינדער גענומען צו אַט־די טעאַטראַלע און מוזיקאַלישע יום־טובים.

איין מאָל איז אין שטעטל געקומען צוגאַסט אַ באַרימטער פּיאַניסט מיטן נאָמען: ליפּשיץ. מען האָט אים דערציילט פֿון מישאַס מוזיקאַלישן טאַלאַנט. דער פּיאַניסט ליפּשיץ האָט איינגעלאַדן מישאַן

שפילן איינע פון זיינע אייגענע קאָמפּאָזיציעס. מישאַ האָט זיך מיט חשק אָװעקגעזעצט בײַם אָרגל און אױסגעשפּילט איינע פון זײַנע שאַפונגען. דער פּיאַניסט ליפשיץ האָט אין דעם פינאַל פון דער קאָמ־פּאָזיציע דערהערט אַ פּאָר טענער פון „ניגון־ביאַליק". װען מישאַ האָט געענדיקט, האָט ליפשיץ, נאָך אַ פּאַוזע פון שטיל־שװײַגן, זיך צערעדט מיטן קינד:

— מישאַ — פרעגט ליפשיץ פּאָרזיכטיק — פון װאַנעט האָסטו גענומען די ניגונים?

דאָס קינד האָט זיך פאַרטראַכט און שטיל און צוטרוילעך גע־ענטפערט:

— פונעם אָרום און פון מיין זכרון.

— און װאו האָסטו געהערט דעם ניגון פונעם פינאַל?

— װי דורך אַ נעפּל — ענטפערט מישאַ לאַנגזאַם, װי ער װאָלט געפרואװט אַרויסרופן בילדער פון זײַנע גאָר פריע קינדער־יאָרן. — װי דורך אַ נעפּל געדענק איך מיין זיידן. ער פלעגט שפּילן אויף אַ פידל און ער האָט מיך געלערנט זינגען אַלץ, װאָס ער האָט געשפּילט אויפן פידל.

ליפשיץ פרעגט אים װייטער:

— און װאָס נאָך געדענקסטו פון יענע ערשטע טעג פון דיין קינדהייט?

מיט זיינע אויגעלעך אָנגעשטעלט אין דער װייט, ענטפערט מישאַ:

— **איך געדענק דריי װערטער, נאָר איך פאַרשטיי ניט זייער באַדייט.**

ליפשיץ: — װאָס זיינען די װערטער?

מישאַ: — מודה אני לפניך!

ליפשיץ: — פון װעמען און װאו האָסטו געהערט די 3 װערטער?

מישאַ: — מיין „באַבושקאַ" האָט זיי מיך געלערנט.

ליפשיץ איז אַװעק צום שטעטלשן קאָמיסאַריאַט, אים דער־ציילט דעם געשפּרעך, װאָס ער האָט געהאַט מיט מישאַן. דערקלערט

דעם קאַמיסאַר מישאַ אַפּשטאַם און געבעטן דערלויבעניש צו אַדאָפּ־
טירן דאָס קינד.

אַזוי איז מישאַ אַריבער צו דער משפּחה ליפּשיץ, וואו מען האָט
אים דערציילט, אַז ער שטאַמט פון אידישע עלטערן. מישאַ איז
אויסגעוואַקסן אונטער דער השגחה פונעם נייעם טאַטן ליפּשיץ.

מישאַ איז איצט אַ באַוואוסטער פּראָפעסאָר פון מוזיק.

טעפּלער

איטקעס האַרץ פילט זיך אָן מיט פרייד, ווען זי דערמאָנט זיך,
אַז מאָרגן גייט זי שוין צוריק צו דער אַרבעט. ס'איז זונטיק, די אויס־
געמוטשעטע מאַמע האָט זי אַוועקגעשיקט צו דער משפּחה, אַז זי,
די מאַמע, זאָל זיך אַביסל צעשטרייען. אַליין זיצט זי אָנגעשפּאַרט
אין דעם וויגשטול. אויף די קני ליגט דאָס ביכל, וואָס זי האַלט אין
לייענען. אַרום דער שטול ליגן צעוואָרפן טעגלעכע צייטונגען. זי קאָן
די אויגן ניט אָפּרייסן פון די נייעסן, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן.

אָבער דער טאָג איז שוין כמעט ווי אַריבער. די פינצטערניש
גנבעט זיך אַריין און פילט־אָן ווי אַ געדיכטער רויך יעדעם ווינקעלע
פון צימער... איטקע קאָן שוין מער ניט לייענען. די אותיות שפּרינגען
פאַר אירע אויגן. אָט האָבן זיי זיך צוזאַמענגעמישט אין אַ געדיכטער
מאַסע.. איטקע בלייבט זיצן אין שטול, ניט מאַכנדיק ליכטיק —
נאָך וואָס? עפּעס אַ ציטער נעמט זי אַרום...

פלוצלונג האָט אַ וויטער אַקאָרד פון אַ פּיאַנאָ זי אויפגעטרייסלט:
אַזאַ באַקאַנטער מאָטיוו! אָ, דאָס איז דאָך אירער אַ באַליבטער פאָלקס־
טאַנץ, וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין איר זכרון. אָט דער מאָטיוו

האָט געגעבן אירע געדאַנקען אַן אַנדער ווענדונג... זי הויבט־אָן בלעטערן איר יוגנט־בוך פון לעבן:

אָט זעט זי זיך ווי אַ קליין באָרוועס מיידעלע אין אַ שטעטל אין דער אוקראַינע. וויינענדיק, רייסט זי דער מאַמען ביים פאַרטוך, און פאָדערט מען זאָל זי שיקן צו אַ לערער. דער מאַמעס פּנים צעקרימט זיך ווייטיקדיק, אַרויספּרעסנדיק אַ פּאָר ווערטער:

„איך קאָן ניט, מיין קינד, איך קאָן ניט. לייקע און פרומקע לערנען זיך. וואו זאָל איך נעמען אַזויפיל געלט? דו ביסט דאָך די קלענסטע, טאָ וואַרט־צו אַביסל. לערן זיך פריער ביי פרומקען, און אַז דו וועסט שוין קענען לייענען, וועל איך דיך שיקן צו אַ לערער.”

איטקע פאַרלאָזט דער מאַמעס פאַרטוך. מיט אימפּעט לויפט זי אַרויס אין גאַס אָניאָגן די חברטעס אָנצוזאָגן זיי די גוטע בשורה. שטייען חברטעס מיט געזיכטער באַדעקט איינציטיק מיט פרייד און מיט טרויער: זיי האָבן ניט קיין עלטערע שוועסטער. איטקע טרייסט זיי. זי הייסט זיי וואַרטן. זי פאַרשווינדט גיך אין איר טיר. אין אַ מינוט אַרום באַווייזט זי זיך מיטן אַלפאַבעט־ביכל, מיט שטיקלעך ווייס פאַפּיר און אַ בלייפעדער. זי זעצט זיך לעבן הויז אויף די טרעפּ. די חברטעס רינגלען זי אַרום. באַלד איז די „אַזבוקע” קאָפּירט אויף עטלעכע שטיקלעך פאַפּיר. זי צעטיילט זיי צווישן די חברטעס און זאָגט זיי, אַז וואָס זי וועט נאָר אויסלערנען ביי דער שוועסטער, וועט זי עס אויך זיי אויסלערנען. די קינדער פאַרשווינדן פריילעכע אין די זייטיקע געסלעך, צוטוליענדיק זייער אוצר צו זייערע קינדערשע הערצער.

און אָט דערמאָנט זיך איטקע אין אַן אַנדער בילד: זי איז שוין אַביסל עלטער. צוזאַמען מיט די שוועסטער לערנט זי שוין אין אַ פּריוואַטער שול. זי גייט אַהיים פון שול איבערפילט מיט פרייד. זי האָט דאָך היינט געלערנט אין אַ ביכל, אַז די ערד איז קיילעכדיק ווי אַן עפּל. אָבי די מאַמע פלעגט איר שטענדיק דערציילן, אַז די ערד ענדיקט זיך פונקט ווי דער טיש, און ביים ברעג פון דער ערד איז דאָ

אַ פינצטערער אָפּגרונט, וואו עס געפינען זיך אַלערליי עקדישן. אָ, איצט וועט זי זאָגן דער מאַמען, אַז זי האָט אַ טעות.

קומענדיק אַהיים, געפינט זי די מאַמע ביים קאָכן. די מאַמע האָט ניט קיין צייט זי אויסצוהערן.

אָבער, מאַמע, איך וויל דיר זאָגן, אַז דו האָסט אַ טעות. די ערד...

— דאָס טעפּל, מיין קינד, דאָס טעפּל — שלאָגט איר די מאַמע איבער — איך האָב קיין צייט ניט.

איטקע צעוויינט זיך שיר ניט:

— פאַרוואָס זיצט ראָזע דעם מילנערס אַ גאַנצן טאָג מיט איר מאַמען אויף דעם גאַנעק און לערנט אין ביכלעך?

— איר מאַמע, מיין קינד, האָט צייט: די טעפּלעך קאָך איך פאַר איר.

איטקעס הענטלעך פאַרקוועטשן זיך אין פויסטלעך. קינדערשע ציינדלעך קריצן. אַ גאַנצע נאַכט האָט איטקע ניט געקענט שלאָפן. הייסע קינדערשע טרערן האָבן זיך געקייקלט אויפן קישן. אין יענער נאַכט האָט איטקע באַשלאָסן, קיינמאָל ניט צו עסן קיין געקאָכטע זאַכן. אָ, ווען מען לאָזט זי נאָר: אַלע טעפּלעך וואָלט זי צעבראָכן! איטקע האָט פאַריבל געהאַט אפילו אויף איר שטענדיק מידן טאַטן, פאַרוואָס ער לאָזט איר מאַמען קאָכן פאַר פרעמדע.

איין מאָל קומט אַריין איר פאָטער נאָכן ערשטן מנין פון בית-המדרש. ער קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן און הויבט-אָן סודותדיק דערציילן עפּעס דער מאַמען. איטקע ליגט אויפן בעט מיט דער כאָלדרע איבערגעדעקט איבערן קאָפּ. אָפּגעריסענע פראַזן און ווער-טער דערטראָגן זיך צו אירע אויערן:

— פּעטערבורג... פאַבריק... רויטע פאָן... אַראָפּגעוואָרפן דעם קיסר...

זי, איטקע, זעצט זיך האַסטיק אויף, דער פאָטער ווערט בלאַס...

— איטקע, האָסט געהערט וואָס איך האָב דערציילט?

— יאָ, וואָס איז דען, טאַטע?

— ווי איז מיר — ברעכט זיך איר פאָטער די הענט. —

למען־השם, זאָלסט זיך ניט דערוועגן צו ברענגען דאָס אויף דיינע ליפּן, דו הערסט? דו קאָנסט אונדז נאָך ברענגען אויפן פייער, אַלטער נאַר וואָס איך בין! זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און אויסוואָרטן אַביסל.

— שרעק זיך ניט, טאַטע — טרייסט אים איטקע — איך וועל קיינעם ניט דערציילן.

זי הויבט־אָן אַרויפציען די קליידלעך. דער טאַטע רעדט דער־וויל ווייטער מיט דער מאַמען:

— מען שמועסט אין בית־המדרש, אַז ס׳איז חלילה אַ נייער בילבול אויף אידן.

מיט די אָנקומענדיקע חדשים הויבט זיך אָן רודערן אין שטעטל. עס באַווייזן זיך הייפלעך מענטשן אויף יעדן ראָג פון גאַס, ווי אין די צייטן פון אַ שריפה. עס דרייען זיך אַרום „סטראַזשניקעס״ מיט אָפּ־געפּליקטע עפּאָליעטן ווי מיט פליכעס אויף די אַקסלען. פאַרשייטע און דרייסטע אינגלעך רייצן זיך מיט זיי, אַרויסשטעלנדיק זיי די צונג. שפּעטער פאַרשווינדן די „סטראַזשניקעס״ אינגאַנצן. זיי באַהאַלטן זיך אוים, ווי געיאָגטע שולדיקע חיות אין אַ וואַלד. עס באַווייזן זיך נייע מענטשן אין שטעטל. נאָך זייער אויסקוק דערקענט מען אין זיי גרויסשטאָט. עס קומען־פאַר דעמאָנסטראַציעס מיט רויטע פאָנען. די דעמאָנסטראַציעס ציען זיך איבער אַלע געסלעך פונעם שטעטל, און מאַכן יונגע אויגן בלישטשען מאָדנע, און די הערצער קלאַפּן האַסטיק. מען רייסט־אַראָפּ דעם קיסרס איינציקן דענקמאָל. אַלטע אידן שאָקלען מיט די קעפּ; אַלטע פּויערים צלמען זיך.

איטקע לויפט־אַרום מיט פאַרפלאַמטע באַקן און זאַפּט־איין אין זיך דעם גאַלאָפּ פון די געשעענישן. זי דערוויסט זיך, אַז עס זיינען אַראָפּגעקומען אינסטרוקטאָרן צו „אָרגאַניזירן די יוגנט״. ביידע עלטערע שוועסטער שליסן זיך אָן. איטקע שלעפּט זיך זיי נאָך, און הערט זיך צו אַלץ צו. כאָטש דער טאַטע האָט זיי אָנגעזאָגט צו שטיין פון אַלץ פונדערווייטן. איטקע איז הויך־געוואַקסיק און קוקט־אוים עלטער פון אירע יאָרן. זי פאַרלייקנט אירע יאָרן, און טאַנצט נאָך די עלטערע מיידלעך פון שטעטל. מען פרעגט אפילו ניט ווי אַלט

זי איז. זי געדענקט אַלץ אַזוי קלאָר, פּונקט ווי עס וואָלט ערשט נעכטן פּאַסירט.

אויך אין איטקעס שטוב האָט זיך עפּעס־וואָס געביטן. די מאַמע קאָכט שוין מער ניט פֿאַר דער מילנערין די טעפּ. אָבער אויך דערפֿאַר איז קיין ברויט נישטאָ אין הויז.

פּלוצים זיינען אַוועקגעפֿאַלן די ווענט פֿון תחום־המושב. גרויסע שטעט האָבן ברייט צעעפֿנט זייערע טויערן. די יוגנט האָט אַ יאָג געטאָן אין די גרויסע שטעט. אויך איטקע פֿאָרט־אַוועק אין אַ גרויסער שטאָט.

אַלע חברים, מיט וועלכע זי וואוינט אין דעם קאָאָפּעראַטיוון הויז, וואונדערן זיך, פֿאַרוואָס איטקע עסט קיינמאָל ניט קיין געקאָכטע שפּייז. אָבער בּיסלעכווייז געוואוינען זיי זיך צו צו דעם. בלויז וועלוול, מיט יועמען זי האָט זיך באַקאַנט אין יוגנט־הויז און וועלכער איז דורך דער לעצטער צייט געוואָרן איר נאָענטסטער פֿריינט, ווייסט די אורזאַך.

איטקע אַרבעט, לערנט און קעמפֿט. איינמאָל, אומקערנדיק זיך פֿון אַ מיטינג שפּעט ביינאַכט, טרעפֿט זי די וואוינונג דעקאָרירט מיט קאָלירטע פּאַפּירן, מיט בילדער און מיט פּלאַקאַטן. דאָס הויז איז גע־פּאַקט מיט יוגנטלעכע, וועמען זי באַגעגנט טאָג־טעגלעך ביי דער אַרבעט, שול און פֿאַרזאַמלונגען. זי בלייבט שטיין איבערראַשט. אָבער איידער זי האָט נאָך צייט עפּעס צו פֿרעגן, ווערט זי אונטער־געכאַפּט פֿון פֿריינט און מען טראָגט זי מיט פֿריידיקע אויסרופֿן איבער אַלע צימערן.

געשען איז אָט וואָס: אַ קאַרטל פֿון איר מוטער באַגריסט איטקען צו איר געבורטסטאָג, און חברים האָבן באַשלאָסן צו איבערראַשן זי מיט אַ ניט־דערוואַרטעטער שמחהלע.

— איטקע, איצט איז די צייט! דערצייל פֿאַרוואָס די קריצסט מיט די ציין ווען דו זעסט אַ טעפּל ? !

זי זעצט זיך אויף דער קאַנאַפּע. חברים אַרום איר, ווי קינדער אַרום אַ לערערין, ווער אויף דער זעלבער קאַנאַפּע, ווער אויף בענק־לעך, ווער אויפֿן דיל. פֿאַר אַ נויט שלעפּט מען אַריין אַ ליידיק קעסטל

פון פּאָרהיז, און מען אָרדנט זיך ווי־ניט־איז איין. אין פריידן דער־ציילט איטקע פון אירע גרויע קינדער־יאָרן. יאָרן פון הונגער. יאָרן פון דאָרשט נאָך וויסן, און ניט קאָנען זיך לערנען. אַנדערע דערציילן ניט ווייניקער טרויעריקע געשיכטעס פון זייערע קינדער־יאָרן. פריינט זיצן פאַרטיפט און באַמערקן ניט ווי וועלוול רוקט זיך שטיל אַרויס.

פּלוצלונג דערהערט זיך דאָס שפּילן פון אַ פידל. דאָס שפּילט מישאַ, וועלוולס חבר, איטקעס באַליבטן פאָלקס־טאַנץ. אַלע כאַפּן זיך אויף און לאָזן זיך אין אַ פלינק־פריילעכן קאַראַהאָד... אין גיכן באַווייזט זיך וועלוול מיט טעפּלעך אין די הענט. ער שפּרינגט־צו צו איטקען, און:

„נאַ, איטקע, נעם די טעפּלעך און קום טאַנצן אַ קאָזאַטשאָק!"

מיט די טעפּלעך אין די הענט טאַנצן זיי ביידע, ביז דער אָטעם פאַרכאַפּט זיי. איטקע טאַנצט ווי אַ פאַרכישופטע. מיטן גאַנצן אימפּעט פון איר שטורמישן וועזן. זי טאַנצט דעם טאַנץ פון „1917". טאַנצנדיק, זיינען די טעפּלעך צעבראָכן געוואָרן. צום סוף ווערט זי איינגעקלאַמערט אין וועלוולס יונגע, בחורשע אָרעמס.

אָט אויף דעם אָוונט האָט זיך איר איינגעקריצט דער באַליבטער מאָטיוו. און אָט רוקן זיך אָן יאָרן פון בירגער־קריג. עס ציען זיך אָבאָזן איבער אַלע וועגן. עס בייטן זיך רעגירונגען. גאַנצע שטיקער פון דער אוקראַינע גייען־איבער פון הענט צו הענט: אָט בושעוועט דעניקין, און אָט קאָמאַנדעוועט קאָלטשאַק; און אָט איז געשען אַן אומדערוואַרטעטער איבערפאַל פון פּעטליוראַס רוצחישע באַנדעס.

וועלוול איז געפאַלן פון פּעטליוראַס אַ קויל ביים פאַרטיידיקן די שטאָט. אויך איטקעס פאָטער האָט געטראָפן דער זעלבער גורל. איטקעס עלנטע מוטער רופט זי צו פאָרן קיין אַמעריקע, צו די עלטערע קינדער, וועלכע האָבן נאָך מיט יאָרן צוריק פאַרלאָזט דאָס שטעטל. זי פאָרט אַהיים מיטן פעסטן באַשלוס, ניט צו פאַרלאָזן איר איך־האַרצן־איינגעבאַקענע אוקראַינע... דערזעענדיק אָבער דער מוטערס אויסגעדאַרטע הענט, וועמענס מאַרך זי האָט פאַרקאָכט אין דער מילנערינס טעפּ, דערזעענדיק דעם בעטנדיקן בליק פון אירע אַלטע,

מידע, אויסגעלאָשענע אויגן, נעמט זי זיך שטום, אָן פּראָטעסטן־גרייטן אין וועג.

און אָט איז זי אין אַמעריקע. דאָ האָט זי זיך נאָך מיט מער פייער אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. דער קאַמף איז אויך דאָ אַ ביטערער. אַזויפיל אַרבעט! דעם אָטעם פון דער רוסישער רעוואָלוציע טראָגט זי אַריבער אין דעם נייעם לאַנד.

איטקע בלייבט זיצן אַ מידע פון צופיל טראַכטן. די פּיאַנאָ איז שוין לאַנג אַנטשוויגן געוואָרן. איין־און־איינציקער שטערן ציט דאָס פענצטער צו זיך, צום שטיקל הימל, וואָס זעט זיך צווישן איר פענצ־מער און שכנותדיקן דאַך. אירע אויגן פאַרמאַכן זיך און זי הויבט־אָן ביסלעכווייז איינדרימלען.

עס עפנט זיך די טיר. עס קומט אַריין איר אַלטע מוטער:

— דו שלאָפסט, מיין קינד?

— האַ? ניין. ס'איז דו, מאַמע?

— יאָ, דאָס בין איך. וועגן וואָס טראַכסטו, מיין קינד?

— טראַכט? . . . וועגן גאָרניט . . . וועגן טעפּלעך! . . .

אַ ל ג אַ

אַלגאַ זעמט, ווי אַ גרויס שטיק באַרג טיילט זיך אָפּ און הויבט־אָן פאַלן. אונטן שטייט איר מאַן קיריל און באַמערקט ניט דאָס אומגליק, וואָס רוקט זיך אַלץ נעענטער און נעענטער. אַלגאַ וויל אים וואָרענען: זי הויבט אָן שרייען: „קיריל, קיריל!" אָבער מערקווירדיק: די ווערטער קומען אַרויס אָן שום קלאַנג; ס'הערט זיך בלויז אַ כריפּען: „קר... קר..." פּונקט ווי עמיצער וואָלט זי געוואָרגן.

מיט אימפּעט רייסט זיך אַלגאַ אָפּ פון פלאַץ און לאָזט זיך לויפן צו ראַטעווען קירילן פון פאַלנדיקן שטיק באַרג. זי לויפט, לויפט, פאַרטשעפּעט זיך אין אַ שטיין, און... זי עפנט די אויגן.

אַ חלום. זי ווישט־אָפּ דעם קאַלטן שוויס, וואָס האָט זיך אין דריבנע קרישטאָלן באַוויזן אויף דעם שטערן. דאָס קינד ביי איר זייט האָט דערשפּירט דער מוטערס שרעק און גענומען שרייען. אַלגאַ דריקט דאָס קינד צו דער ברוסט:

„שאַ, וועסט אויפוועקן דעם טאַטן, וועט ער זיך ווידער קלאָגן, אַז ער איז געווען שלעפעריק אַ גאַנצן טאָג און ניט געקענט אַרבעטן."

דאָס קינד נורעט איין דאָס פּיסקל אין דער ברוסט, גראָבט־איין די ווייכע פינגערלעך אין דער מוטערס לייב. ס'טוט אַ כליפּ און אַ ציי, אַ כליפּ און אַ זויג. די וואַרעמע מילך און די נאָענטקייט פון דער מוטער שטילן ביסלעכווייז איין דאָס כליפּנדיקע קינד און עס שלאָפט־איין.

ערשט דאַן הויבט־אָן אַלגאַ באַטראַכטן וואָס ס'האָט פּאַסירט. זי קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן פונעם האַלב־פינצטערן צימער. קיריל לייט ביים עק פון בעט, און אַ שמייכל שפּילט אויף זיינע ליפּן. דאָס שמייכלדיקע פּנים פון מאַן הויבט־אָן אויך זי צו באַרויקן. זי שאַרט צערטלעך אַוועק די האָר פון קירילס שטערן, און דעקט אים צו דעם נאַקעטן אַקסל.

אָלגאַ בלייבט ליגן מיט אָפענע אויגן, מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, און קאָן שוין מער ניט איינשלאָפן. זי רוקט לאַנגזאַם אָפּ דאָס שלאָפנ־דיקע קינד, כדי דאָס קלאַפּנדיקע האַרץ אירס זאָל עס ניט אויפוועקן.

זינט אָלגאַס פאָטער איז געהרגעט געוואָרן, האָט די שרעק פון טויט באַהערשט איר געדאַנק. אָט אַזעלכע חלומות און שרעקלעכע קאָשמאַרן, ברעכן־אויס פון צייט־צו־צייט, שטערן איר שלאָף און גיבן איר ניט קיין רו, אפילו בייטאָג.

אייזאַן, אָלגאַס פאָטער, איז אַ רוסישער פויער געווען. די ערשטע צייט נאָך זיין קומען קיין אַמעריקע פלעגט ער שרייבן יום־טובדיקע בריוו צו זיינע שכנים פון דער „אַלטער היים”, פול מיט אַנטציקונג וועגן זיין ניי לעבן אין דער „נייער וועלט”. דאָס נייע לעבן, דאָס באַגעגענען זיך מיט נייע מענטשן, די נייע אַרבעט, וואָס איז אַזוי פאַרשיידן פון דער אַרבעט אויפן פעלד, האָבן אַ באַזונדערן צויבער פאַר אים געהאַט.

„אין קאַלאָשן און מיט אַ רעגן־שירעם שפּאַציר איך דאָ.”

די שכנים פון דאָרף פלעגן זיך צוזאַמענקומען, הערן לייענען איוואַנס בריוו און פלעגן מקנא זיין: „אָט אַ פּריץ איז איוואַן געוואָרן!” און זיי פלעגן בעטן, ער זאָל זיי זיין פאָטאָגראַפיע שיקן.

לאַנג האָט זיך אָבער די פרייד ביי איוואַנען ניט איינגעהאַלטן. נאָך אַ שטיקל צייט אַרבעט אין די פינצטערע קוילן־שאַכטעס, אונטער שרעקלעכע באַדינגונגען, איז אַ בענקשאַפט געבוירן געוואָרן אין איוואַנס האַרץ. אַ בענקשאַפט נאָך ברייטע כוואַליענדיקע סטעפּעס, נאָך באַגרינטע פּאַפּשוי־פעלדער, נאָך מרוקענדיקע קי — אַ בענקשאַפט נאָך ברייטע בלענדנדיק־באַשנייטע, קרייצנדיקע שליאַכן און נאָך ווינטערדיק געגלאַזטע טייכן. אויך דער אינהאַלט פון זיינע בריוו צו די שכנים האָט זיך געביטן:

„נאָך אַ יאָר, איך וועל אָנזאַמלען אַ פּאָר דאָלער און קומען צוריק.”

קומט איוואַן אַהיים פון דער אַרבעט אַ שוואַרצער פון קוילן־שטויב, וואָס איז געמישט מיט שוויים. מיט אַ פינצטער געמיט פון די באַליידיקונגען פון בייזן אויפזעער. ער עסט זיין מאַלצייט אַ שווייגנ־

דיקער. ווייסט ניט פאַראַשאַ, זיין פרוי, וואָס ס'איז געוואָרן מיטן שטענדיק־לעבעדיקן און פריילעכן איוואַנען. ער קומט אַהיים און זעצט זיך אויף די טרעפּ פון זיין הויז. דער הונט דערזעט דעם באַלע־באָס, און רייסט זיך פון דער קייט. איוואַן בינדט אים אָפּ, פירט אים צו צו די טרעפּ, און נעמט אים אויף די הענט. ער גלעט דעם הונטס שוואַרצע פעל און רעדט צו אים צערטלעכע ווערטער:

„וואַרט, יואַנקאַ, דו וועסט נאָך ביי מיר מיינע געזונט היטן: אַט וואַרט נאָך אַ יאָר

ער הונט דרייט פאַר פרייד מיטן עק, רייבט די מאָרדע אין איוואַנס ברוסט, ווי ער וואָלט וועלן אָפּדאַנקען איוואַנען פאַר זיינע צערטלעכקייטן.

דערפילט איוואַן, ווי צוויי קליינע, פּוכקע הענטלעך רינגלען־אַרום זיין האַלדז. גלייכצייטיק באַווייזט זיך דאָס קעפּל פון זיין פיר־יאָריקער אָלגאַן.

„דאָס ביזטו, קינד מיינס?" און ער הויבט זיך אויף מיט דער הענטיקער אָלגאַן אויף זיינע פּלייצעס. ער דרייט זיך אַרום איבערן הויף און רעדט:

„אַט וואַרט, וועסט נאָך ביי מיר אַ קו מעלקן און סנאָפּעס ווייץ בינדן. אַט וואַרט נאָך אַ יאָר. נו, און איצט גיי שפּיל זיך מיט וואַנקאַן.

ער לאָזט זי אַראָפּ און אַליין זעצט ער זיך ווידער אויף די טרעפּ. ער פאַררויכערט די ליולקע און גיט זיך איבער זיינע זיסע, פּויערשע טרוימען.

אָלגאַ שפּילט זיך דערווייל מיטן הונט. עס ווערט איר נמאס דאָס שפּילן און זי הויבט־אָן רייסן דעם הונט ביי דער פעל. דער הונט גיט זיך אַ טרייסל, אַנטלויפט צום ווינקל פון הויף, רייבט דעם רוקן אין די שטאַכעטן, און קריכט אַריין אין זיין אויסגעבעטער קאַנורע, ווי זיך צו באַשיצן פון דער פאַרשייטער אָלגאַן.

די טעג, ווי אַכזריותדיקע שפּינען, וועבן די דינע פעדים און פאַרפּלאָנטערן איוואַנען אַלץ מער אין זייער געדיכטער נעץ.

קאָנען זיך די אָפּגעשפּאָרטע דאָלאַרן ביי איוואַנען ניט איינ־

האלטן. דאָ וווערט ער ניט־געזונט, און דאָ ווערט אַ סטרייק. פּלוצלונג לייגט זיך פּאַראַשאַ גאָר אין קינפּעט אַוועק. אַט דאַן ווערט איוואַן גאָר אַ פּריטשמעליעטער. די אָפּגעשפּאַרטע פּאָר דאָלער זיינען זיך צעקראָכן. די בענקשאַפט נאָך די אוקראַינישע פעלדער האָט זיך אָבער נאָך מער פאַרשאַרפט.

הויבט־אָן איוואַן קומען שפּעטלעך אַהיים. ער קומט אַ וואַקל־דיקער, אַ ברומענדיקער.

„איוואַן", בעט זיך פּאַראַשאַ, „הער־אויף טרינקען. מ'וועט דיך פון דער אַרבעט אָפּזאָגן."

שטייט אויף איוואַן אויף מאָרגן אַ ניכטערער, מיט אַ קאָפּ־ווייטיק, פול מיט חרטה, אָבער עפּעס נאָגט אים אונטערן האַרצן, פּונקט ווי אַ פּיאַווקע וואָלט זיך פאַרקליבן און האַלט אין איין זויגן.

שטייט איוואַן אין ווייטסטן ווינקל פון אַ קוילן־שאַכטע און עג־בערט די שטיינערנע וואַנט. דאָס לעמפּל אויף זיין שטערן וואַרפט אַ געלן אָפּשיין אויפן שטיין. דער געלער שיין קוקט־אויס ווי אַן עפענונג אין דער געדיכטער פינצטערניש. קוקט זיך איוואַן אום, לעכערט מיט זיינע אויגן די פינצטערניש, און פאַרבייסט די ליפּן פון אומעט. דער געדיכטער שוואַרצער חלל שפּאַרט אויף אים פון אַלע זייטן, ווי אַ מאָנסטער מיט טויזנט הענט וואָלט אים געהאַלטן איינגע־קלאַמערט אין זיינע נעגל. מיטאַמאָל איז אָנגעקומען דאָס מוראדיקע געשטאַנק פון גאַז. דער מאָנסטער האָט אים פאַרן האַלדז אָנגעכאַפּט און געוואָרגן: „אָטעם!... אָטעם!... הו! הו! הו־הו!" ברומט עס מיט אימה פון טונעל צו טונעל. „הו־הו! הו־הו!" ברומען מענטשן אויס זייערע לעצטע אָטעמס. אָדער איז דאָס אַ זיג־געברום פון אַ מחנה אָנגרייפנדיקע מלאכי־חבלה? איוואַן לאָזט זיך לויפן און פאַלט צו דער ערד.

„טר־טר־טר־ררר. טראַך, טרראַך!" ס'האָט אַ זעץ־געטאָן מיט אַ פּלאַם, אַ פּלאַקער...

אָלגאַ שטייט אין קיך און וואַשט דאָס געפעס. פּלוצלונג דערהערט זיך אַ ריטשען פון איר מוטער. זי ווערט אַ דערציטערטע. די טעלער

פֿאַלן איר אַרויס פֿון די הענט, און זי לאָזט זיך לויפֿן אין פֿאָרהויז. זי בלייבט שטיין אין מיטן וועג מיט ברייט־צעעפֿנטע אויגן. אויף דער קאַנאַפּע ליגט איר פֿאָטער אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער לענג. די פֿון קוילן־אויסגעשמירטע הענט הענגען אַראָפּ פֿון ביידע זייטן, ווי צוויי איבערגעבראָכענע צווייגן. זיינע אויגן זיינען אָפֿן און סטאַר־טשען אַרויס, אַט ווי זיי שפּרינגען אַ ליאַדע מינוט פֿון שטערן אַרויס. דאָס הויז איז פֿול מיט אָנגעלאָפֿענע מענטשן. צוויי קוילן־גרעבער דערציילן, ווי זיי האָבן אָנגעהויבן שפּירן אַ שרעקלעכן גערוך פֿון גאַז. דער גערוך איז געקומען פֿון ווינקל, וואו איוואַן האָט געאַרבעט. זיי האָבן געריפֿן: „איוואַן, איוואַן!" אָבער קיינער האָט ניט געענטפֿערט. אויף שנעל האָבן זיי אַרויפֿגעצויגן די גאַז־מאַסקעס און זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פֿון איוואַנען. אָבער ס'איז שוין געווען צו־שפּעט.

פֿאַראַשאַ קומט אַהיים פֿון די קלייטן, וואו זי וואַשט די דילן. זי קאָרטשעט זיך פֿון ווייטיק. אירע אָנגעשוואָלענע הענט און פֿיס בלייבן ליגן ווי פּאַראַליזירט.

דערפֿאַר טאַקע האָט אָלגאַ אָנגעהויבן זייער פֿרי צו אַרבעטן. מיט אומגעדולד וואַרט זי, זי זאָל ווערן גרויס גענוג צו קאָנען באַ־פֿרייען די קראַנק־געוואָרענע מוטער פֿון דער לאַסט, וואָס דאָס לעבן האָט אויף איר אַרויפֿגעצוואונגען.

אָלגאַ איז אַ שטיל, צוריקגעצויגן מיידל. די שווערעליידן, וואָס זיינען אויסגעפֿאַלן אויף איר גורל, האָבן זי געמאַכט צו־ערנסט פֿאַר אירע יונגע יאָרן. אירע חברטעס רופֿן זי מיטצוגיין מיט זיי צו טאַנץ־אָוונטן. זי אָבער מאַכט אַלץ אַוועק מיט דער האַנט.

בעט זיך די מוטער ביי אָלגאַן:

„גיי, מיין קינד, מיט די חברטעס גיי. איך בין שוין אַלט און קראַנק. גאָט וועט זיך איבער מיר דערבאַרעמען און מיך באַפֿרייען פֿון מיינע ליידן, אָבער שווער איז מיר דיך איבערצולאָזן אַליין. דו ביסט דאָך ביי מיר אַ וואווילינקע, טאָ גיי. די הייליקע מוטער וועט דיר דאָרט דיין באַשערטן צושיקן. אָבער זע, אַז ניט מיט קיין קוילן־גרעבער זאָלסטו חתונה האָבן. אָט וואָס!"

זיצט אָלגאַ ביי דער אַרבעט אַ פאַרחלומטע. די געשעענישן פון לעצטן טאַנץ-אָוונט בליצן־אויף אין איר מוח. אַט זעט זי זיך שטיין מיט קירילן אין האַלב־פינצטערן ווינקל פון טאַנץ־זאַל. זי טרינקט אַ גלאָז וואַסער. פלוצלונג דערפילט זי אַ קוש אויף איר באַק. זי פילט נאָך איצט די שטעכיקייט פון זיינע בלאָנדע וואָנצעס. אַן אנגענעמער ציטער צעשפרייט זיך איבער איר לייב. זי דערמאָנט זיך אין לידל וואָס קיריל האָט פאַר איר געזונגען אַ גאַנצן אָוונט און זי הויבט־אָן זינגען:

„איך וועל ליבן דיך אויף אייביק,
ניט נאָר איין טאָג,
ניט נאָר איין וואָך,
ניט נאָר איין יאָר—
נאָר אייביק!"

זי דערשרעקט זיך פאַר איר אייגן קול, זי הויבט-אויף די אויגן און וואַרפט נייגעריקע בליקן אין דער אויפזעערינס זייט. אָלגאַס פינגער דריקן שטייפער דעם קלאַמער און שערל און צופן פיבערדיק־שנעל די קנופּן פונעם זיידנס. אירע גרינע אויגן שיינען איצט מער ווי געוויינלעך, ווי צוויי זונען וואָלטן אין זיי פאַרלוירן געגאַנגען.

דער טאָג איז אַריבער שנעלער ווי אַלעמאָל. זי איילט זיך אַהיים. קומענדיק אין הויז, דרייט זי זיך אַרום אַ צעמישטע: מאָרגן גייט זי מיט קירילן צו אַ מאַסקאַראַד-טאַנץ. זי נעמט אַרויס פון קאַסטן דער מאַמעס נאַציאָנאַלן קאָסטיום פון דער „אַלטער היים" און גרייט דאָס אָן לעבן בעט.

זי לייגט זיך שלאָפן. דער שלאָף קומט נישט. קירילס יונג גע־שטאַלט שווימט איר אַרום פאַר די אויגן. איר מיידלש רייף-געוואַ־רענער קערפּער ציט זיך אין בענקשאַפט. צולעצט שלאָפט זי איין. אינדערפרי, וועקנדיק זי, געפינט זי די מוטער אין דער ברייט פון בעט, מיטן קישן אין אירע אָרעמס. אָלגאַ לאָזט פאַרשעמט אַראָפּ די אויגן. שפּאַנט אָלגאַ ביי קירילס זייט אַ שעמעוודיקע. זי שפּרינגט

אונטער זאָרגלאָז, ווי אַ יונג ציגעלע, און טוליעט זיך נעענטער צו קירילן. פאַרשוואונדן איז די ערנסטקייט — איר שטענדיקע באַגלייטערין. ביי וואָס קיריל אַרבעט? זי ווייסט ניט. זי האָט אים גאָר פאַרגעסן צו פרעגן. זיי גייען איצט אַהיים פון מאַסקן־באַל, איבערפילט מיט יוגנט־פרייד. זיי בעטן פאַראַשאַן, זי זאָל זיי איר ברכה געבן.

די ערשטע צייט נאָך דער חתונה איז אַלגאַ אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ חלום. אַזוי גיך אָבער ווי דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן, האָט די שרעק פאַר קירילס לעבן אָנגעהויבן איר נאָכפאָלגן ווי אַ גע־שפענסט. דאָס בילד פון פאָטערס טויטן קערפּער פלעגט זיך אָפט באַווייזן. אָנשטאָט דעם פאָטער, פלעגט זי דאָרטן זען קירילן ליגן און אָט ליגט זי איצט אַן אויפגעוועקטע פון אַזאַ שרעקלעכן חלום.

„וואָס וועט זיין דער סוף?"

קיריל ווערט גאָר אין כעס, ווען זי דערמאָנט אים וועגן פאַרלאָזן די קוילן־שאַכטע ער האַלט איר אין איין איינרעדן, אַז ס'איז ניט גע־פערלעך. לעצטנס איז ער אין די אָוונטן אויך פאַרנומען אין אַ קאָמיטע. זאָגט ער איר. אַ סטרייק גרייט מען צו. אָבער וואָס קער זיך דאָס אָן מיט איר שרעק? זי גייט־אַרום גאַנצע טעג אָנגעכמורעט. דער קראַך פון אַן איינגעזונקעני הויז לעבן אַן אַלטער קוילן־גרוב, און דאָס מענטשן־געקווישטעריי קלינגען אין אירע אויערן. זי וועט מאָרגן נאָכאַמאָל פּרואוון רייִדן מיט קירילן וועגן אַריבערקלייבן זיך אין אַ גרויסער שטאָט, ווייטער פון די קוילן־שאַכטעס.

אַ מידע פון חלום וואַרפט זי אַ רחמנותדיקן בליק אַרום זיך. די קאַץ ליגט אַ צונויפגעקנוילטע אויפן בענקל. אין צימער ווערט שוין אַביסל דירכזיכטיקער. אָבער דאָס פענצטער רוקט זיך אָפּ נאָך ווייטער צום בלויען אָפּגרונט, וואָס קוקט־אויס ווי אַ זיפּ מיט טויזנטער שמייכלדיקע לעכלעך. אַלגאַ שטרעקט אויס די האַנט, נעמט אַרום קירילס האַלדז, ווי זי וואָלט אים וועלן באַשיצן, און ניט לאָזן אים פון זיך אַוועקרייסן. זי נורעט־איין איר פּנים אין קירילס האַלדז־און־נאַקן און הויבט־אָן איינדרעמלען.

צוזאַמען מיט איר דרעמלט אויך איין די שרעק פאַרן טויט.

צווייטע טייל

מען גרייט זיך צום סטרייק

די פרייד פון ניי־געבוירן קינד האָט ביסלעכווייז באַהערשט אָלגאַס געמיט. אָט די פרייד האָט פאַרטושט אַלע פריערדיקע שרעק־בילדער, וואָס דער טויט פון איר פאָטער אין אַ קוילן־גרוב האָט אויף איר איבערגעלאָזט.

די פרייד האָט אָנגעפילט איר לעבן, איר גאַנג און איר בליק מיט אַ נייעם צויבער־צאַפּל. איר יעדער חוש איז פאַרשאַרפט געוואָרן: אָט עפנט זי אַ פענצטער, אַז עס זאָל ניט זיין צו שטיקנד פאַרן קינד; און אָט שטעלט זי אַ טאָפּ מיט וואַסער אויפן רויטן, פייערדיקן אויוון, פייכטער צו מאַכן די לופט. אַלץ טוט זי, וואָס דער דאָקטאָר האָט אָנגעזאָגט. אויך די אַלטע מאַמע אירע האָט ווי פאַרגעסן צו קרעכצן און אויפגעהערט זיך צו באַקלאָגן אויף אירע שטעכענישן אין אירע אַלטע, רעוומאַטיזנע הענט און פיס.

די אַלטע מאַמע אירע רוקט זיך אָפּ פון פענצטער. זי גייט פּאַמעלעך נעענטער צום אויוון אָנצואוואַרעמען אירע אַלטע ביינער. זי דערמאָנט אָלגאַן:

„גיי, אָלגאַ, גיי. איך וועל שוין ענדיקן קאָכן. גיי, נעם דאָס קינד אויף דער פרישער, פראָסטיקער לופט.“

און אָלגאַ פאָלגט: „קום, מיין קינד, זאָלן אַלע שכנים זען וואָס פאַר אַ טאָכטערקע איך פאַרמאָג!“

און אַז אָלגאַ שפּאַצירט מיטן קינדער־וועגעלע גאַס־איין, גאַס־אויס, דוכט זיך איר ווי אַלע הייזער שעפּטשען:
„וואָס פאַר אַ פּוּבּקינקע זי האָט!“

און אָלגאַ גייט ניט, נאָר זי טאַנצט אונטער אַ פריילעכע, פונקט ווי אַ קינד פרייט זיך מיט אַ ניי־געקויפטער ליאַלקע. פּלוצלונג פאַר־

שווינדט איר פרייד. זי דערמאָנט זיך אַז קיריל, איר מאַן, אַרבעט בלויז דריי טעג פון וואָך. איז נישט געגוג צו קויפן קוילן צו באַהייצן צוויי אויוונס. האָט קיריל אַליין דורכגעבויערט אַ לאָך דורך דער סטעליע און דורכגעצויגן אַ רער צום שלאָפצימער. די רער האָט ער פאַראייניקט מיטן אויוון פון קיך. איז געוואָרן וואַרעם אין שלאָפ־צימער. דאָס דאַרף אָבער בלייבן אַ סוד פאַרן אייגנטימער פון הויז. דערפאַר, יעדן ערשטן פון חודש, איז אָלגאַ ניט אָפּגעטראָטן פון דער היים. יעדעס מאָל, ווען דאָס גלעקל האָט אַ קלונג געטאָן, האָט אָלגאַ זיך אַ צאַפּל געטאָן און שנעל געלאָפן צו דער טיר. דער בעל־הבית האָט צוגענומען דאָס דירה־געלט און אַ ציטערנדיקער פון קעלט, אַוועק אַ בורטשענדיקער.

אָלגאַ פאַררייסט דעם קאָפּ צום הימל: דער וועטער־נביא האָט געזאָגט, אַז עס וועט פאַלן אַ שניי. זי איילט אין דערבייאיקן שטעטל, וואו זי קויפט די ציגענע מילך פאַרן קינד. דאָ איז ביליקער. קירילס פאַרדינסטן סטייען ניט אויף אַלץ. דער דאָקטאָר האָט פאַרזאָגט: נאָר ציגענע מילך!

געקויפט די מילך, גייט אָלגאַ אויף צוריק. זי קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן, היט זיך, מען זאָל ניט זען אַז זי גייט אַרויס פון דער „פרעמדער" קראָם. מען קאָן דאָך נאָך חלילה אָפּלייגן קירילן פון דער אַרבעט. די גאַס איז ליידיק. זי אָטעמט רואיק אָפּ.

אָלגאַ שפּאַנט אויף צוריק. זי שטופּט דאָס קינדער־וועגעלע מיט אַלע כוחות. זי שפּאַנט לאַנגזאַם און זיכער און טראַכט אין דער שטיל:

„קיריל איז פאַרנומען אין די פרייע טעג. אין אַ קאָמיטעט איז ער. אַ סטרייק גרייט מען צו. קיריל האָט איר דערציילט, אַז מען לייגט אָפּ אַ סך קוילן־גרעבער פון דער אַרבעט. ווער ווייסט? אפשר וועט מען אָפּלייגן קירילן? עס באַפאַלט זי אַ קאַלטער שוויים! וואו וועט זי נעמען געלט צו קויפן די ציגענע מילך פאַרן קינד? און דירה־געלט? און קיריל איז אַזאַ שטאָלצער! דער „פאָרמאַן" (אויפזעער) האָט אים ניט ליב. אָלגאַ האָט מורא צו טראַכטן!

„איז וואָס קאָן זי טאָן? מיט וואָס קאָן זי העלפֿן?"

און אָט איז זי שוין לעבן איר הויז. אָלגאַ קומט צוריק פֿון גאַס מיט רויט-צעבליטע באַקן. זי סאָפּעט ווי אַ יונג, מיד פֿערדל, וואָס האָט געשלעפּט אַ שווערע משׂא. זי שלעפּט אַריין דאָס קינדער-וועגעלע אין קיך, אין דעם איינציק-באַהייצטן צימער. די מאַמע אירע זיצט לעבן אויוון, מיט אַן אַלטן צעלעכערטן שאַל אויף דער פּלייצע און דרעמלט. אָלגאַ שפּאַנט אויף שפּיץ-פֿינגער. זי וויל ניט אויפֿוועקן די איינגעהויקערטע מאַמע. זי האָדעוועט אָן דאָס קינד און לייגט עס צוריק אין בעטעלע. דאָס קינד שפּילט זיך רואיק מיטן גלעקעלע, וואָס הענגט אויף אַ שטריקל אינעם בעטעלע.

אָלגאַ זעצט זיך ביים פֿענצטער. אינדרויסן פֿאַלט אַ נאַפּטאַליך-ווייסער שניי. דער שניי גלעט די דרויסנדיקע גרוי-אָפּגעקראַכענע ווענט פֿון די אַרומיקע הייזער. די דעכער דעקן זיך צו ווי מיט ווייסע ליילעכער. דער איינציקער בוים אינדרויסן האָט זיך, ווי אַ שיינע כלה, אויסגעפּוצט אין אַ ווייסער „גאַליאַנדרע". פֿונדער-ווייטנס בלענדן די שניי-באַדעקטע, האַרבאַטע בערג און גלאַנצן זילבערדיק-ראָוז פֿון דער פֿאַרגייענדיקער זון. אָלגאַ זיצט ביים פֿענצ-טער ווי באַצויבערט:

„שיין, מורמלט זי שטיל אַרויס, שיין, ווי אין אַ מעשׂה!"

און אָט האָט זיך דאָס גלאָז פֿון אירע אייגענע פֿענצטער ווי מיט קרוזשעווען באַצויגן און פֿאַרשטעלן פֿון איר דעם שיינעם דרויסן.

אָלגאַ בלייבט זיצן אַ שטילע. זי מאַכט ניט ליכטיק. עס הערט זיך בלויז דער טיק-טאַק פֿונעם זייגער און דער ריטמישער אָטעם פֿון דער שלאָפֿנדיקער מאַמען.

פּלוצלונג האָבן זיך אָלגאַס אויגן צעשטראַלט. אירע ליפּן האָבן זיך צעעפֿנט, ווי עס צעעפֿענען זיך די בלעטלעך פֿון אַ קווייט פֿאַר דער אויפֿגייענדיקער זון: דאָס האָט זי דערהערט די באַקאַנטע טריט פֿון קירילן! שטאָלצע, זיכערע טריט איבער די סקריפּענדיקע טרעפּ. מיט יעדן שפּאַן האָט אונטער זיינע פֿיס אויך געסקריפּעט דער שניי.

אָלגאַ הויבט זיך אויף און לויפֿט אים אַנטקעגן.

עס עפנט זיך די טיר און קיריל באַווייזט זיך אַ שטויביקער, אַ שווייסיקער פון דער קוילן־שאַכטע. ער היט זיך, ניט צוצוגיין צום קינד, ביז ער וואַשט זיך אַרום. אָלגאַ, דערווייל, האַלט אין איין דערציילן וועגן די חכמות פון קינד:

„פּאַראַשקאַ קאָן שוין זאָגן 'דאַ־דאַ'."

„אַנו, צוציקל, לאָמיר נאָר הערן דיין 'דאַ־דאַ'." הויבט קיריל אויף דאָס קינד אין דער לופטן. און טאַטע־מאַמע שיסן אַרויס אַ האַרציקן געלעכטער, ווען דאָס קינד פּרעסט צוזאַמען די פּוכקע ליפּעלעך און טוט אַ שפּריץ אַרויס ניט אַ „דאַ־דאַ", נאָר אַ „פּאָרפּ!"

קיריל לייגט דאָס קינד צוריק אין בעטעלע. אָלגאַ וועקט אויף די מאַמע און אַלע דריי זעצן זיך עסן וועטשערע.

אָפּגעגעסן, רופט זיך אָן קיריל צו אָלגאַן:

„און איצט, מיין טייער ווייבעלע, פאַרשפּרייט דעם טיש מיט אַ ווייסן טישטעך, שטעל אַוועק נאַשערייען ווי צו אַ יום־טוב: ס'קומען באַלד מענטשן צו אַ מיטינג. אויב אַ שכנטע פרעגט — איז אַ שמחה אין הויז. אַליין האָט זיך אָלגאַ געזעצט אין אַ ווינקל און געהיט די טיר, נאָכגעקוקט יעדן איינעם, וואָס האָט זיך היימיש אַריינגעשלייכט אין הויז.

זיצט אָלגאַ אין ווינקל פון קיך און הערט זיך איין. אַרום קיילעכדיקן טיש זיצן מיינערס, אַלטע און יונגע. זי קען זיי אַלע. אָט דאָרטן לעבן קירילן זיצט וואָלטער, וואָס אַרבעט מיט קירילן אין איין שאַכטע. וואָלטער איז שטענדיק אויפגעבראַכט קעגן „פּאָר־מאַן". שטענדיק גרייט צו „פּאַרפּאָרן" אים אין דער מאָרדע. לעבן וואָלטערן זיצט דער אַלטער דזשימי. דזשימי אָטעמט שווער און האַלט אין איין הוסטן. דער קוילן־שטויב, וואָס ער האָט איינגעאָטעמט ביי דער אַרבעט אין די קוילן־גרובן, האָט אויפגעגעסן זיינע לונגען. איצט ליידט ער פון „אינפאַזימאַ". און דער באַלעבאָס וויל טאַקע פון אים פּטור ווערן. דערפאַר אַרבעט שוין ניט דזשימי מער ווי איין מאָל אַ וואָך. זי קאָן אויך די אַנדערע צוויי, וואָס אַרבעטן מיט קירילן אין איין שאַכטע.

אָבער יענער, וואָס זיצט לעבן דזשימין, קען זי ניט. ווער־זשע איז ער? זי קען דאָך אַלע. דער קאָפּ זיינער, דעם פּרעמדנס, איז באַקרוינט מיט פּעך־שוואַרצע האָר, ווי ער וואָלט געטראָגן אַ באַראַשקענע קוטשמע. דאָס פּנים דין, ערנסט. אָבער, שאַ, אָט רעדט ער, דער „אומבאַקאַנטער". אַלע הערן זיך אויפמערקזאַם צו, ווי שילער אין אַ קלאַס. ער רעדט אַזוי שיין! מן־הסתם אַן אָרגאַניזאַטאָר. ער דערקלערט זיי, ווי עס אַרבעט „אויטאָמאַציע", ווי אויטאָמאַציע שטויסט אַרויס די אַרבעטער פון זייערע פּאָזיציעס.

„וואָס אַ טאָג ווערט די צאָל אַרבעטער קלענער און קלענער. און די וואָס אַרבעטן, אַרבעטן אויך בלויז האַלבע וואָכן. מען דאַרף אויפקלערן און איבערצייגן די אָפּגעזאָגטע מיינער, אַז זיי זאָלן ניט בלייבן זיצן אינדערהיים אָן פּראָטעסטן; זיי דאַרפן אַלע זיך צוריקקערן און פאָדערן גלייכע פאַרטיילונג פון אַרבעט; פאָדערן פּאַר פולע וואָכן שכירות, אָפּגעזען פון וויפל שעהען זיי אַרבעטן. מען דאַרף אויסטיילן די פלוגבלעטלעך, וואָס קלערן אויף די אַרבעטער, וואָס עס קומט איצט פאָר אין דער קוילן־אינדוסטריע, און אין אַלע אַנדערע אינדוסטריעס איבערן לאַנד. די פלוגבלעטלעך רופן די, וואָס זיינען נאָך געבליבן ביי דער אַרבעט, זיך אָנצושליסן אין די פאָדערונגען פון די אָפּגעזאָגטע, און אַלע צוזאַמען, ווי איין כוח, זאָלן אַרויס אין אַ סטרייק! אַ סטרייק, באַטאָנט דער רעדנער, צו ענדערן דעם אָנגריף פון די באַלעבאַטים. דער הויפּט־לאָזונג, אַז אַלע זאָלן געניסן פון דער אויטאָמאַציע, ניט נאָר די קוילן־באַראָנען אַליין!"

„אָבער ווי אַזוי וועלן מיר פאַרשפּרייטן די פלוג־בלעטלעך? אויף אַלע ראָגן שטייען שפּיקעס!" (שפּיאָנען), פרעגט וואָלטער.

„יאָ, ס'איז שווער," רעדט ער רואיק און איבערצייגנדיק: „מיר האָבן אין שכנהסדיקן שטעטל אויסגעקעמפט טיילווייזע געווינסן. מען מוז געווינען די אַרבעטער, מען מוז געפינען אַ וועג; אָבער מען מוז אַרבעטן קלוג און הויפּטזעכלעך — פאָרזיכטיק! דער סטרייק טאָר ניט צעשטערט ווערן!" ער ווענדט זיך צו קירילן, דעם בעל־הבית פון הויז:

„האָסטו אימיצן געלאָזט אינדרויסן היטן?"

קיריל באַרואיקט אים:

„נישטאָ זיך וואָס צו שרעקן: מיין וואַנקאַ איז אָפּגעבונדן פון דער קייט. ער האָט אַלטע, אָבער נאָך שאַרפע ציין. ער וועט שוין לאָזן וויסן."

און באַלד דערהערט זיך טאַקע דאָס בילן פון וואַנקאַן. אַלע בלייבן זיצן אָנגעשפּיצט, ווי יעגער אין אַ וואַלד; כאַפּן זיך צו די נאַשערייען.

קיריל הויבט זיך אויף, ער פאַררוקט אַ שפּיץ פון אַ פאָרהאַנג און רעדט צום טיש:

„ס'איז אָ-קעי" (אַלץ אין אָרדענונג). ס'איז לואי. באַלד וועלן מיר האָבן נייעס."

עס הערן זיך דרייסטע טריט, שווערע טריט איבערן סקריפּענדיקן גאַנעק. מען רוקט אויף די טיר. עס שטעלט זיך אַריין אַ ברייטפּלייציקער ריז. דאָס פּנים אָנגעשטרענגט ווי ביי אַן אויסשפּירער אין מלחמה-צייט. וואַנקאַ פּלאָנטערט זיך פאַר זיינע פיס, רייבט היימיש די מאָרדע אין זיינע הויזן און דרייט צופרידן מיטן עק. קיריל טוט אַ גלעט וואַנקאַן איבערן שוואַרץ-זיידענעם רוקן און שטופּט אים צוריק אַרויס אין דרויסן.

לואי טרייסלט אָפּ פון זיך דעם שניי און שטעלט אַוועק אַ שווער פּעקל אין ווינקל הינטער דער טיר. ער וואַרפט אַ בליק אויף די פאַרהאַנגיִנע פענצטער, אויפן עלעקטרישן לאָמפּ, וואָס הענגט איבערן טיש, און זעצט זיך אַ שטילער אויפן בענקל, וואָס קיריל האָט אים דערלאַנגט. אַלע וואַרטן, אַלע זיינען אומרואיק.

לואי נעמט אַרויס דאָס טאַבאַק-זעקל, פּילט אָן די ליולקע, פאַרציט און:

„אַלע וועגן זיינען פאַרשטעלט. זיי היטן אַז אַ פרעמדער אָרגאַניזאַטאָר זאָל זיך ניט אַריינכאַפּן."

אַלע אַרום טיש קוקן אויפן „פרעמדן" אָרגאַניזאַטאָר און

שמייכלען צופרידן. „דער מעיאָר פון שטעטל האָט היינט איינגע־שוואוירן פינף־און־צוואַנציק נייע שעריפס.״

אָלגאַ הערט זיך צו אַלץ צו. עס הויבן אָן אין איר זכרון פאַר־ביישווימען לאַנג־פאַרגעסענע בילדער פון אַ צווייטן סטרייק. נאָך איידער איר טאַטע איז דערהרגעט געוואָרן. זי געדענקט: די מאַמע פירט זי, אַ קליין מיידעלע, ביים הענטל. זיי טראָגן פעק־לעך עסן פאַר די סטרייקערס, וואָס היטן די אַריינגאַנגען פון די שאַכטעס. זי טרייבט אַוועק די געדאַנקען און הערט זיך צו.

דזשימי, דער עלטערער אַרבעטער רעדט. אַלע האָבן דרך־ארץ פאַר אים. ער רעדט פון דערפאַרונג:

„פונדעסטוועגן״, ווענדעט ער זיך צום אָרגאַניזאַטאָר ליבלער, ווי אַ טאַטע צו אַן אייגן קינד: „פונדעסטוועגן וואָלסטו געדאַרפט אַביסל טונקל מאַכן דיינע יונגע הענט און אָנטאָן אַ פּאָר ׳אָווערראָלס׳ (אַרבעט קליידער). די ׳הינט׳ האָבן לאַנגע, שאַרפע שמעקערס.״

אַלע אַרום טיש שאָקלען צו מיט די קעפּ.

„דזשאַני, צווישן איין צי און אַ צווייטן:

„ווער פון אייך האָט געהערט די זונטיקדיקע דרשה, וואָס דער גלח האָט געהאַלטן פאַר די מיינערס? ער האָט אַפּעלירט צו די פרויען, זיי זאָלן ניט לאָזן זייערע מענער סטרייקן, כדי ניט אויסצו־הונגערן די קינדער.״

קיינער ענטפערט אים ניט. איבער אָלגאַס קערפּער גייט דורך אַ ציטער. זי גיט ניט ווילנדיק זיך אַ קער אויפן בענקל. דאָס בענקל טוט אַ סקריפּע. די קאַץ, וואָס ליגט אַ צונויפגעקנוילטע לעבן אויוון, טוט אַ שפּרונג און פאַרשווינדט. אָלגאַ הויבט זיך אויף און גייט צו צום אויוון. זי וואַרפט אַריין אַ האַלבן עמער קוילן און טרייסלט דורך די רעשאָטקע. זי טוט דאָס אַזוי פלינק, ווי אימיצער וואָלט זי אונטער־געיאָגט. זי וויל ניט פאַרלירן קיין איין וואָרט פונעם טיש. זי זעצט זיך שטיל צוריק אַוועק אויפן בענקל. זי טראַכט גאָרניט פון שלאָף; פאַרגעסט אַז זי דאַרף גאַנץ־פרי אויפשטיין האָדעווען דאָס קינד.

דער פאַרשפּרייטער טיש, די פאַרהאָנגענע פענצטער, דער

בלויער רויך פון די טאַבאַק־ליולקעס, וואָס האָט זיך, ווי אַ פריי־מאָרגנדיקער נעפּל, אונטער דער סטעליע אַנגעזאַמלט, האָט זי אַ שטילן עדות, איינגעוועבט, ווי אין אַ פאַרכישופטער נעץ. זי וואַרפט אַ פאַרשנדיקן בליק אויפן שווערן פעקל, וואָס שטייט הינטער דער טיר.

לואי רעדט שטיל, רואיק און זיכער:

„אימיצער דאַרף גיין מאָרגן בייטאָג מיט די פלוגבלעטלעך, ווען די אַרבעטער גייען אַרויס פאַר מיטאָג צו דער שכנעסדיקער שאַכטע. אַלץ איז דאָרט שוין באַזאָרגט. אין מאַיקס קאַפע־הויז דאַרף מען זיי איבערלאָזן. מען דאַרף בלויז בשלום אַריבער די רעלסן. דאָרטן שטייען פון צייט־צו־צייט 'שפּיקעס' (שפּיאָנען), שטעלן אָפּ יעדן פאַרדעכטיקטן."

איז ווער זאָל גיין? אַלע זיצן פאַרטראַכט, זוכן אַ פּלאַן... קוקן אויפן אָרגאַניזאַטאָר מיט פרעגנדיקע אויגן. אַ פּאָר מינוט גייען אַריבער אין אַ טויטער שטילקייט.

אַלגאַס בענקל טוט ווידער אַ סקריפּע. אַלע דרייען אויס די קעפּ אין איר זייט. אַלגאַ שטעלט זיך שטיל אויף. אירע געדאַנקען אַרבעטן פיבערדיק־שנעל. יאָ, זי ווייסט שוין מיט וואָס זי קאָן באַהילפיק זיין. זי הויבט אָן שעמעוודיק, אין אָנהויב שטאַמלענדיק:

„אַ־איך... וועל... דאָס טאָן."

דיזע מיש שטעלט אָן פרעגנדיקע אויגן. בענקלעך אַרום טיש קערעווען זיך אויס אין אַלגאַס זייט. אַלגאַ קוקט אויפן אומבאַקאַנטן. דערזעענדיק די שמייכלענדיקע ליפּן זיינע, ווערט זי דרייסטער און זעצט פאָר:

„איך קויף דאָרט אַלע טאָג מילך פאַרן קינד. מיטן קינדער־וועגעלע וועל איך גיין. דער וועכטער פון דער אייזנבאַן־בודקע קען מיר שוין."

זי וויל נאָך עפּעס זאָגן. עפּעס באַמבלען זיך ביי איר געדאַנקען וועגן די פרויען פון די סטרייקנדיקע מיינערס. אָבער וועגן דעם דאַרף זי נאָך אַ טראַכט טאָן. אפשר פריער איבעררעדן מיט קירילן.

אויפן דינעם פנים פונעם „פרעמדן" האט זיך באוויזן א ברייטער צופרידענער שמייכל:

„א גוטער פלאן!"

„יא, א גוטער פלאן", שאקלען אלע צו מיט די קעפ.

די „געסט" האבן זיך צוגעכאפט צו די נאשערייען. און די שטראלנדיקע אלגא האט דערלאנגט הייסע טיי.

גרשון דער טרוימער

(א מעשהלע געווידמעט דעם אנדענק פון כאווער־פאווער)

איז געווען אמאל א גערשן (גרשון). גערשן דער טרוימער— האט מען אים גערופן. ווען און פון וואנען ער איז געקומען אין שטעטל אריין, האט קיינער ניט געוואוסט. פלוצלונג האט מען דערזען: עס דרייט זיך ארום א בחור; א הויכער, א דארער. די האר אויפן קאפ זיינען ביי אים תמיד געווען צעפאטלט. די אויגן זיינע זיינען געווען זייער אומרואיקע: זיי האבן זיך אויף איין זאך צו־לאנג ניט פארהאלטן. אזוי האט זיך זיין קאפ אלע מאל געדרייט דא אין איין זייט, און דא אין א צווייטער, וואוהין די קליינע כינעזישע אויגן האבן אים באפוילן.

פון וואס גערשן האט געטראכט, האט אויך קיינער ניט געוואוסט. פון זיינע מאנזשעטן האט ער געווים ניט געטראכט; ווייל אויך זיי זיינען ביי אים שטענדיק צעשויבערטע — אן קנעפלעך.

אין בית־המדרש האבן מענטשן זיך געשושקעט צווישן זיך: אפשר א למד־וואווניק? אז אין אלע קליינע אותיותלעך איז ער בקי; ווייסט אויך וואס אויף דער וועלט טוט זיך. אבער דאוועגען דאוונט

ער ניט. מענטשן האָבן זיך געפּרואווט טרייסטן: אַז ווייבאַלד אַ למד־וואָווניק, דאַווכט ער מסתמא ניט ווען אַלע זינדיקע דאַווענען; אויף אים רוט דאָך די שכינה!

די ערשטע צייט האָבן מענטשן געפּרואווט אים פאַרקנסן מיט די טעכטער פון די שענסטע באַלעבאַטים פון שטעטל. אָבער גערשן פלעגט זיך תמיד אַרויסדרייען מיט אַ תירוץ. דער שטאַרקסטער תירוץ איז געווען, אַז ער קאָן ניט מפרנס זיין אַ ווייב מיט קינדער.

שפּעטער האָבן מענטשן אָנגעהויבן אויף אים רחמנות האָבן; אָנגעבאָטן אים צו ווערן אַ שמש, אַ באַהעלפער. אָבער גערשן פלעגט זיך מאַכן תמעוואַטע און גערן אַרויסהעלפן בערל דעם וואַסער־פירער אַריינטראָגן אַ פּאָר קאַן וואַסער אין אַ הויז אַריין. אָבער בעסער פון אַלץ האָט גערשן ליב געהאַט העלפן ציען דעם בלאָז־זאַק ביי לייב דעם שמיד. דאַן פלעגן זיינע קליינע כינעזישע אויגעלעך אויפבליצן צוקוקנדיק זיך ווי אַ גאַנצע זון נידערט־אַראָפּ אויף דער קאָוואַדלע און צעשפּריצט זיך אין טויזנטער פונקען.

וואו זיין מקום־מנוחה איז געווען, האָט קיינער ניט געקאָנט זאָגן.

אַמאָל האָט אים אפרים דער שמש געזען אַן אויסגעצויגענעם אויף דער באַנק אין פּאָליש פון בית־המדרש, דער קאָפּ אַן איינגע־מולטערטער אין זיינע דאַרע הענט. די קליינע קרומע אויגעלעך באַוועגן זיך פון ווינקל צו ווינקל. די ליפּן מורמלען עפּעס שטיל, ווי זיי וואָלטן די טשערעפּעס פון שכנותדיקן שפּיציקן דאַך געציילט.

אַ צווייט מאָל האָט אים בערל דער וואַסער־פירער געזען זיצן אויפן גרויסן פאַרוואַקסענעם שטיין לעבן דער קרענעצע. דער צעשויבערטער קאָפּ זיינער האָט זיך איבער דער קרענעצע איבער־געבויגן און מיט די אויגן די טיפקייט געמישטערט. בערל האָט אויך זיין קאָפּ איבער דער קרענעצע איבערגעבויגן און האָט אים געפרעגט: „האָסט עפּעס פאַרלוירן, גערשן?"

גערשן גיט עפּעס אַ בורטשע אונטער דער נאָז. זיינע דאַרע לאַנגע פיס גיבן זיך אַ צעשפּאַן, און באַלד איז ער אין דערבייאיקן וועלדל פאַרשוואונדן.

און ווידער. אַמאָל האָט רחמיאל, דער שטאָט־בעל־עגלה, געזען גערשענען אַרומשפּאַנען אַרום דעם כּוטאָר אויפן מאַליווער באַרג, וואָס פירט אין די ווייטע מקומות. אויסגעזען האָט ער ווי אַ פּאַסטוך: זיינע אויגן האָבן געבלאַנדזשעט, ווי זיי וואָלטן זיינע פאַרלוירענע שעפּעלעך געזוכט.

האָבן ווייסע־חברהניקעס פון שטעטל זיך דערוואוסט, אַז גערשן קאָן מעשיות דערציילן. נו, פלעגט ער זיך שוין פון זיי ניט אַרויסדרייען. אָפט האָט מען אים געזען זיצן מיט חדר־אינגלעך אַרומגערינגלט.

פלעגן חברה זיצן איבער העם חומש אָדער גמרא און וואַרפן פאַר־גנבעטע בליקן פונעם רבין צו דער טיר. מיט אומגעדולד געוואַרט, מ׳זאָל זיי פון חדר אַהיימלאָזן. און אין דער שעה, ווען פענצטער האָבן זיך מיט קליינשטעטלדיקע, גאָלדענע סודות געצונדן; ווען הייזער האָבן זיך אין לבנה־שיין געבאָדן, אין דער שעה, לויט ווי דער רבי פלעגט דערציילן, ווען מתים זיינען פון זייערע קברים צום מנין אין שול אַריין, דורכן קוימען אַריינגעפלויגן, דאָן האָט חברה שנעל ווי אַ בליץ זיך דערוואוסט, אַז גערשן האָט זיך פון כוטאָר אומגעקערט. דאָן האָבן זיך חברה־לייט צום בית־המדרש געצויגן.

און גערשן האָט מעשיות דערציילט.

ליב געהאַט האָט גערשן, אַז די מעשיות זאָלן זיך גראַמען. נאָר אַז אַ גראַם האָט געפעלט, האָט ער זיך אויך ניט מצער געווען.

און אין אַ ווינטערדיקן אָוונט, ווען דער הימל האָט זיך מיט טרערן באַגאָסן, פלעגט די אונטער־דער־הרובע פון בית־מדרש פאַר זייער באַהעלטעניש דינען.

אין אַזאַ רעגנדיקן אָוונט פלעגט גערשן אַלע מאָל איין־און־די־זעלבע מעשה דערציילן. אָנגעהויבן האָט ער אַזוי:

זעצט זיך, קינדער, אין אַ ריי. סיי־ווי־סיי, אין דרויסן רעגנט, דונערט, בליצט; דאָך אין וואַרעם שטוב איר זיצט. צו דערפילן אייערע באַגערן, וועל איך אַ מעשהלע דערציילן.

זיץ איך מיר, גערשן, אויף דער שוועל פון טיר. אָט אַזוי זיך, ווי מענטשן זאָגן, ניט מיר ניט דיר. כ׳זיץ די אויגן צוגעמאַכט און

טראַכט. און ווייסט איר, קינדער, וואָס איך טראַכט און זע?
אַט יענער באַרג פון מזרח-זייט גיט זיך פלוצלונג פלינק אַ דריי. ער וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם לאַנג-דורותדיקן האָרב. אַט־אַזוי, ער שטרעקט זיך פשוט אויס. עס שאַפט זיך באַלד פון אים אַ פעלד, וואָס ציט זיך אין דער ברייט און אין דער לענג אויף מייל, מייל־ווייט. ביי דעם ווייטסטן ברעג פון פעלד פליסט אַ טייכל זיך געמיטלעך, און פון יענער זייט פון טייכל, ווי אַ וואַנט, פורעמט זיך אַ טיפער וואַלד.
גיי איך מיר אין וואַלד שפּאַצירן, לאַנג, לאַנג. זינג זיך צו אַ פריילעך ליד, ביז איך פיל זיך זייער מיד. כ׳זעץ זיך צו אונטער אַ בוים, פונקט ביים זוים פון פעלד און וואַלד.
פלוצלונג כ׳זע: ס׳שוועבן שאָטנס, גאַנצע קייטן. זיי יאָגן זיך פון אַלע זייטן. זיי קניפּן זיך אין רונדן קראַנץ, און לאָזן זיך אין ווילדן טאַנץ, אין דערציילן איינס דעם צווייטן פון די וואונדער וואָס זיי שאַפן.
„איך בין טויט", שרייט איין שאָטן. „איך רויב די קינדער פון די מאַמעס און חתנים פון די כלות."
שלאָגט אַ צווייטער שאָטן איבער: „איך פּאַלג מלאך אַ געדרודער, איך רייס אַ ברודער קעגן ברודער."
שטשירעט זיינע ציין אַ דריטער: „איך רייס פעלקער קעגן פעלקער, כ׳בין מיטן מלאך־חבלה אַ שמעלקע."
זיי וואָלטן לאַנג אַזוי געטאַנצט נאָך. מיטאַמאָל איז שטיל גע־וואָרן; אַ העל ליכט פון מזרח־זייט דורכגעשניטן האָט די נאַכט. שוועבט דאָס ליכט אַלץ נעענטער, נעענטער. בלייבן שאָטנס באַלד דערציטערט. פליסטערט איינער שטיל אַרויס:
„ווער ביסטו, אומגעבעטענער?"
„איך? באַוואוסטזיין!... אונטער מיינע שטראַלן העלע ווערן אייערע נעגל טעמפּ. הילפלאָז בלייבן אייערע פויסטן. אויגן שטאַרע, מיילער אָפן, צונגען בלייבן ליגן טויט."
גערשן איז שטיל געבליבן.
דאָס לעמפּל אויפן טיש האָט אָנגעהויבן צאַנקען. די קינדער רוקן זיך שטיל אַרויס פון הינטערן טיש. זייערע אויגעלעך זיינען

בּרייט־צעעפנט. זיי נעמען זיך אָן ביי די הענטלעך און צעלאָזן זיך אין די באַזונדערע זייטיקע געסלעך. לויפן שנעל, שנעל; מיט מורא, אַז די שוועבנדיקע שאָטנס זאָלן זיי חלילה ניט פאַרצערן. זיי חלומען פונעם העלן ליכט, וואָס וועט לייטערן די נשמות פון די מענטשן און אָפּווישן די בייזע שאָטנס פון דער ערד.

דער גרינער באַרג

ס'איז **1945**. די צווייטע וועלט־מלחמה איז נאָך נישט פאַר־ענדיקט. אייראָפּע איז איין גרויסער שייטער. אַלע מענטשן גייען אַרום מיט אָנגעשפּיצטע אויערן. אויך פריידל איז צערודערט.

אָבער היינט איז פריידל אַהיימגעקומען מיט יוגנטלעכן ברען אין אירע אויגן און מיט ברויזנדיקער ענערגיע אין אירע גלידער. עפּעס גאַרנישט לויטן שטייגער פון די לעצטע פאַר יאָר. עפּעס נישט ווי זי וואָלט איצט געקומען פון אַ שווערן טאָג אַרבעט אין שאָפּ (פאַבריק) און נאָך אַ לאַנגן מיטינג. רינצלען פון אַ פרייד־שמייכל באַשיינט איר פּנים און האָבן עס יונגער געמאַכט. אירע באַוועגונגען זיינען טאַנצנדיק־גרינגע, ווי זי וואָלט ערשט געקומען פון אַ לאַנגער וואַקאַציע פון רו און פאַרגעניגן.

אַלץ האָט אָנגעהויבן ברענען אונטער אירע הענט. דער קלאַנג פון דעם געשיר און טעפּלעך אין קיך האָבן היינט מער נישט דענער־ווירט אירע אויערן, נאָר פאַרקערט — דער פאַרצעליי און אַלומינום געקלאַנג האָט איר דערמאָנט אין אירע יונגע, ערשטע יאָרן נאָך דער חתונה, ווען אַלע קלאַנגען האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין אַ סימפאָניע פון אַ צופרידן לעבן, ווען אַלץ אין איר און אַרום איר האָט געזונגען.

לייבל, איר מאַן, האָט זיך שוין אפילו געוויצלט:

— פריידל, דו קוקסט היינט אויס ווי אַ יונגער צוציק!

שווער אָפּאָטעמענדיק, ווי זי וואָלט אַ שווערע מאַסע אַראָפּ־געוואָרפן פון אירע פּלייצעס, האָבן ווערטער פריידיק אַרויסגע־שטראָמט פון אירע ליפּן:

— נו לייבל, איצט איז מיר גרינגער. דער היינטיקער מיטינג האָט מיך צוריקגעשטעלט אויף די פיס.

און איידער לייבל האָט באַוויזן איר צו ענטפערן, האָט פריידל אָנגעהויבן צו ריידן שנעל־שנעל:

— געדענקסט, לייבל, ניינצן פיר און דרייסיק?

לייבל רייסט אָפּ די אויגן פון זיין שיסל זופּ און וויל איר ענטפערן. און נאָך איידער לייבל באַוויזט צו עפענען די ליפּן, רעדט פריידל ווייטער, רעדט פאַרחלומט, מיט די אויגן אָנגעשטעלטע אין דער ווייטקייט, ווי זי זאָל די גאַנצע צייט יענע זען פאַר אירע אויגן:

— אַ דערפאַרענער יאַט געווען דער יצחק, אַ גוטער אַרבעטער־פירער. מיט זיין קומען אין אונדזער יוניאָן (פאַראיין), איז די גאַנצע אַרבעט אַוועק אין גאַנג.

פריידל בלייבט שטיל. לייבל וויל אָנהויבן צו איר ריידן. אָבער זי הערט אַפילו נישט וואָס ער זאָגט. זי איז פאַרטיפט אין אירע איי־גענע געדאַנקען. אירע הענט נעמען אויטאָמאַטיש אַראָפּ דאָס געשיר פונעם טיש. זי גייט פון טיש צום וואַש־קעסטל און צוריק. אירע געדאַנקען שפּינען זיך ווייטער און רופן אַרויס סיטואַציעס און בילדער פון דער נישט־ווייט פאַרגאַנגענער צייט. זי שטייט און וואַשט שוין דאָס געשיר. אָבער זי באַמערקט אפילו נישט וואָס זי טוט. געדאַנקען פליען. זי דערמאָנט זיך, ווי זי האָט אַמאָל באַגעגנט אַלע טאָג־טעג־לעכע שוועריקייטן. אין יענער צייט האָט די גאַנצע שרעק אירע פון אַן אומזיכער לעבן אָפּגעטראָטן פאַר איר בראַווקייט און זיכער־קייט. „די לינקע" האָט מען זיי גערופן אין איר שאַפּ. די פאַרטיי־אַרבעט האָט איר געגעבן קראַפט און מוט.

„און איצט?"

זי הייבט זיך אָן דערמאָנען: אין אָנהייב האָט זי זיך נישט אָפּגעגעבן קיין דין־וחשבון. זי איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטשאַדעטע, ווי אין אַ שטענדיקן קאָשמאַר. די שאָפּ־פּראָבלעמען טרעטן אָפּ פאַר די מלחמה־פּראָבלעמען. שפּעטער האָבן פראַגן אָנגעהויבן עקבערן איר מוח, אָבער נישט אויף לאַנג.

— וואָס איז געוואָרן מיטן שטענדיק בייזן און שטרענגן באַלע־באָס? — פלעגט זי זיך פרעגן — עפּעס איז ער געוואָרן אַזאַ ווייכער און נאָכגעביקער: ווייל זי — גייט זי אַהיים אַ שעה פריער; ווייל זי, קומט זי איינגאַנצן נישט אַריין אַ האַלבן טאָג צו דער אַרבעט. דער באַלעבאָס שפּאַנט אַרום איבערן שאָפּ און באַמערקט אפילו נישט אַז פריידל פעלט. מימי האָט איר, פריידלען, דערציילט, אַז עפּעס האָט ער זיך איינמאָל יאָ אָפּגעשטעלט לעבן איר מאַשין, אָבער ער איז געווען פאַרטאָן אין זיינע מחשבות. דערנאָך האָט ער צופרידן, רייבנדיק זיך די הענט, זיך צוגעקייקלט אויף זיינע קורצע פיס צום הויפּט־צושניידער, דייוון, און זיך לעבן אים אָוועקגעשטעלט. און מימי האָט געהערט ווי מיסטער גייסט, דער באַלעבאָס, זאָגט:

— דייוו, דו קאָנסט מיך שוין גראַטולירן. איך האָב נעכטן גע־שלאָסן אַ נייעם קאָנטראַקט. שוין איינמאָל אַ קאָנטראַקט! אָבער וואו נעמט מען נאָך הענט? — ווייזט ער אָן אויף אַ ווינקל פון שאָפּ, עס שטייט ביי מיר אַ ליידיקע מאַשין.

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט פריידל באַמערקט, ווי עס האָט אָנגעהויבן אַריינקומען אַ נייע „פינישערין", נאָר פאַר האַלבע טעג בלויז. און מיסטער גייסט? ווי מען וואָלט איבער נאַכט אים איבערגעגאָסן ווי מען גיסט איבער סטאַטועטקעס! ס'איז אַרויסגע־קומען אַן אַנדערער מיסטער גייסט: אַ מין מלחמה־פּראָדוקט! ער ווערט צעשמאָלצן ממש פון זאַטקייט!

יעדעס מאָל ווען זי, פריידל, פאַרלאָזט דעם שאָפּ, פאָלגן מיסטער גייסטס אויגן זי נאָך, ווי זיי וואָלטן זיך בעטן: „קומט מאָרגן אַריין צו דער צייט!" און אָט אַזעלכע מאָמענטן פלעגט ווי אַ בליץ זיך

דורכרייזלען דורך איר מוח: „אויף ווי לאַנג!” **אָבער פריידל האָט** דאָן קיין צייט נישט געהאַט לאַנג איבערצוטראַכטן.

די אָנעצוויגנקייט ביי איר אין שאַפּ האָט דאָן, אין די מלחמה־יאָרן, אָנגעהויבן ביסלעכווייז פאַרשווינדן: מען רייסט זיך מער נישט איבער די בינטלעך אַרבעט. זי דערמאָנט זיך אַמאָל ווען אַלעמענס אויגן האָבן זיך געצויגן צום ווינקל, וואו די בינטלעך אַרבעט זיינען געלעגן. פלעגט זיך דאָס ווינקל אָנהויבן אויסליידיקן אַזוי האָבן די מאַשינער אָנגעהויבן גלייך וואַרפן פאַרגנבעטע בליקן צום שכנס קעסטל, צי האַלט דער שכן שוין אין ענדיקן זיין פּעקל אַרבעט. און אַלעמענס פינגער פלעגן זיך אָנהויבן יאָגן פיבערדיק־שנעל: וואָס שנעלער ענדיקן זיין פּעקל. ווי עס וואָלט אָנגעגאַנגען אַ געוועט. און פלעגט אַמאָל פּאַסירן, אַז פריידל איז געווען די „געווינערין”, פלעגט זי זיך פילן ווי אַ פאַרברעכערין זי פלעגט פילן, ווי אַלעמענס אויגן וואָלטן זי מיט בייטשן געשמיסן.

נו, און איצט? קיינער יאָגט זיך נישט. דאָס ווינקל פון די פּעקלעך שטאָפן ליידיקט זיך גאָר קיינמאָל נישט אויס. דאָס ווינקל פון שאַפּ האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שטענדיקן גרינעם באַרג פון גרינעם געוואַנט, וואָס האַלט אין באַקליידן די סאָלדאַטן פון אַמעריקע. און פריידלען פלעגט זיך דוכטן: אָט, אַן ערד־ציטערניש האָט אַ טרייסל געטאָן די ערד און די צעדריקטע ערד־שיכטן האָבן אַ שטענדיקן גרינעם באַרג פון זיך אַרויסגעשטויסן. און אָט דער גרינער באַרג האָט געמאַכט אַן איבערקערעניש! מיט יעדן טאָג האַלט ער אין איין וואַקסן און וואַקסן! אָט האָט ער שוין די סטעליע אַדורכגעלעכערט און זיך צעשפּרייט איבער די צוויי אויבערשטע שטאָקן. האָט מען אויפן צווייטן שטאָק פון דעם גרינעם באַרג אָנגעהויבן נייען גרינע הויזן און אויפן דריטן שטאָק האָט מען „געשאָסן” גרינע סאָלדאַטסקע היטעלעך. וואָס מער דער באַרג איז געוואַקסן, אַלץ מער איז מיסטער גייסט געוואָרן ווייכער און נאָכגעביקער. און עפּעס ווי אומזעבאַרע עלעקטרישע שטראָמען האָבן אָנגעפילט די שאַפּ־לופט און איבערגעשמאָלצן אַלעמענס געמיטער.

פריידל דערמאָנט זיך: אַמאָל... מימי, דאָס שוואַר־חנוודיקע איטאַליעניש מיידל, פלעגט מעסטן די זיידענע אָוונט־קליידער, וואָס זי פלעגט שטעפן. בשתיקה, ווען דער באַלעבאָס איז אַוועק אויף מיטאָג, פלעגט מימי אַריינגנבענען אַ טייער, טונקל־רויט קלייד אין צימער, וואו די שאַפּ־מיידלעך פלעגן בייטן זייער אָנטועכץ. מימי פלעגט אַרויפציען דאָס זיידענע קלייד אויף איר יונגן, אויסגעטאָקטן, בייגעוודיקן קערפּער און שטיין מינוטן־לאַנג פאַרן שפּיגל, באַוואונדערן די ליניעס פון אירע שלאַנקע, מיידלשע גלידער, באַצירט אין אַ טרוים־קלייד. און פלינק ווי אַ קאַץ, נאָך איידער זי פלעגט דערהערן דעם סקריפּ פון דער טיר פון אונטערן באַלעבאָס האַנט, פלעגט מימי מיט ציטערדיקע, נישט־ווילנדיקע הענט אַראָפּציען דאָס פּיל־געגאַרטע קלייד און דאָס מיט כעס אַ שליידער טאָן אין איר קעסטל לעבן דער מאַשין, ווי דאָס קלייד וואָלט געווען איר גרעסטער שונא!

היינט זיצט מימי לעבן איר מאַשין און צערטלט דעם גרינעם געוואַנט, ווי אַ מאַמע, וואָס צערטלט אַ העמדל פאַר איר ניי־געבוירן קינד. נישט איין מאָל באַמערקט פריידל, ווי די שיינע, שפּרודלדיקע מימי ציט־צו דאָס האַלב־געענדקט גרין רעקל צו איר באַק, ווי זי וואָלט זיך טוליען צו איר מאַיקן, וואָס געפינט זיך איצט אין אייראָפּע, אַרום דייטשלאַנד. אַזוי וויט פון איר! און מימי לייגט מיט ליבע און מיט פאַרזיכט צוריק אַוועק דאָס גרינע רעקל אין קעסטל אַריין. און ס׳דוכט זיך פריידלען, ווי מימי קאָן אירע פאַרבענקטע אויגן נישט אָפּרייסן פון גרינעם געוואַנט.

אויך פריידלען זיינען די רעקלעך אַזוי נאָענט! ווי לאַנג־צוריק האָט זי אַליין דאָס לעצטע מאָל זיך געזעגנט מיט איר איין־און־איינציקן זון, אהרנען. אויך איר אהרן האָט געטראָגן אַזאַ גרין רעקל.

אָט אַזוי האָט מיסטער גייסטס שאָפּ זיך פאַרוואַנדלט אין איין גרויסער משפּחה — אַ גרינע, געוואַנטענע משפּחה. אַלע זאָרגן פאַרן גרינעם באַרג!

מיסטער גייסט זאָרגט, דער באַרג זאָל חלילה נישט קלענער ווערן... דער באַרג צעשפּאַרט די ווענט פון מיסטער גייסטס שאָפּ און

האַלט זיי אין אָפּשטופּן. אַט האַלט שוין מיסטער גייסט אין איבערנעמען דעם שכנותדיקן שאַפּ, וואו מען נייט גרינגע שינעלן. און מימי זאָרגט זיך אויך: זי גלעט דאָס גרינגע רעקל מיט בענקשאַפט אין אירע אויגן.

עפּעס אַן „עפּעס" אין דער מאָדנער משפּחהדיקייט האָט פּריידלען ווי געדרייצט, באַאומרואיקט, געשראָקן אפילו. זי האָט דעם „עפּעס" נאָך נישט געקאָנט אָנטאַפּן, אָנכאַפּן.

פּריידל האָט פּשוט קיין צייט נישט געהאַט צו אַנאַליזירן אַלץ אַרום זיך. געוואוינט איז זי דווקא יאָ געווען אַלץ צו מעסטן מיט דער מאָס, וואָס זי האָט דורך יאָרן דורכגעווייטיקט און איינגעזאַפּט אין איר מאַרך. אין יענע צייטן פּלעגט איר פּנים נישט איין מאָל אויפגעשטראַלט ווערן, ווען איר פּלעגט געלונגען עמיצן פון אירע מיטאַרבעטער עפּעס אויפקלערן. פּריידל איז דאַן געלויבט געוואָרן אין איר קלוב פאַר איר שטענדיקער וואַכזאַמקייט און גוטער אַרבעט. און אַרבעט האָט זי געטאָן זייער אַ סך. אַלע מאָל פּלעגט זי ברענגען נייע מענטשן אין איר קלוב־קעמערל. אירע נייע מענטשן פּלעגן נישט אַריין און אַרויס, ווי עס פּאַסירט אָפט, נאָר זיי פּלעגן טאַקע פאַרבלייבן. אין קלוב פּלעגן אַלע זיך וואונדערן: „וואו און ווי אַזוי קריגט זי זיי?"

און פּריידל פּלעגט זיך ווייצלען:

— איך קאָנצענטריר זיך אויף די קרבנות פון איבערפּראָדוקציע און קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל.

פּלעגן אַלע הייבן מיט די אַקסלען און נישט פאַרשטיין:

— הער שוין אויף, פּריידל, שלינגען ענציקלאָפּעדיעס און דערצייל.

פּלעגט פּריידל גוטמוטיק און שטיפעריש זיך אַ בייזער טאָן:

— נו, וואָס פאַרשטייט איר נישט, קאָפּ־מענטשן מיינע?

און זי פּלעגט זיי דערציילן וואו און ווי אַזוי זי האָט געקראָגן אירע צוויי לעצטע קאַנדידאַטן. איינער איז געווען אַ שטעפּער פון שכנותדיקן שאַפּ. פּסח האָט ער געהייסן. האָט פּריידל איין מאָל באַמערקט, ווי פּסח שלעפּט זיך אַן אומעטיקער, מיט בליי־אָנגעגאָסענע

טריט צום סאָבזוועי (מעטראָ), גייט אים פריידל נאָך. טוט אים אַ צי ביים אַרבל:

— פסח, וואָס איז מיט דיר? קראַנק?

פליסטערט פסח פאַרצווייפלט אַרוים:

— מען האָט מיך אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט.

— סטייטש?

דערציילט איר פסח ווייטער:

— דער באַלעבאָס מיינער זאָגט, אַז ער האָט שוין נישט וועמען אַלע אָנגעגרייטע הויזן צו פאַרקויפן. צופיל הויזן אויפן מאַרק!

לאָזט אים שוין פריידל נישט אָפּ. אַהין־אַהער, אַהער־אַהין... פריידל גיט אים אַ לעקציע פון „איבערפּראָדוקציע". זי טרייסט אים, און ווי אַ גענייטער דאָקטאָר, שטעלט זי אים אויף די פיס, און דאָנער־שטיק ברענגט זי פסחן אין קלוב־קעמערל.

דער צווייטער נייער מענטש, איטקע איז איר נאָמען. אַ דיק־לעכע, גוטמוטיקע פרוי, אין די פריע פערציקער. נעמט אויף אין איר קליין שפּייז־געוועלבל אירע קונים שטענדיק מיט אַ וואַרעמען שמייכל אויף איר ברייטלעך פּנים. פאָלגט פריידל נאָך יעדן ריר איטקעס, בשעת יענע שניידט פאַר איר דעם קעז און דערלאַנגט פריידלען די זעקלעך צוקער און זאַלץ. פריידל באַמערקט איין מאָל ווי איטקע וואַרפט אויגן פול מיט שנאה אויפן צווייטן ראָג פון גאַס, וואו עס האָט זיך לעצטנס געעפנט אַ גרויסער סופּער־מאַרקעט פון עסנוואַרג. ממש מיט טרערן אין די אויגן פאַרקלאָגט זיך איטקע פאַר דער צוגעלאָזענער פריידלען:

— דער גזלן — ווייזט זי אָן אויפן ריזיקן געשעפט — געקומען מיר איבערשניידן דעם האַלדז!

פריידל לאָזט שוין איטקען נישט אָפּ. איין געשפּרעך, אַ צווייטער... פריידל גיט איטקען אויף מאַמע־לשון צו פאַרשטיין וואָס עס מיינט „קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל", און איטקע איז שוין אויך אין קלוב־קעמערל. איטקע וויינט נישט מער. זי ווייסט שוין וואו דער הונט ליגט באַגראָבן! איטקע איז פריידלס בעסטע פריינדינע געוואָרן.

בליץ־שנעל פליען די זכרונות אדורך פריידלס מוח. זי האט אפילו נישט באמערקט ווי זי האט שוין לאנג געענדיקט וואשן דאס געשיר. זי ליגט שוין אן איבערגעטאענע אין בעט. אבער די געדאנקען לאזן זי נישט צורו. די היינטיקע פארזאמלונג האט זי וואך געמאכט. ליגט זי מיט אפענע אויגן אינעם פינצטערן צימער. דאס ריטמישע אטעמען פון איר שלאפנדיקן לייבלען ביי איר זייט גיט אירע געדאנקען א מער רואיקן גאנג.

פריידל מיטן גאנצן שאפ זיינען איינגעשלונגען געווארן אין מלחמה־ארבעט. עפעס ווי דורך א צופאל איז פריידל ארויסגעפאלן פון דעם פרייז־קאמיטעט פון איר שאפ: דער באלעבאס איז דאך אזוי נאכגעביק! אומבאמערקט פאר זיך האט זי אויך אויפגעהערט גיין צו קעמערל־זיצונגען, קיינער פרעגט זי נישט פארוואס, קיינער מוסרט זי נישט. פריידל טרייסט זיך: זי העלפט קלייבן קליידער פארן „ראשיען וואר־רעליף״ (רוסישע מלחמה־הילף).

ווען פריידל קומט אהיים א מידע נאך א טאג שאפ־ארבעט, פאלט זי אנידער אן אויסגעשעפטע אויף דער שטול לעבן דער ראדיא. די נייעס לעבערן איר הארץ. טרערן קייקלען זיך איבער אירע אויסגעמאטערטע באקן. עפעס א מורא האט זיך בישלעכווייז אנגעהויבן באזעצן אין איר הארצן. ביז האלבע נאכט טרעט זי נישט אפ פון דער ראדיא. זי איז צעטראגן. איר ארעלס בריוו פארגרעסערן נאך מער איר צעטראגנקייט:

— מאמע — שרייבט ער — ווען וועט מען מיך שוין שיקן צום פראנט?

און ווען דער צווייטער פראנט איז געקומען, פלעגן ארלס בריוו זי טרייסטן:

— מאמע, איך שיק דיר א סואוועניר — א נאציש פארטיי־ביכל. געפונען אין א צעשמעטערטן דייטשן טאנק.

און אט האט א פרייד ארומגעכאפט איר גאנצן שאפ. יעדן טאג רוקט מען איבער די צייג־שפילקעס אויף אן אנדערער שטאט, וואס אויף דער מאפע, וואס די ארבעטער האבן אויפגעהאנגען אין שאפ

אויף דער וואַנט. צייכנס אויף די שטעט, פון וואַנען מען טרייבט אַרוים די נאַציס. פריידל פרייט זיך. אָבער פאַרוואָס איז זי אַזוי מיד? אַזוי מיד! זיינען אירע פיס ממש ווי קלעצער.

מאַידאַנעק, אוישוויץ! די נייעסן וועגן די מאָרד־פאַבריקן האָבן זי אינגאַנצן צערודערט. פריידל האָט מומעס און שוועסטער־קינדער אין איר באַליבטער אוקראַינע. די מומע נעסיע האָט געוואוינט אין כאַרקאָוו, די קוזינע טויבע איז געווען אַ לערערין אין קיעוו. וואָס איז מיט זיי געוואָרן? זיינען זיי אויך אומגעקומען? האָט פריידל די צייטונגען אינגאַנצן מורא צו לייענען.

די שרעק האָט זיך באַזעצט ביי איר אין דער נשמה און ווי אַ וואָרעם געפרעסן, געדרילעוועט, געבויערט. די שרעק האָט פריידלס מוח אין אַן אָפענער וואונד פאַרוואַנדלט. ליגט זי גאַנצע נעכט אָן שלאָף. און שווער איז לייבלען צוצוזען, וואָס מיט זיין פריידלען איז געוואָרן. שווער זי אָפצורייסן פון ראַדיאָ. רופט זי לייבל צערטלעך:

— שוין שפעט, פריידל. ס'וועט דיר מאָרגן זיין שווער אויפצושטיין.

אָבער פריידל האָט מורא זיך צו לייגן אין בעט. איר מוח מאָלט איר אַזעלכע שרעקלעכע בילדער. און ווען זי ווערט שוין יאָ אַנדרימלט, מוטשען זי שרעקלעכע קאָשמאַרן:

אָט פילט זי, ווי זי פליט אין אַ טיפן, פינצטערן אָפּגרונט. דער אָפּגרונט איז אָנגעפילט מיט שיפּענדיקע שלאַנגען און יאַשטשערקעס. און אָט זעט זי אַזוי בולט די קאָנצענטראַציע־לאַגערן פאַר אירע אויגן: פאַרמוטשעטע, פאַרברענטע, לעבעדיק־צעפרעסענע שקעלעטן. און אָט זעט זי: איר אָרל פליט איבער דייטשלאַנד. זיין עראָפּלאַן ברענט און פאַלט אַראָפּ. זי זעט אָרלען אונטער שטעכיקע דראָטן צווישן די לעבעדיק־באַגראָבענע; אַן אויסגעמאַטערטער. זי וויל שרייען: „ניין, ניין!” אָבער קיין ווערטער קומען ביי איר נישט אַרוים. ווי עמיצער וואָלט געדריקט אויף איר ברוסטקאַסטן און זי געשטיקט. פון איר האַלדז רייסן זיך בלויז כאָרכלען אַרוים, ביז זי כאַפּט זיך אויף; אַ געזשום פון אַ פאַרבייפליענדיקן עראָפּלאַן האָט זי אויפגעוועקט.

זי בלייבט ליגן אין אַ קאַלטן שווייס און ציטערט, ווי עס וואָלט זי געוואָרפן אין קדחת. לייבל דערפילט אין שלאָף פרײדלס קאַנוואול־סיעס און כאַפּט זיך אַ דערשראָקענער אויף. ער וואַרפט אויף איר אַרויף אַ קאָלדרע, דערלאַנגט איר הייסע טיי ביז פרײדל פאַרטשעמעט די ציין און הויבט זיך אָן באַרואיקן, ווישט די טרערן, וואָס פליסן פון זיך אַליין. אַזעלכע נעכט האָט פרײדל געהאַט אין יענע יאָרן אַ סך.

נאָר אַט שרייבט איר אָרל:

— מאַמע, אינגיכן וועל איך דיר שיקן אַ סואווענִיר פון סאַמע בערלין.

און פרײדל האָט טאַקע צו־לאַנג אויף דעם סואווענִיר נישט געדאַרפט וואַרטן: אַ שטאָלענע קאַסקע פון אַ דײטשן סאָלדאַט אַראָפּ־גענומען. און טאַקע גלייך נאָך דעם איז געקומען דאָס אונטערגעבן זיך פון די צעשלאָגענע דײטשן. איז די פרייד געוואָרן נאָך גרעסער. די אַרבעטער אין שאָפּ האָבן זיך געהאַלדזט און געקושט. מימי האָט אַזש געוויינט פאַר פרייד: אפשר וועט איר מאַיק שוין באַלד קענען צו איר צוריקקומען?

בלויז מיסטער גייסט האָט זיך עפּעס ווי אַביסל דערשראָקן: ער פלעגט נישט קאָנען אָפּרייסן זיינע אויגן פונעם גרינעם באַרג: צי ווערט דער באַרג נישט קלענער?

מיסטער גייסט האָט פלוצלונג צוריק אָנגעהויבן בייזערן זיך און דעם ערשטן כעס האָט ער אויסגעלאָזן צו דער „האַלבער פינישע־רין” (האַנט־נייטערין). ער האָט איר געהייסן גיין!

די „פינישערין” איז געבליבן שטיין ביי דער טיר, זיך אומגע־קוקט אויף די אַרבעטער.. אָבער אַלע האָבן געשוויגן. בלויז פרײדל האָט זיך געגעבן אַ הויב־אויף, ווי עמיצער וואָלט זי אַ שטאָך־געטאָן: „וואָס טוט מען?” אָבער איידער וואָס־ווען איז די אָפּגעזאָגטע אַרבע־טערין שוין געווען פון יענער זייט טיר.

היינט ליגט פרײדל אין בעט און טראַכט וועגן יענע קאָשמאַרנע, שרעקלעכע נעכט. זי פרייט זיך, וואָס יענע נעכט זיינען אַ פאַרגאַנ־

געגהייט. איר זון ערל איז געווען אויף א דרייסיק־טאגיקן אורלויב און זי האט זיך אביסל בארואיקט.

פריידל קאן נאך אויך היינט נישט איינשלאפן. אבער היינט פארמאגט זי נישט די שרעק, ווי אין די קאשמאר־נעכט. היינטיקע שלאפלאזיקייט איז שוין גאר אן אנדערע. היינט דארף זי קיין שלאף־פיל נישט נעמען. היינט וויל זי נישט שלאפן. היינט דוכט זיך איר, הויבט זי אנטאפן דעם „עפעס" וואס האט זי צוריקגעשטעלט אויף די פים. יא, די לעצטע דיסקוסיע איבער אן ארטיקל פון א פראנצויזישן ארבעטער־פירער, דיקלא, אויף דער פארזאמלונג האט זי אויפגעוועקט, איר געהאלפן זיך ארויסדראפען פון צעטומלטקייט און פארטרייבן די נאגנדיקע אומרואיקייט.

פריידל צעשמייכלט זיך אין איר היינטיקער וואכקייט. זי פרעגט זיך:

— וואס איז היינט? דאנערשטיק? יא, היינט אויף דער פאר־זאמלונג האט זי זיך אויפסניי באגעגנט מיט פסחן דעם שטעפער און מיט איטקען, איר בעסטע חברטע. זיי האבן איר געדרוקט די האנט, געקוקט אויף איר מיט ליבע און געשלונגען יעדעס וואָרט וואס זי האט גערעדט. גערעדט וועגן די פליכטן פון א קלאסן־באוואוסטזיניקן מענטשן אין דער איצטיקער צייט. אירע אייגענע אויערן האבן זיך געחידושט וואס איר מויל רעדט! עפעס ווי א קוואל וואלט זיך דורכ־געריסן דורך דעם גרינעם בארג. א קרישטאל־קלארער קוואל! און דער „עפעס" איז פאר אירע אויגן ארויסגעשוואומען אזא בולטער, ווי א ליכטיקער שטראל וואלט אים באגאסן. דער שטראל האט באלויכטן דעם גרינעם געוואנטענעם בארג און פריידל האט אנגעהויבן בא־מערקן, ווי דער בארג אין שאפ הויבט אן איינשרומפן. ער ווערט קלענער און קלענער... און מיסטער גייסט ווערט אויך קלענער... קלענער... קלענער...

מיטן געדאנק, אז זי איז צוריק אויף א פעסטן באדן, האט פריידל פארמאכט אירע אויגן און זיך איבערגעגעבן דעם געזונטן, רואיקן שלאף.

אַ פּינטעלע
(מאָנאָלאָג)

איך כאַפּ די פּען און הויב־אָן שנעל שרייבן.

די געדאַנקען ביי מיר אין קאָפּ לויפן און מישן זיך און שלאָגן זיך צוזאַמען, ווי בעבלעך אין אַ זודיקן קעסל.

איך שרייב נאָך שנעלער, אָבער ניט שנעל גענוג, ווייל די געדאַנקען יאָגן זיך מיט דער האַסטיקייט פון אַ דזשעט.

אָבער אַ דזשעט פליט לויט אַ פּלאַן אין איין ריכטונג. די געדאַנקען מיינע אָבער שפּרינגען, ווי דער דזשעט וואָלט זיך אַנגעטראָפן מיט אַן אוראַגאַן, און ער ווערט געשליידערט אין אַלע ריכטונגען.

איז ווי אַזוי כאַפּט מען די געדאַנקען?

און אַז איך וועל זיי כאַפּן, די געדאַנקען מיינע, וועלן זיי מסתמא זיין ניט אָרגאַניזירט, ווייל זיי שפּרינגען אַרויס פון דער נעץ, און לאָזן זיך ניט כאַפּן, און דערצו טענהן זיי צו מיר:

נאָך וואָס? און אויב דו וועסט אונדז שוין כאַפּן, און אוועקשטעלן שוואַרץ אויף ווייס, איז ווער עס וועט זיי לייענען, וועט זיך צעלאַכן און זאָגן: אויך מיר געדאַנקען...

אָבער דאָס אויסטענהן זיך מיט מיינע געדאַנקען איז געווען בלויז אַ מין סטראַטעגישער גאַנג פון אַ געניטן שאַכמאַטיסט. געטראַכט האָב איך: זאָלן זיי זיך נאָר אָפּשטעלן אויסהערן מיינע אַרגומענטן, וועל איך אויסשטרעקן די רעכטע האַנט און אַ כאַפּ־טאָן.

און אָט האָב איך אַ פולע זשמעניע מיט געדאַנקען.

פּרובירן אויססאָרטירן זיי איז כמעט ניט מעגלעך. ערשטנס, וויפיל איז אַ זשמעניע מיט געדאַנקען?

ניט קיין סך.

צווייטנס, ווי אַזוי נעמט מען זיי אַרויס פון דער זשמעניע?

וועל איך אויפעפענען אַלע פינגער מיטאַמאָל, וועלן זיי זיך ווידער צעפּליען אין אַלע זייטן.

דערפאַר קאָן איך זיי טאַקע ניט אויסמאַרטירן, ווייל איך דאַרף אויפעפענען איין פינגער אויף אַמאָל און אַרויסשלעפּן **פיצלעך און** שטיקלעך און זיי אַוועקשטעלן שוואַרץ אויף ווייס.

איז ווער בין איך, וואָס איך האָב זיך פּלוצים אַעקגעלאָזט אויף יאַגד נאָך געדאַנקען?

בין איך דען אַ וויכטיקער פילאָסאָף, וואָס די מענטשהייט וועט געווינען פון זיינע געדאַנקען? צי בין איך אַ וויסנשאַפטלער, וואָס וועט אַרויסברענגען אַ וויכטיקע אַנטדעקונג צו העלפן דער צאַפּלדיקער מענטשהייט ?

ניין ! ניט איך בין אַ פילאָסאָף, און ניט איך בין אַ וויסנשאַפט־מענטש.

איך בין איינער פון מיליאָנען, וואָס וועט, איינער אַליין, קיין געשיכטלעכע ענדערונגען ניט אַריינברענגען.

איך בין ווי אַ זעמדעלע אויפן ברעג ים.

איך בין ווי אַ שטויבעלע פונעם אַרום.

איך בין ווי אַ פּשוטער טראָפּן וואַסער.

איך בין ווי אַ פליענדיק פינטעלע אין דער אומענדלעכקייט.

דאָך טראַכט איך:

אַזוי צי אַזוי, אויב ס'איז סיי־ווי ניט קיין אונטערשייד, איז וואָס דאַרף מיך אַרן, צי די געכאַפּטע געדאַנקען וועלן ברענגען נוצן? וואו שטייט עס געשריבן, אַז זיי מוזן ברענגען נוצן? קיין שאַדן וועלן זיי דאָך אויך ניט ברענגען.

טאָ זייט־זשע אַזוי גוט, געדאַנקען מיינע, ליבע, און שטעלט זיך אין אַ ריי. און לאָמיך אייך אויפסיליען ווי אַ שנירל קרעלן אויף מיין פען, און צוריק אייך אויססיליען אויפן פּאַפּיר. איין נוצן וועט איר דאָך יאָ ברענגען. מיר, אייער כאַפּער! אַזוי גיך ווי איך וועל זיך פון אייך באַפרייען, וועט מיין מוח אפשר אויפהערן אַביסל גליען, און איך

וועל זיך רואיק אויסשטרעקן אויף א פלאך פלאץ און זיך אביסל בארואיקן.

נו, דער ערשטער געדאנק:

ווער בין איך? וואס בין איך? וואו בין איך? וואס טו איך? וואס ווייטער?

א, טראכט איך, דאס טויג ניט. דאס זיינען געדאנקען צו־שנעלע. אן א טאלק. נו, לאנגזאמער, רואיקער, פאוואליע:

ווער בין איך?

אט אזוי! בראוואָ! איין געדאנק.

איך בין א מענטש. א מענטש מיט אריבער א האלבן יאר־הונדערט אויף מיינע פלייצעס. א האלבן יאר־הונדערט מיט טרוימען, מיט שטרעבונגען, מיט געפילן, מיט פארלאנגען.

און דא ווערט דער געדאנק איבערגעשלאגן מיט דער אייביקער פראגע: צי האט זיך געלוינט? וואס האב איך דערגרייכט?

איז וואס איז דערגרייכונג? און ווי אזוי מעסט מען דערגרייכונג?

וואס דארף א זעמדעלע דערגרייכן?

וואס דארף א שטויבעלע דערגרייכן?

און וואס דארף א טראפן וואסער דערגרייכן?

און וואס דארף א פינטעלע אין דער אומענדלעכקייט דערגרייכן?

איין זעמדעלע קאן גארנישט ניט דערגרייכן.

אבער מיליאנען זעמדעלעך, וואס זיינען צוגעשלאגן געווארן דורך די שטורמישע ים־כוואליעס, וועט דער מענטש פארמישן אין א צעמענט, און זיי וועלן צוזאמען בויען הימל־קראצערס; זיי וועלן צוזאמען אויספלאסטערן גאסן און וועגן פון מעטראפאליעס.

דארף זיך, הייסט עס, דאס זעמדעלע צוזאמענחברן מיט אלע ארומיקע זעמדעלעך, און קריגן א תיקון!

ווער בין איך? א שטויבעלע? וואס קאן איין שטויבעלע דער־גרייכן? גארניט!

איין שטויבעלע?

אבער מיליאנען שטויבעלעך?

ווען מיליאָנען שטויבעלעך פאַלן־אַראָפּ אויף אונדזער געבענטש־טער פּלאַנעט, אויף דעם ערד־קיילעך, באַמיסטיקן זיי דעם אויבער־פלאַך; און מיט דער הילף פון דעם מענטשן, הויבן־אָן וואַקסן בלומען און בוימער, פּרוכטן און גרינסן. און עס פאַרמירן זיך שטיינער און קוילן און גאָלד און בריליאַנטן — אַן אוצר פון שפע און רחבות.

דאַרפן, הייסט עס, אַלע שטויבעלעך זיך צונויפבראָדערן און קריגן אַ תיקון!

ווער בין איך? אַ טראָפּן וואַסער?
וואָס קאָן איין טראָפּן וואַסער דערגרייכן?
גאָרניט!
אָבער מיליאָנען טריליאָנען טראָפּנס?
דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש!

ווען די טראָפּנס נעמען זיך אָן ביי די הענט, גיסן זיך צוזאַמען און הויבן־אָן פאַלן, ווערן ימען און אָקעאַנען, טייכן און ריטשקעס, און כוואַליעס און שטראָמען און רעגן! רעגן, וואָס שטילט דעם דאָרשט פון דער ערד. רעגן, וואָס טרינקט־אָן אַלע חיות און מענטשן, אַלע פעלדער און וועלדער.

און דער ערדישער גן־עדן אין דינסט פונעם מענטשן הויבט־אָן צו פינקלען און שיינען אין אַ קאַליידעסקאָפּ מיט אַלע קאָלירן פון אַ רעגנבויגן!

האָט דער טראָפּן וואַסער אויך געקראָגן אַ תיקון!
ווער בין איך? אַ פינטעלע אין דער אומענדלעכקייט?
וואָס קאָן איין פינטעלע דערגרייכן?
גאָרניט!
אָבער איין פינטעלע איז איין פונק פון לעבן!
און טריליאָנען פינטעלעך?
דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש!

טריליאָנען פינטעלעך, וואָס דרייען זיך און יאָגן זיך אין אַ קרייז: דאָס זיינען שטערן אין הימל! דאָס זיינען זונען, וואָס שטראַלן־אויס

ענערגיע, וועלכע דער מענטש וועט איינשפּאַנען. און אַלע צוזאַמען — דאָס איז דער אומענדלעכער קאָסמאָס!

הייסט עס, אַז דאָס איינע פּינטעלע צוזאַמען מיט די אַנדערע פּינטעלעך האָט געקראָגן אַ תּיקון!

איך וועל אייך אויסזאָגן אַ סוד:

איך בין ניט קיין מעטאַפיזיקער. פון דער נאַטור בין איך גאָר אײַנגאַנצן קעגן גריבלען זיך אין אַבסטראַקטע געדאַנקען. פון דער נאַטור בין איך אַ מענטש, וואָס שטייט מיטביידע פיס אויף דער ערד. און שטענדיק אַמפּער איך זיך נאָר מיט די פּראַקטישע, טאָג־טעגלעכע געדאַנקען, ווי, למשל:

פאַרוואָס דאַרפן נאָך אונדזערע שוואַרץ־הויטיקע ברידער קעמפן צו קריגן שטימרעכט? און פאַרוואָס דאַרף איין מענטשן־קינד נאָך זיך ראַיען אין מיסטקאַסטן צו געפינען שפּייז, און אַ צווייט מענטשן־קינד איז אַרומגערינגלט מיט דינסטן און זיידענע קאָלדרעס? און אַט שלאָף איך ניט קיין נעכט פאַר שרעק, אַז מען זאָל, חלילה, ניט שיקן מיין יונגן, שטאַלטנעם זון קיין וויעטנאַם צו דער שחיטה.

אָבער אויך די ערדישע געדאַנקען וועל איך לאָזן אויף אַביסל שפּעטער. ווייל אַריבער פופציק יאָר לעבן, אַ האַלבער יאָרהונדערט פאַרלאַנגזאַמט אַביסל דעם טעמפּאָ און ברענגט צייטנווייז אַזאַ מיד־קייט, אַז מען דאַרף זיך אָפּשטעלן אויף אַ ווייל און איבערכאַפּן דעם אָטעם.

זיץ איך איצט מיט פאַרמאַכטע אויגן און זינג אַ אָדע צו מיין זיין, און עס צעגיסט זיך אַ נחת אין אַלע מיינע גלידער! אַ לויב! אַ מין שיר־השירים צו דעם, וואָס אויך איך בין זוכה צו זיין אַ טייל פון דעם קאָסמישן קאַלעידאָסקאָפּ.

וואָס בין איך?

איך בין דער מענטש!

דער קעניג פון קאָסמאָס!

אויך איך, צוזאַמען מיט אייך מיטמענטשן, האָב געקראָגן אַ תּיקון!

דאָס שולד-געפיל

צירל איז געבליבן שטיין, ווי אין אַ קאָשמאַר. עס ווילט זיך איר נישט גלויבן, אַז אָט ערשט האָט דער זון זיך אַרויסגעגליטשט פון אירע אָרעמס. זי פילט נאָך די וואַרעמקייט פון זיינע הענט אין אירע. זי האָט מורא געהאַט צו קוקן אין זיינע אויגן. זי האָט מורא געהאַט אַרויסצולייענען די שולדיקייט אין זיין בליק — ווייל ער האָט נישט נאָכגעגעבן איר פאַרלאַנג. עס קלינגט נאָך זיין ענטפער אין אירע אויערן.

— ניין, מאַמע, איך גיי נישט מיט מיין אייגענעם ווילן. איך בין פונקט ווי דו קעגן דער מלחמה אין וויעטנאַם. אָבער איך האָב נישט דעם מוט און די דרייסטקייט זיך קעגנצושטעלן. מען צווינגט מיך גיין, גיי איך. ס'איז ביי מיר אַן אָפּקומעניש. וואָס ס'וועט זיין מיט מיר, וועט זיין. כ'בין נישט געקנאָטן פונעם ליים פון אַ העלד.

נאָך אַ גלעט און נאָך אַ קוש, און דער עראָפּלאַן האָט אים איינגעשלונגען

צירל איז געשטאַנען צוגעשמידט צום אָרט און נאָכגעקוקט דעם אָפּפליענדיקן עראָפּלאַן. אָט ווערט ער קלענער און קלענער. און אָט זעט זי נישט מער ווי אַ שוואַרץ פינטעלע, אַ קעפּל פון אַ שפּילקע, וואָס גראָבט זיך איין אינעם בלאָען רוים. און דער אומענדלעכער בלאָער, טיפער הימל האָט איינגעזאַפּט דעם עראָפּלאַן.

צירל האָט מיט די אויגן געבויערט דעם בלאָען אומגרונט. נישטאָ מער דאָס פינטעלע. עס איז געבליבן בלויז אַן אָפּגלאַנץ אין איר מוח, אַ וויזיע, אַז ערגעץ פליט אַן עראָפּלאַן, און ערגעץ אין אָט דעם עראָפּלאַן זיצט איר זון — אַ שולדיקער.

און אָט שטייט זי, צירל, אויך אַ שולדיקע. צירל באַשולדיקט זיך פאַרוואָס איר איז נישט געלונגען צו דערציען אַ זון, וואָס זאָל זיך קענען קעגנשטעלן. אָט האָט זי דאָך ערשט די וואָך אַליין געזען אויף

טעלעוויזיע, ווי אַנדערע, רעקרוטן, האָבן זיך יאָ געשטעלט קעגן און אַפילו געבערענט, אומדערשראָקן, די רעקרוטן־קאַרטלעך. אין האַרצן האָט זי זיך געוואונטשן, אַז הלוואי איז דאָס איר זון אַזאַ בראַוער.

ענדלעך האָט צירל זיך אָפּגעריסן פון אָרט און ווי אַ שיכורע זיך אַוועקגעוואַקלט צו איר אויטאָמאָביל. צירל האָט זיך געזעצט ביים רעדל, און זיך געלאָזט, ווי אַ פאַר׳יתומ׳טע, צוריק אין שטאָט אַריין. זי זיצט האַלב פאַרגליווערט. די מאַשין, ווי אַן אויטאָמאַט, פליט פון זיך אַליין. אירע געדאַנקען וואַנדערן. זי דערשפּירט ווי אויך אירע אויגן וואַנדערן. זיי וואַנדערן אין דער ווייטקייט.

פּלוצלונג הייבט זיך אָן אַריינגנבענען אַ מורא צו טרייבן די מאַשין. זי דערפילט, אַז אירע אויגן קוקן גאָרנישט אויפן גאַסן־פּאַרקער. זי כאַפּט זיך, אַז אירע אויגן קוקן שטאַר ערגעץ אין דער ווייטקייט, דאָרט וואו אירע געדאַנקען בלאָנדזשען איצט אַרום. אַלץ אַרום פאַר־שווינדט און זי פילט, ווי זי וואָלט זיך געפונען אין אַן אָרט, וואו עס ראַנגלען זיך זשומענדיקע שוואַרצע זשוקעס. זי דערשרעקט זיך פאַר דעם געפיל. זי פּרוווט אַראָפּטרייסלען פון זיך דעם קאָשמאַר. זי פילט בחוש, אַז מען טרייבט אַן אויטאָמאָביל, דאַרפן די אויגן און דער מוח זיין וואַך און קאָאָפּערירן; אויב נישט וועט פּאַסירן אַן אומגליק... זי באַשליסט נישט צו פאָרן אַהיים, אין דעם אויסגעליידיקטן הויז.

צירל פאַרקערעוועט דעם אויטאָמאָביל און שטעלט זיך אָפּ ביי אַ קליינעם געגנט־פּאַרק. אפשר, טראַכט זי, וועט זי זיך צווישן מענטשן צעשטרייען. זי פאַרשליסט דעם אויטאָמאָביל און שפּאַצירט אַריין אין פּאַרק. זי קוקט זיך אַרום: די געגנט איז אַ פרעמדע. אַ געדאַנק פליט אַדורך: „זי וועט קיין באַקאַנטע נישט באַגעגענען.” דאָ און דאָרט זיצן מענטשן אויף די גרין־אָפּגעפאַרבטע בענק. זי שפּאַנט לאַנגזאַם, ווי אַ פרעמדע, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע... דאָס געוויינלעכע לעבן אַרום דענערווירט זי: עס פאַרדריסט זי. זי וואָלט וועלן אַז אַלץ אַרום זאָל מיטוויינען, ווי עס וויינט אין איר איצט איר האַרץ. זי זוכט אַ ליידיק פלאַץ. אַלע בענק זיינען פאַרנומען. זי זעצט זיך אויף אַ שפּיץ פון אַ באַנק, וואו עס געפינען זיך שוין צוויי פרויען. איינע אַ קליינ־

געוויקסיקע, אַ מיניאַטורן־געשטאַלט, אינגאַנצן גרוי, נעט פּאַרקעמט. לויט דער לעצטער מאָדע — אַ הויכע פּריזור. מען קאָן גלייך דער־קענען, אַז אַ פּאַריקמאַכער אַ פּאַכמאַן האָט פּלייסיק זי אויסגעצירט. די גראָע האָר האָבן חנעוודיק, גלאַנציק שעמערירט. אַ פרוי אין די זעכציקער.

די צווייטע — אַ דיקלעכע, האַלב־גראָ, מיט אַ שמייכלענדיק, ליבלעך, צעקנייטש פּנים, טראָגט אויף זיך גוטע זיבעציק יאָר. זיי זיצן און שמועסן געמיטלעך. צירל, נישט ווילנדיק, הערט זיך צו צו זייער געשפּרעך.

די גראָע:

— דו הערסט, רחל, כ׳האָב ערשט געענדיקט אויסשטאַטן מיין וואַש־צימער.

— טאַקע, ווי לאַנג האָט עס דיר גענומען?

— גאַנצע דריי וואָכן.

— פאַרוואָס אַזוי לאַנג?

— כ׳האָב נישט געקאָנט קריגן די קאָלירן.

— וועלכע קאָלירן האָסטו אויסגעקליבן?

— הימל־בלאָ. די פאָרהענגלעך בלאָ, די האַנטעכלעך בלאָ, די סערוועטקעלעך בלאָ און דאָס טואַלעט־פּאַפּיר בלאָ.

— עס דאַרף זיין שיין!

— זייער שיין.

צירל הויבט זיך האַסטיק אויף. אירע ציין האָבן זיך צוזאַמענ־געטשעמעט, אַזש די קינבאַקן האָבן זיך פאַרשטייפט פון ווייטיק. זי שפּאַנט צו צו אַן אַנדערער באַנק, וואו עס זיצן צוויי מיטליאָריקע פרויען. איינע מיט רויטע האָר, מיט אַ סך שמינקע אויפן פּנים, מיט ריהעוודיק־נערוועזע באַוועגונגען. די צווייטע — מיט גלאַנציק־שוואַרצע האָר, ווי ביי אַ כינעזערין, מיט אַ סך קאָרעלן אויף איר האַלדז. צירל זעצט זיך צו אויף זייער באַנק און הערט זיך נישט־ווילנדיק צו:

— מערי, האָסט שוין געפונען?

— ניין — ענטפערט מערי.

— וואו האָסטו געזוכט? ווייט פון דאַנען?
— ניין. איך וועל נאָך אַריינגיין אַנטקעגן מיין הויז. מען האָט ערשט פאַרענדיקט נייע צוועלף „אַפּאַרטמענטס", מיט אַ „סווימינג פול" (שווים-באַסיין).
— דו וואוינסט האָך ערשט בלויז אַ פּאָר חדשים אין דיין וואוינונג?
— נו, איז וואָס? כ'האָב אים אין דער ערד, דעם „לענדלאָרד" (ווירט) מיינעם. ער וויל נישט איבערפאַרבן מיין עסצימער.
— פאַרוואָס זאָל ער דיר איבערפאַרבן? ס'איז דען שמוציק?
— ניין, אָבער ס'איז מיר שוין נמאס געוואָרן די קאָליר. עס „מעטשט" ניט מיטן „קאַרפּעט" אויפן „פלאָר" (פּאָדלאָגע). מיינע פריינט, וואָס קומען שפּילן ברידזש אַלע מיטוואָך, לאַכן פון די קאָלירן. וועל איך אים אָנלערנען, דעם „לענדלאָרד." זאָל ער זיך וואַרגן מיט זיין אַפּאַרטמענט.

פלוצלונג דערהערט זיך אַ זשומען פון אַ נידעריק פאַרבייפליענדיקן עראָפּלאַן. ביידע פרויען רייסן-איבער דעם געשפּרעך און פאַררייסן די קעפּ.

צירל וואַרט נישט, אַז די פרויען זאָלן באַנייען זייער געשפּרעך. זי וואַרפט אַ בליק פול מיט טרויער און פאַראַכטונג אויף ביידע בענק און לאָזט זיך צו איר אויטאָמאָביל. זי שליסט-אויף די מאַשין און זעצט זיך ביים רעדל. אָבער די הענט אירע לייגן זיך נישט צום טרייבן. זי זיצט נאָך אַלץ האַלב-פאַרגליווערט. זי איז אַליין, אָפּגעזונדערט פונעם מענטשלעכן ווירוואַר. בלויז אירע געדאַנקען גאַלאָפּירן און מאָלן בילדער איינע נאָך די אַנדערע. ווי אויף אַן עקראַן שווימען זיי אַרויס פון זכרון. זי דערמאָנט זיך ווען דער זון איז נאָך געווען אַ קינד.
אַך, וויפיל לופט-שלעסער זי האָט עס געבויט אַרום זיין צוקונפט!
און אָט זעט זי אים אַן אוניטערוואַקסנדיקן. און אָט האָט זי אים ענדלעך צוגעצויגן ביזן אוניווערסיטעט. דאָ דערמאָנט זי זיך, ווי די באָבע, די מאַמע אירע, וויל דווקא, אַז דאָס אייניקל אירס, זאָל ווערן נישט ווייניקער ווי אַ רב, אַ גוטער איד, אַ שליח פון גאָט. אָבער

צירל, אַ מאָדערנע, פּראָגרעסיווע יידישע פרוי, האָט געוואָלט אַז איר זון זאָל שטודירן, און זי פלעגט פאַנטאַזירן:

„אַז אפשר? ווער ווייסט? אפשר אַ וויסנשאַפטלער, וואָס זאָל זיך טראָגן אין די ספערן? און אפשר וועט איר זון זוכן דעם אָנהויב פון באַשאַף ערגעץ אין די אַרקטישע פליינען? און אפשר, ווער ווייסט?...

חלומען האָט איר קיינער נישט געשטערט. זי האָט געבויט די לופטשלעסער, זיי צעוואָרפן און ווידער געבויט. ביז, ביז... זי קריגט די ידיעה, אַז אָט, מען רייסט איר זון אַרויס פונעם אוניווערסיטעט און מען שפּאַרט אים אַריין אין אַ גייסטיקער „שטייג", ווי אַ געפאַנגענעם פרייען אָדלער, וועמעס פליגל מען האָט איבערגעבראָכן, צוגערויבט דעם פרייען ווילן זיך צו ציען צו די טרוימישע באַרג־שפּיצן. איצט זיצט ער אין אַ באַראַק, ווי אין אַ טורמע, מיט אַ סאָלדאַטיש־רעגלאַמענטירטער רוטין פון לעבן — דאָס מעגסטו און דאָס טאָרסטו נישט! ווער מיר וויסנשאַפט? וואָס מיר לופט־שלעסער? מען שטופּט אים אַ מעסער און אַ ביקס אין די הענט און מען טרענירט אים, קענען זיין ווילן, צו ווערן אַ מערדער?

פלוצלונג האָט אַ הויך טרובען פון אַ שכנותדיקער מאַשין זי אַרויסגעבראַכט פון איר פאַרגליווערטקייט. זי האָט זיך אַזש אַ טרייסל געטאָן. אַ טיילווייז אויסגעטשוכעטע נעמט זי זיך אויך, ווי דער שכן אירער, צום רעדל. צירל קערעוועט פאַכמעניש אויס די מאַשין אויפן וועג אַהיים. זי זיצט איצט לעבן רעדל מיט קלאָרע אויגן. אין די געדאַנקען מוסרט זי זיך, ווי זי וואָלט אין דער שטיל צו זיך אַליין גערעדט:

„נו, צירל, נעם זיך אַליין אין די הענט!"

און זי טרייסט זיך:

ווייסט דאָך, אַז נישט אַלע פרויען זיינען ווי די, וועלכע דו האָסט ערשט געזען און געהערט!"

און זי חזרט צו זיך איבער:

„נעם זיך אין די הענט. מאָרגן איז אַ פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע קעגן דער וויעטנאַמער מלחמה, מען דאַרף ברענגען וואָס מער מענטשן. און מיטאַמאָל דערזעט זי אויפן עקראַן פון איר זכרון גאָר אַנ־

דערע בילדער. די אויפברויזן פון די נעגערשע מאסן, די ברויזנדיקע שלום-מאַרשן, וואָס האָבן זיך ווי אַ שטורעם אַדורכגעטראָגן איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון לאַנד, פונעם פּאַציפיק ביזן אַטלאַנ־טיק; דעם מאַרש פון די אָרעמע אין וואַשינגטאָן; די קעמפנדיקע יוגנט.

דאָס פאָלק מאָנט, דאָס פאָלק ברויזט, דאָס פאָלק וואַכט-אויף!

מיט אָט די געדאַנקען האָט צירל, כמעט אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין צוגעטריבן צו איר הויז, און אָט אַזוי האָט זי זיך געניט און פאָרזיכטיק צוריק אַריינגעצויגן אין איר טאָג-טעגלעכן לעבן, מיט דער האָפענונג, אַז די באַווירקטע עפנטלעכע מיינונג וועט סוף־כל־סוף, ווי אַ מעכטיקע כוואַליע אָפּשווענקען אַלדאָס בייז פון לעבן.

טו ווי דו פאַרשטייסט

(אַ גראָטעסק-מאָנאָלאָג)

טייערער פריינט ישראל:

דו שרייבסט, אַז דיין פרוי ליידט נעבעך אויף רעוומאַטיזם און, אַז די דאָקטוירים הייסן איר פאָרן צו באַזעצן זיך אין אַ וואַרעמען קלימאַט, ווי קאַליפאָרניע. און דו פרעגסט ביי מיר אַן עצה, צי דו זאָלסט זי ברענגען אַהער קיין קאַליפאָרניע.

נו, וועל איך דיר **ניט** זאָגן קום און אויך **ניט** זאָגן **קום-ניט**.

די מעשה איז אַזאַ:

דער קלימאַט איז דאָ ניט דער, וועלכן מען שטעלט פאָר אין די רעקלאַמעס פון „טשעמבער אָוו קאמערס" (קאָמערץ-פּאַלאַטע). גאַנצע ניין חדשים רעגנט דאָ ניט, איז דאָ טרוקן און שטויביק. איז

דערפֿאַר ניט גוט פֿאַר די, וואָס זיינען סענסיטיוו, דאָס הייסט: „אַלויר־דזשיק". דערצו איז די לעצטע פּאָר יאָר, זינט מען האָט ביי אונדז ברייט אַנטוויקלט די שווערע מלחמה־אינדוסטריען, צוגעקומען דער ווייסטער „סמאָג", אַזאַ געדיכטער רויך, אָנגעפּילט מיט אַלערליי כע־מישע אָפּפֿאַל־שטאָפֿן. אָט־דער „סמאָג" שמאַרצט די אויגן, פֿאַרסמט די לונגען, ברענט אוים די הייטלעך פֿון דער נאָז און האַלדז. פֿון אָט דעם סמיקן „סמאָג" גיסט פֿון די אויגן, פֿון דער נאָז און עס שטיקט אין האַלדז. מיט איין וואָרט: מען באַרויבט דאָס פֿאָלק; דאָס הייסט ווידער, מען נעמט צו פֿון אים דאָס סאַמע וויכטיקסטע צום לעבן — דעם ריינעם „אָקסידזשען" (זויער־שטאָף).

די אַנדערע דריי חדשים פֿון יאָר, ניט נאָר עס רעגנט אָפֿט, נאָר עס גיסט. עס ליאַפּעט מיט ציבערס! אין די אָרעמע געגנטן ווערן די גאַסן מערסטנס פֿאַרפֿלייצט. ווייל די שטאָט־טאַטעס האָבן ניט קיין צייט צו טראַכטן וועגן אויסבעסערן די „סוערס" — אַזוינע אָפּגיסן, וואָס זאָלן אַוועקפֿירן די אָנגעזאַמלטע וואַסערן צו די אונטערערדישע קאַנאַלן. איז קליין און גרויס טראָגן הויכע, גומענע קאַלאָשן. אין אָט־די דריי רעגנדיקע חדשים איז דאָ אַזאַ נאַסע קעלט, אַז זי קריכט דיר ממש אַריין אין די ביינער. קאַלט אין די געדערים, אַזוי, אַז איין קאָלדרע איז ניט גענוג!

און קיין באַהייצונג איז ביי די אָרעמע אין די הייזער מערסטנס ניט פֿאַראַן. אַ חוץ אין די רייכע האָטעלן, שפּיטאָלן און אַנדערע גע־געזעלשאַפֿטלעכע אנשטאַלטן. יאָ, שיעור ניט פֿאַרגעסן: אין די נייע, רייזיקע אַפּאַרטמענט־הייזער און אין די רחבֿותדיקע־רייכע פֿאַמיליע־היימען איז יאָ דאָ מאָדערנע באַהייצונג. איז ווער קאָן זיך דערלויבן אַזאַ וואוינונג? דער רענט איז שרעקלעך הויך, הימל־שרייענדיק. מערסטנס ווערן אַזעלכע אַפּאַרטמענטס, מיט די שפּיגלדיקע־שווים־באַסיינען, פֿאַרנומען פֿון די אַרויפֿגעאַרבעטע באַלעבאַטימלעך, פֿון קאָנטראַקטאָרלעך, פֿון געשעפֿטסלייט, פֿון דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן און נאָך אַזעלכע פֿיינע מענטשן, וואָס קריגן לעגאַלע, רעגירונג־דער־לויבענישן, אַזעלכע „לייסנס" (רעגירונגס־קאָנטראַקטן) אַריינצוקריכן

דעם פאָלק אין די קעשענעס און זיך לאָזן וואוילגיין! דערצו האָט מען די לוינען פון די אַרבעטער פאַרפרוירן, אָבער פאַר די פּראָפּיטירער האָט מען דאָס פעלד געלאָזט אָפן. טאַנצן די פּראָפּיטירער דעם טאַנץ פון „פרייער אונטערנעמונג". און די אינפלאַציע פלאַקערט מיט אַ העליש פייער!

נו, און דאָס פאָלק און די אָרעמע עלטערע פּענסיאָנערן וואַרעמט זיין געביין ביי גאַז-אויוועלעך. איז ווי די הרובעס אין אַמאָליקן שני-פּעטשיק — די זעלבע מעלות האָבן זיי, די אויוועלעך. שטייסטו מיטן פּנים צום אויוועלע איז דיר וואַרעם פון פאָרנט און פאַר דער פּלייצע זאָל זיך גאָט זאָרגן. אין יעדן צימער דאַרפסטו אַזאַ אויוועלע. אויב דאָס הויז איז ניט צו אַלט, איז דאָס אויוועלע איינגעבויט אין וואַנט. אלא ניט, דאַרפסטו קויפן אַזעלכע אויוועלעך. אַ דאַנק דעם השם יתברך, איך האָב שוין צוויי אַזעלכע אויוועלעך אין מיין פאַרמעגן.

אַ פּאָר פון די ניין חדשים איז כמאַרנע. עס רעגנט ניט. נאָר די זון שפּילט זיך אין „בלינדזשעניש": אָט בין איך דאָ און אָט, גיי זוך מיך! און אָן דער זון איז פּע!... ניט אַזוי איי-איי-איי! אפילו אום זומער איז הייס בלויז אויף דער זייט וואו די זון שיינט. און קיל, ניין, ניט קיל נאָר טאַקע קאַלט אינעם שאָטן. און ביינאַכט, דווקא אום זומער, דעקסטו זיך צו מיט דער גאַנצער קאָלדרע.

אין די פרימאָרגנס, ווען די האָרעפּאַשניקעס ציִען זיך צו דער אַרבעט, טראָגט מען מאַנטלען. ביימאָג צעכראַסטעט מען די העמדער און כאַטש טו אָן אַ שטרויענעם הוט זיך צו באַשיצן פון דער זון. און אין אָוונט, ווידער די זעלבע מאַנטלען. טאָמער פאַרלאָזסטו, אַמאָל ביימאָג, ווען די זון שיינט און פאַרגעסט דעם מאַנטל אינדערהיים? בין איך דיר שוין גאָרניט מקנא. ועסט שוין אויף מאָרגן הוסטן און ניסן, און די ביינער וועלן דיר שוין ברעכן און שטעכן און דער דאָקטאָר וועט שוין באַלד דערקענען, אַז ביסט דאָ אַ גרינער אין די היגע מקומות, און דערפאַר צאָלסטו רבי-געלט!

איך רעד נאָך אַלץ וועגן קלימאַט. איז וואָס נאָך זאָל איך דיר שרייבן? אין דער זעלבער שטאָט מיינער קומט פאַר אַ שטענ-

דיקע מענטשן-איבערוואַנדערונג. מען שלעפּט זיך מיט די בעבעכעס אויסצוגעפּינען וועלכער טאָל אָדער באַרג אָדער פּלאַטאָ איז גינסטיק פאַר איינעם, למשל, וואָס הוסט. איינעם איז גוט ביים ביטש. אַ צווייטער אַסטמעניק, אַז ער זאָל זיך קענען אַביסל אָפּרוען פון זיין הוסט, איז בעסער ערגעץ אין אַ צפון-מזרח טייל פון שטאָט, אַזאַ טייל פון שטאָט, וואָס געפינט זיך צעוואָרפן אויף בערגלעך. אלא ניט, הייסט מען אים זיך אַריבערפּעקלען אַזש קיין טאַהאָנגאַ, אַזאַ מין ביי-שטעטעלע, אַ פּאַרזעעניש, גרויס ווי אַ גענעץ. נאָך העכער אין די בערג, וואו אַ סך „טי-בי׳ניקעס״ (טובערקולאָזע) געפינען זיך — איז פּרעג שוין ניט.

וועז איך ענטפער אויף דער פראַגע, ווי מיין קינד פילט? אַז עס איז „פע!״ פרעגט מען מיך ווייטער, צי איך האָב שוין אויסגעפּרובירט אַלע טיילן פון שטאָט. איז כאָטש נעם און בוי אַ הויז אויף רעדלעך. האָב איך שוין געוואָלט צושיקן אַזאַ פּאַטענט צום מעיאָר פון שטאָט. ערשט געפין איך אויס, אַז עס איז גאָרניט קיין שפּאַס. עס זיינען טאַקע דאָ אַזעלכע הייזער אויף רעדלעך — „טרעילערס״ רופט מען זיי. נו, איז אויף איין באַרג צו ווינטיק, צי צו קאַלט, צי צו טרוקן, צי צו נאַס, צי דער רוח ווייסט וואָס; שפּאַנט מען איין דאָס הויז אויף רעדלעך און מען שלעפּט דאָס הויז אויף אַ צווייטן באַרג. איז אָבער די צרה, וואָס אַזאַ הויז אויף רעדלעך איז אַזוי טייער, אַז פאַר אַן אָרעמאַן איז „ניע פּריסטופּי״, דאָס הייסט, אַ צו טייערער ביסן!

ווי אַ „גרינע״, האָב איך זיך לכתחילה אַריינגעצויגן אין אַ הייזקע, וואָס האָט זיך געפונען אין שאָטן; זיך ניט אָנגעפרעגט ביי די אויסגעגרינטע. נו, נו! פרעג שוין ניט וואָס עס איז געווען!... דאָס הייזקעלע איז געווען אַ מין „זועלע״ פון אינסעקטן: פליגן און שפּינען און נאַסטלעך, און זשוקעלעך און מוראַשקעס. איך בין נאָך ניט פאַרטיק: און ווערימלעך און לויפנדיקע „פישעלעך״ און טערמיטן, און נאָך און נאָך... ווער קאָן זיי אַלע אויסרעכענען?

און דאָס באַרימטע גאַז-אויוועלע האָט געמוזט האַרט זיך נעבעך שרפען פון זעקס אינדערפרי ביז צוועלף ביינאַכט. מיר זיינען קוים לעבעדיקע אַנטלאָפן פונעם קאַלטן, נאַסן הייזקעלע!

נו, הערט וייטער: האָט איינער רעוומאַטיזם, אַרטריייטיס אָדער ניורייטיס, איז אין שטאָט ניט געננוג, ניט גוט. אַזאַ איינער דאַרף ערגעץ פאָרן, דוכט זיך, אין די „מינעראַלנע ספּרינגס", דאָרט קריגט מען אַזעלכע זינקענדיקע בעדער: דו זעצסט זיך אַוועק אויף אַ זאַמדיקן פּלאַץ, וואָס פאַרמאָגט וואַסער ביז די קנעכלעך פון די פיס. באַלד דערפילסטו ווי דו הויבסט אָן זינקען, אַז אַט־אַט און דו וועסט פאַר־שלונגען פון דער מאַמע־ערד. ערשט, ווער, וואָס, ווען? איידער דו באַוויזט צו זאָגן „שמע ישראל" — אַהאַ! די מאַמע־ערד טוט דיך צוריק אַ שפּיי אויס. זי האָט חרטה: דו געפעלסט איר ניט. זי שלינגט דיך איין בלויז ביזן האַלדז, און זי שליידערט דיך צוריק אַרויס. דאָס דאַזיקע, הייסט עס, דאַרף העלפן דעם רעוומאַטיזם.

אַלזאָ, דער דאָקטאָר, ביי וועלכן איך קוריר מיין קינד, זאָגט, אַז די דאָקטוירים פון דער „איסט" (מזרח־שטאַטן), ווייסן ניט פון זייער חיות, ווען זיי הייסן די קראַנקע מענטשן קומען אַהער. איז גיי ווייס וועמען צו גלויבן!

זעסטו, פאַר אַ געזונטן מענטשן איז דאָ גוט, אַ גן־עדן! (ווען קיין „סמאָג" איז ניטאָ), באַקוועם און שיין! שיין אָן אַ שיעור און אָן אַן עק! נישטאָ קיין צו גרויסע קאַזאַרמע־טענעמענט־הייזער ווי אין ניו־יאָרק. נישטאָ קיין לאַנגע, רויט־ציגלנע ווענט, ווי אין פילאַ־דעלפיע. אַ סך קליינע הייזקעלעך זיינען דאָ אָפּגערוקט איינס פון צווייטן. און אַלע הייזקעלעך זיינען, בוכשטעבלעך, איינגעטונקען אין בלומען פון רעגנבויגן־קאָלירן. די שטאָט איז פול מיט ביימער און לאָנקעס און גראָזן און גערטנדלעך מיט שטאַכעטן און אָן שטאַכעטן; מיט גאַנעקעס פון פאָרנט און פון הינטן! די גאַסן זיינען, מיינסטנס, ברייטע און ריינע. און עס שמעקט און עס גרינט און עס צוויטעט אַ גאַנץ יאָר. פון דרויסן קוקן אויס די היגע הייזקעלעך ווי שיינע טעמפּלען: שפּיצעכיק און קיילעכדיק, דריייעקיק, פירעקיק און מאָדערן. וועמען עס פעלט נאָר איין אַ חלום, פאַרקערפּערט ער אים גלייך אינעם אויסקוק פון זיין הייזקע. אַ סך מענטשן פאַרזעצן די אָפּגע־

שפּאַרטע מי פון אַ גאַנץ לעבן און מען קויפט אָדער מען בויט זיך אַן אייגענע הייזקע, און מען פאַרווירקלעכט דעם חלום!

און די גאַנצע שטאָט מיינע מיט אַלע אירע ביישטעטלעך איז אַרומגערינגלט מיט אַ קייט פון בערג, באַדעקטע מיט מדבר־גראָז אָדער מיט שניי.

נו, איז אָט פון דעם ברייוול קאָנסטו שוין אַליין ציען די שלוסן. גיב זיך אַליין אַן עצה, און טו ווי דו אַליין פאַרשטייסט! אַז זאָלסט דערנאָך ניט האָבן צו מיר קיין טענות.

באַזיגט דעם מלאך־המות

(הומאָרעסקע)

טראָגט זיך דער אַמבולאַנס (קראַנקן־וואָגן) מיט אַ שרעקלעך־מוראדיקן געפּילדער, מיט אַ דראָענדיקן געפּייפּעריי איבער אַלע גאַסן. דאָס געפּייפּעריי שטעלט אָפּ דעם גאַסן־פאַרקער. דאָס גיט דעם אַמבולאַנס אַ פרייען וועג שנעל, שנעל צו דערגרייכן די גיכע־מעדיצי־נישע־ערשטע־הילף פאַרן קראַנקן.

דער קראַנקער ליגט אויפן בעטל אינעם אַמבולאַנס, ליגט אין גאַלע יסורים און פּאַכעט ממש מיט דער נשמה. דער קראַנקער ליגט מיט פאַרמאַכטע אויגן, מיט שרעק אין זיין געמיט; און אַ פראַגע עגבערט זיין מוח: „איז דאָס מיין לעצטער מאַרשרוט?"

ענדלעך האָט דער אַמבולאַנס דערגרייכט די טירן פון „סידערס אָוו לעבאַנאָן שפּיטאָל". די צוויי קראַנקן־סאַניטאַרן פון אַמבולאַנס האָבן געניט אַ הויב געטאָן דאָס בעטל מיטן קראַנקן און אים אַריינ־

געטראָגן אין דער אַפּטיילונג פון שפּיטאָל, וואו מען גיט די ערשטע „גיכע־הילף". דער קראַנקער, זעליג, איז זיין נאָמען, האָט געעפנט זיינע אויגן און זיך דערזען ליגן אין אַ זייבער, ווייס־פינקלדיק בעט. צו זיינע נאָזלעכער האָט זיך דערטראָגן דער גערוך פון קאַרבאָל. זיינע אויגן האָבן אָנגעהויבן בלאָנדזשען איבערן גאַנצן צימער. ביים סאַמע צוקאָפּנס פון בעט האָט ער דערזען שטיין דעם מלאך־המות מיט אַ ברייטן שמייכל אויף זיין געזיכט, ווי ער וואָלט זיך געפרייט. דער מלאך־המות: אָט נאָך איינעם אַ לץ אַרויסגעריסן פון די רייען פון שפּרודלדיקן לעבן. ער האָט געשמייכלט און זיך געריבן די הענט, כמעט מיט אומגעדולד געוואַרט, אַז דער קראַנקער זאָל וואָס גיכער אויסהויכן די נשמה, וועלכע ער וועט הענדום־פּענדום אונטערכאַפּן און אַוועקפירן אויף אַ גאָר לאַנגן שפּאַציר, פון וועלכן מען קערט זיך שוין מער ניט אום צוריק.

דער קראַנקער זעליג ציטערט פון שרעק: ער נעמט ניט אַוועק די אויגן פונעם מלאך־המות. ער היט יעדע מינע פון זיין פּנים און אָט דערזעט ער, ווי דער שמייכל איז פּלוצלונג פאַרשוואונדן פון מלאך־המות'ס פּנים. זעליג האָט געוואָלט וויסן די אורזאַך פון פאַר־שוואונדענעם שמייכל. לאַנג האָט ער ניט געדאַרפט וואַרטן. זעליג שפּירט און פאָלגט נאָך דעם בליק פון מלאך־המות'ס אויגן. און זעליג דערזעט ווי דער מלאך־המות פירט אַריבער זיינע אויגן צום צופוסנס פון בעט. דער חולה, זעליג, פירט אַריבער אויך זיינע אויגן פון צו־קאָפּנס צום צופוסנס פון זיין בעט. און דאָרט האָט ער דערזען די אורזאַך...

דאָרט, ביים צופוסנס פון בעט איז געשטאַנען שרה, זיין ווייב. שרהס אויגן האָבן נצחונדיק געשפּריצט מיט אַ פייערדיקן אַרויסרוף. די אויגן אירע האָבן געשאָסן דעם אַרויסרוף צו דעם מלאך־המות גלייך אין פּנים אַריין. און מען האָט באַשיימפּערלעך געקאָנט אַרויסלייענען פון אירע אויגן: „אָט, ניט אַזוי גרינג וועט דיר אָפּגיין די גאַנצע שפּיל! דו ווייסט ניט מיט וועמען דו האָסט זיך פאַרטשעפּעט: דו שפּילסט זיך מיט שרהן!? אַז איך זאָג אַז זעליק איז מיינער, איז ער מיינער!!!"

שטייט ער, דער מלאך־המות, מעשה „דזשענטלמאַן". אין אַ פּאַר־לעגנהייט און טראַכט: „וואָס וועל איך זיך אָנהויבן מיט אַ פרוי? עס פּאַסט מיר ניט. מען דאַרף געפינען אַ מיטל זי איבערצוכיטרע־ווען." ניט לאַנג געטראַכט, ווענדעט ער זיך מיט אַ שעלמישן בליק צו שׂרהן און רופט זיך אָן: „ווייסטו גאָר וואָס? זאָגסט אַ שפּיל? זאָל זיין אַ **שפּיל**! מיר איז טאַקע איינגעפאַלן צו פאַרפירן מיט דיר אַ **שפּיל**. אָט האָב איך אַ דיקן שטריק. וועלן מיר אָט דעם שטריק ציען. אָט דאָ אויף דער ערד וועלן מיר אָוועקלייגן אַ שטרוי פאַר אַ צייכן, און ווער עס וועט ביים ציען דעם שטריק אַריבערשפּאַנען די שטרוי, דער פאַרלירט. שטימסטו איין?

זעליג ליגט און הערט זיך איין צום געפעכט־געשפּרעך צווישן מלאך־המות און זיין ווייב שׂרה. עס ציטערט אין אים דאָס האַרץ פון שרעק. ער ווייסט אַז דער מלאך־המות איז שטאַרק און אַז שׂרה זיין ווייב, איז ניט מער ווי אַ פרוי מיט פרוויאישע שוואַכע כוחות, און אַז זי וועט גאָר שנעל פאַרלירן. הויבט ער, זעליג, אָן צו אַפּעלירן צום מלאך־המות:

„היתכן? וואו איז יושר?" טענהט זעליג: „איך קען ניט, איך וויל ניט און איך האָב קיין צייט ניט! ערשטנס, האַלט איך אין מיטן פון שרייבן אַ בוך! צווייטנס, פאַרנעם איך וויכטיק־אָנפירנדיקע פּאָזיציעס אין אַ היפּשער צאָל אָרגאַניזאַציעס! זיי קענען זיך אָן מיר ניט באַגיין! אָן מיר וועט זיך אַלץ פאַנאַנדערפאַלן! מיט איין וואָרט: איך האָב קיין צייט ניט זיך אַוועקלאָזן מיטן מלאך־המות אויף אַ לאַנגן שפּאַציר!" ער טוט זיך פלוצלונג אַ זעץ אויף און טוט אַ געשריי: „איך האָב אַ וועלט מיט אַרבעט!"

„עט!" מאַכט אים אָוועק דער מלאך־המות מיט דער האַנט און וויל זעליקן אפילו ניט ענטפערן. „אָט וועט ער זיך גיין אויסטענהן מיט אַ קראַנקן, וואָס האָט אַ פּאָר „אָלסערס" (בויך־געשווירן) און פּאָכעט שוין מיט דער נשמה. אים גייט דווקא אין **דעם**, צו געווינען אין דער **שפּיל** מיט שׂרהן. ער, דער מלאך־המות, ווייסט שוין, אַז אָט די אַלע תירוצים פונעם קראַנקן האָבן ניט די ווערט קיין שמעק־

טאַבאַק, קיין אויסגעבלאָזן איי! ער ווייסט אָבער יאָ, דער מלאך־המות, אַז שווער וועט זיין אַרויסצורייסן אים, זעליגן, פון שרהס נעגל! זי, שרה, קאָן נאָך אים אויסדראַפּען די אויגן! ער געדענקט גוט וואָס זי האָט אים געוואָרנט: „דו שפּילסט זיך מיט שרהן ? ! "

אויך שרה הערט זיך ניט צו צו איר מאַנס אַפּעלירן. זי ווייסט שוין ווער עס וועט געווינען! אין דעם איז זי זיכער, ווי זיכער זי איז, אַז איר נאָמען איז שרה! שטעלט זי זיך אַוועק אַזוי טראָציק קעגן דעם מלאך־המות און זאָגט:

„אדרבא, קום, לאָמיר זען ווער עס איז שטאַרקער!"

שרה גיט אַ מעסט אָפּ סטראַטעגיש דעם שפּיטאָל־צימער, פּונקט ווי אַ גענעראַל מעסט אָפּ אַ שלאַכט־פעלד, און באַשליסט זיך צו שטעלן אויף דער שוועל פון דער טיר און דער מלאך־המות אינעווייניק אין צימער. דאָס וואָס זי האָט פאַרשטעלט די טיר האָט איר שוין צוגעגעבן אַביסל מוט: זאָל זיך דער מלאך־המות דערווייל ניט אַרויס־גנבענען מיט זעליגס נשמה. שרה האָט אָנגעשפּאַרט אירע צוויי אָפּצאַסן פון אירע שיך אין דער שוועל, אָנגעכאַפּט און אַרומגעוויקלט דעם שטריק אַרום דער רעכטער האַנט און אָנגעהויבן ציען. זי ציט מיט אַלע כוחות.

דער מלאך־המות שפּילט זיך מיט איר ווי מיט אַ קינד. ער ציט ניט צו שטאַרק. ער לאָזט איר אויף דערווייל טראַכטן, אַז זי געווינט! נאָך אַ פּאָר מינוט פון ציען דעם שטריק, וויל דער מלאך המות אָנהויבן אויף אַן אמתן ציען דעם שטריק; טאַקע אַזוי שטאַרק ווי אַ מלאך־המות קאָן!

אָבער, פּלוצלונג, עפענען זיך די טירן פון „עלעוויי טאָר" (ליפט) און עס טוט אַ שטראָם אַרויס אַ כוואַליע מיט מענטשן: אַלע אַקטי־וויסטן פון די אָרגאַניזאַציעס וואו זעליג איז דער אָנפירער. זיי טוען אַ פיר מיט זייערע אויגן איבערן צימער פון שפּיטאָל, וואו זעליג ליגט און טאַקע בליץ־שנעל שאַצן זיי אָפּ די געפערלעכע לאַגע. ווי מיט אַ צויבער־שטעקעלע טוט איינער פון די אַקטיוויסטן אַ קאָמאַנדעווע מיט אַלע וואָס זיינען הינטער אים: „שנעלער, חברה (כעווריע), לאָמיר

העלפן שרהן ציען דעם שטריק!" ווי געניטע, דערפארענע ארגאניזא־ציע־מענטשן האבן זיי זיך שנעל אויסגעפארמירט אין א לאנגער שערענגע הינטער שרהן. און איידער דער מלאך־המות האט צייט געהאט ארומוויקלען זיין האנט מיטן שטריק, האבן אלע הינטער שרהן מיט איין „העי אוכניעם" אזא צי געטאן, אז דער מלאך־המות איז געבליבן געפלעפט: זיך אויסגעצויגן איבער דער שוועל אין זיין גאנצער לענג: ער איז אריבער די שטרוי ! ! !

און אלע האבן אים, דעם מלאך־המות, א פארשעמטן, ארויס־געשמיסן דורכן פענצטער!

דער מלאך המות האט זיך א הינקענדיקער אויפגעהויבן, ער האט זיך מיט זיין שווארצער פעלערינע פארשטעלט דאס בייזע פנים און ווי אן אפגעשמיסענער, פארשוואונדן וואו דער שווארצער פעפער וואקסט !

די נייעס אז שרה האט באזיגט דעם מלאך־המות האט זיך שנעל ווי א בליץ פארשפרייט איבער אלע צימערן פון שפיטאל. קראנקע האבן אנגעהויבן פארלאזן די בעטן און געלאפן א קוק טאן אויף שרהן.

שרה איז געשטאנען א פריילעכע, א גליקלעכע, א שטראלנדיקע, און מעשה־זיגערין געטענהט: „בלויז מיט פאראייניקטע כוחות וועלן מיר באזיגן דעם מלאך־המות! געדענקט עם ! ! ! "

סוף סעזאָן אין אַן „אָפּען-שאַפּ"

(מיניאַטור)

מר. ריגער דרייט זיך אַרום איבערן שאַפּ און מאַכט דריבנע טריט מיט זיינע קורצע, אויסגעקרימטע פיס. ער וואַרפט גייציקע אומרואיקע בליקן אויף די איינגעבויגענע קעפּ פון זיינע צוואַנציק אַרבעטער. ער קייט נערוועז דעם גראָבן ציגאַר, וואָס קייקלט זיך צווישן די נערוועזע ליפּן פון איין ווינקל מויל צום צווייטן.

מר. ריגער איז אומצופרידן: דער סעזאָן איז שוין פאַראיבער. פאַראיבער זיינען מיט אים די פעטע פּראָפיטן. איז ער שרעקלעך אין כעס. עפּעס ווי אימיצער איז דערין שולדיק און מען דאַרף דעם אימיצן באַשטראָפן! ער ביילט די פויסטן.

די אַרבעטער אין שאַפּ זיינען פאַרטיפט אין דער אַרבעט. בלויז די מאַשינען טאַנצן אוים דעם טרויער-מאַרש פון פאַרשקלאַפטע געמי-טער. די מענטשן האָבן זיך אין מאַשינען פאַרוואַנדלט.

זיצט יעדער איינער ביי דער מאַשין פאַרגליווערט, רירט ניט מיט קיין איבעריקן אבר. די הענט, ווי צוויי גליענדיקע לאָפּעטעס, באַוועגן זיך פיבערדיק פלינק, ווי זיי וואָלטן זיין די שולדיקע אין מר. ריגערס טרויעריקן געמיט.

די לופט כאַפּט אויף דעם דריבנעם טעמפּאָ פון דעם באַלעבאָסעס טריט און וויברירט זיי אין לאַנגע, טעמפּע קלאַנגען. רופן אָט די קלאַנגען אַרויס אַן אומרואיקן עכאָ אין די מוחות פון די איבערגע-בויגענע קעפּ ביי די מאַשינען.

עפּעס נאָגט אַ יעדן איינעם אַן אומענדלעכער טרויער. עס פילט זיך אַזוי שטיקנד! אָט באַלד רוקן זיך צוזאַמען די פיר ווענט פון שאַפּ און צעדריקן יעדן איינעם. ברייט יעדן די גליענדע לופט, וואו ס'האָט

זיך שוין צופיל גאַנץ אָנגעקליבן. אַט איז אַ פונק און די גאַנץ צעפלאַקערן זיך מיט אַ קראַך!

רוקט זיך דער ווייזער אַזוי לאַנגזאַם. עפּעס ווי אַ לעבנס-לאַנגע קרענק ציט זיך דער טאָג. ענדלעך האָט זיך דער לעצטער אָטעם פון גוסדיקן טאָג אָנגעהויבן לעשן. דער ווייזער האָט זיך דערשלעפּט צו זעקס. די מומיעס הויבן זיך אויף פון זייערע ערטער. בלייבן שטיין אומבאַוועגלעך; פילן, אַז עפּעס דאַרף נאָך געשען! שפּירן דאָס פּויזן פון אומפאַרמיידלעכן אויסדרוק!

פּלוצים הערט זיך דער שטרענגער באַפעל פון באַלעבאָס:

„מר. באַרקאַן, איך וויל אייך זען איידער איר גייט אַוועק!"

אַלע איבעריקע אַרבעטער וואַרטן אויף באַקאַנען ביי דער טיר. יעדער איינער טראַכט ביי זיך: כ'האָב עס געוואוסט, באַרקאַן האָט קיינמאָל ניט געאַרבעט קיין „אָווערטאַים" (צוגאָב-צייט). באַרקאַן פלעגט פאָדערן „טאַים'נ'העף" (באַלוינונג פאַר איבעריקער צייט).

עס באַווייזט זיך באַרקאַן. רעדט טרייסטנדיק: „מילא, נו, ער האָט מער ניט קיין אַרבעט פאַר מיר." אַלע לאָזן זיך מיט לאַנגזאַמע טריט גיין אַהיים.

דער אומיצער איז באַשטראָפט!

אויפן פיקעט־ליין

(מיניאַטור)

איך גיי צום פיקעט־ליין. דאָס האַרץ קלאַפּט. כ'האָב אַלעמאָל געהערט און געלייענט וועגן אַ פּיקעט־ליין, אָבער נאָך קיינמאָל אַליין דאָרט ניט געווען.

און איצט? איצט שפּאַן איך דאָך מיט ברייטע, איילנדיקע טריט. עס גלויבט זיך קוים. אין מוח דרייען זיך די געדאַנקען ווי אַ זאַווער־רוכע: וואָס וועל איך זען? וואָס וועט אויספאַלן אויף מיין גורל? ווי וועל איך האַנדלען?

איך דריי זיך מיט אין פרימאָרגנדיקן ווירוואַר פון מענטשן־געדראַנג. עפּעס האָבן זיך מיינע אינסטינקטן פון געהער און זען פאַרשאַרפט. דער מענטש פון פאַרצייטן איז אין מיר אין דעם מאָמענט אויפגעשטאַנען תחית־המתים. מיינע אויערן און אויגן זיינען אָנגע־שפּיצט, ווי פון אַ חיה אויף יאַגד. איך באַמערק יעדן קלענסטן אויסדרוק פון די פאַרביישוויימענדיקע פּנימער.

ענדלעך דערזע איך די געביידע פונעם שאַפּ, וואו איך אַרבעט. פון דער ווייטנס כאַפּט דאָס אויג נאָך ניט אויף קיין שום אויסער־געוויינלעכעס. איך טרייסט זיך: אַ קליינער שאַפּ, אינגאַנצן צוואַנציק אַרבעטער.

איך דערמאָן זיך: וויפיל איך האָב עס גערעדט צום פּרעסער. געפּרוווט אים איבערצייגן אַז ער ווערט באַהאַנדלט ניט מענטשלעך; אַז מען דאַרף דעם אָפּגעזאָגטן שטעפּער, באַרקאַנען, צוריק אַרויפ־נעמען צו דער אַרבעט. אומזיסט. ער אַליין פילט עס ניט. צו טיפע וואָרצלען פון אונטערטעניקייט האָט לאַנג־דורותדיקע שקלאַפעריי אין אים איבערגעלאָזט.

פלוצים שווימען ארוים פון דער געדיכטער, איילנדיקער מאסע צוויי געשטאלטן. זיי זיינען באטאוולט מיט אן אויפשריפט: „מר. גייסטסט שאפ איז אין סטרייק! העלפט אונדז אין אונדזער גערעכטן קאמף!"

מיינע אויגן שטראלן אויף. א געדאנק פליט דורך: „ניט קיין טויטע מאסע. עס שלאגן אין איר אדערן פון ברויזיקן לעבן! אט דער טאוול — אן אויסדריק פון קאמף פאר ברויט, פאר מילך, פאר גערעכטיקייט!"

ווארפט זיך דער טאוול אין די אויגן פון די פארבייגייענדיקע; ווארפט אריין אין יעדן הארצן א קערן פון אומרו. דער טאוול וועקט; דער טאוול מאנט!

איך לאז זיך צו צום טאוול-באפאנצערטן פארל:
„בין איך שפעט? איז דא עפעס געשען?"
„ניט שפעט, דער באלעבאס אליין איז נאך ניטא."

אין דער זעלבער מינוט וואקסט אוים לעבן אונדז א „בלויע געשטאלט"... ער דראעט: ניט צו שטיין אויף איין פלאץ. שעמט זיך ניט אפילו אונדז אפצושטויסן, ווען מען הערט זיך ניט צו צו זיין אויטאמאטישן בילן: „קיפ אן מואווינג!" (שפאנט ווייטער!).

פון פארשיידענע ווינקלען פון גאס ווארפן זיך מיר אין די אויגן באקאנטע פנימער. עפעס ווי אויף א שלאכטפעלד, טראכט איך:

„יעדערער אויף זיין באשטימטן פאסטן. שטייט יעדער איינער פול מיט געוואגטקייט און אנטשלאסנקייט. יעדער איינער גרייט צו קעמפן אויף לעבן און טויט!"

מיטאמאל האט זיך א מאשין אפגעשטעלט ביים סאמע ברעג פון טראטואר, וואס פירט צום אריינגאנג פון שאפ. צום ערשטן שטייגן ארוים צוויי משופעדיקע נפשות. זייערע פנימער האבן אן אויסדרוק פון רוצחים: צוויי אויפגערייצטע טיגערן אין מענטשן־געשטאלט. נאך זיי קריכט ארוים דער קורץ־פיסיקער באלעבאס. ער קוקט אוים אזוי נעבעכדיק, אומגעלומפערט, אז עס רופט ארוים

אַ שמייכל און פּאַרדרוס: „וועך עס געוועלטיקט!" נאָך אים שלעפּן זיך נאָך פיר אַרבעטער.

„סקעבס!" רייסט זיך אַרויס אַ פלוך פון מיין מויל. די אַרבעטער טוליען זיך איינער צום צווייטן און וואַרפן אומרואיקע בליקן אַרום זיך. די צוויי משופּעדיקע נפשות דרייען זייערע דעגענירטע, אומ־נאַטירלעך־צעקרימטע געזיכטער אין אַלע ריכטונגען; וואַרפן בייזע בליקן אויף די באַטאַוולטע פּאַרלעך, אַ וואָרנונג: „היט אייערע ביינער!"

אַלע פאַרשווינדן אין דער טיפעניש פון קאָרידאָר, וואָס פירט צום שאַפּ.

די סטרייקנדיקע אַרבעטער אויף דער פּיקעט־ליין דרייען זיך אַרום אַנטוישט: ניט געקענט אָפּשעלן די סקעבס.

די פרימאָרגנדיקע שעה, ווען מען גייט צו דער אַרבעט, איז כמעט ווי אַריבער. עס ווייזט אויס, אַז דער ערשטער טאָג פונעם סטרייק וועט אַריבער אָן אויסערגעוויינלעכע געשעענישן. די פּיקעט־ליין פאַרגרעסערט זיך פון מינוט צו מינוט. ס'שליסן זיך אָן אַרבעטער פון אַנדערע שעפּער, וואָס דרייען זיך אַרום אַ לאַנגע צייט אָן אַרבעט. מ'האָפט די פּיקעט־ליין זאָל זיך נאָך מער פאַרגרעסערן צו מיטאָג־צייט. און דאַן! דאָס בלוט זידט פון פּראָטעסטן! זוכט אָן אויסדרוק! דער מוח מאָלט בילדער פון באַשטראָפונג און נקמה! די ציין קריצן!

מיטאַמאָל ווערן מיינע אויגן צוגעשמידט צו אַ באַקאַנט געשטאַלט, וואָס שפּאַנט זיך אַזוי געמיטלעך פון דער ווייטנס. איך דערקאָן דעם פּרעסער: „אַ פאַרשפּעטיקטער סקעב", טראַכט איך. אינסטינקטיוו רייסן זיך מיינע פיס אָפּ פון פּלאַץ. איך פאָלג אים נאָך מיט אַזאַ גרינג־קייט אין מיינע טריט, אַז איך שפּיר קוים די ערד אונטער זיך. ער לאָזט זיך אויף די שטיגן, איך נאָך אים. פלינק ווי אַ קאַץ, רוק איך אים מיט איין האַנט אַראָפּ דאָס היטל איבער די אויגן. מיט דער אַנדערער האַנט פאַרדעק איך אים דאָס מויל און הויב אָן צו לייגן פּעטש. ער פאַלט אַנידער. עס הערט זיך ניט קיין פּיפּס. איך לאָז זיך צוריק אַראָפּ פון די שטיגן און מיש זיך אויס מיט דער דרויסנדיקער מאַסע. מיינע ליפּן זיינען בלאַס. ד הענט ציטערן. אָבער אַזוי גרינג אויפן האַרצן.

באַלד הערט זיך אַ סווישטשעריי... אַ געלויף און אַ קלינ־געריי פון אַ שפּיטאַל־וואָגן. ס'הערן זיך פראַגן: „ווען איז דאָס געשען?" „ווער האָט עס געטאָן?" „האָט אימיצער באַמערקט?" קיינער ווייסט ניט.

אויף די אויבערשטע טרעפּ פון קאָרידאָר באַווייזן זיך: דער באַלעבאָס, זיינע צוויי שומרים און אַ פּאָר פון זיינע סקעבס. אַ טויטע בלאַסקייט ליגט אויסגעשפּרייט אויף די סקעבס' פּנימער: זיי זעען אין צעשלאָגענעם פרעסער אויך זייער סוף!... די פרעגנדיקע בליקן פון דעם אָנגעלאָפענעם עולם פאַרשטייען שוין, אָן דערקלערונגען, וואָס דאָס באַדייט.

און דער ערשטער קרבן פון סטרייק איז אָפּגעפירט געוואָרן אין שפּיטאָל!...

מיר ציען זיך אַרויס פון סניטקאָוו

(מיניאַטור — ביאָגראַפיש)

סניטקאָוו איז אַ קליין שטעטעלע ערגעץ אין דער אוקראַינע־פּאָדאָליע. כאָטש איך בין דאָרט געבוירן געוואָרן, געדענק איך ניט ווי אַזוי דאָס שטעטעלע זעט אויס, ווייל, ווען איך בין אַלט געוואָרן דריי יאָר האָבן מיינע עלטערן, צוליב פּרנסה, זיך אַריבערגעקליבן אין אַ שכנותדיק שטעטל, שארגאראד, אַ שטעטעלע עטוואָס גרעסער ווי סניטקאָוו.

און בלויז צוליב אַ פּאָר אויסערגעוויינלעכע, אויסטערלישע געשעענישן, האָבן זיך אייניקע ווינקלען פון לעבן אין סניטקאָוו אָפּגעשטעמפּלט אויף מיין זכרון.

ווי דורך אַ נעפּל געדענק איך די דריי דרויסנדיקע טרעפּ פון אונדזער הויז. איך געדענק: איך שפּיל זיך אינדרויסן. פּלוצלונג הער איך אַ שרעקלעך־היסטעריש געשריי פון אימיצן:

„היט זיך, אַ פערד האָט זיך צעפּלאשעט!"

אַלע מענטשן אין גאַס האָבן אָנגעהויבן צו לויפן נאָענט צו די ווענט פון די הייזער. איך בין ווי פאַרשטיינערט געוואָרן פון שרעק. שטיי איך פאַרגליווערט און טוליע זיך צו די דריי טרעפּ. און פּלוצלונג דערפיל איך אַ שרעקלעכן ווייטיק אויפן גראָבן פינגער פון מיין רעכטן פוס. דאָס האָט דאָס צעפּלאשעטע פערד מיר אָנגעטראָטן, ווען דאָס פערד איז פאַרבייגעלאָפן. וואָס ווייטער איז געשען געדענק איך ניט. אַפּנים, אַז איך בין געפאַלן אין חלשות.

אַ צווייטער עפּיזאָד: איך געדענק אַ קליין שולכל. אין שולכל אַן ארון־קודש. אַ בינטל אידן אין קאַפּאָטעס, אייניקע אין טליתים; זיי האַלטן מיין קליין ברודערל, אַן ערשט־ניט־לאַנג־געבוירן עופעלע. עפּעס טוט מען דעם קינד. דאָס קינד קוויטשעט, ווי מען זאָל עס

קוילענען; און איך פלאָנטער זיך צווישן די אידן. איך רייס זיי ביי די פּאָלעס, איך וויין און מאָן, מען זאָל מיר אָפּגעבן מיין קליין ברודערל. מיין טאַטע שמייכלט. ער נעמט מיך ביי דער האַנט און פירט מיך אַ וויינענדיקע אַרויס פון שולכל. שפּעטער, ווען איך בין עלטער געוואָרן, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דאָס האָט מען מל־געווען מיין קליין ברודערל.

וועגן סניטקאָוו האָב איך אויך שפּעטער, ווען איך בין עלטער געוואָרן, געהערט די מאַמע ריידן. אָנגערופן האָט זי דאָס שטעטל מיט אַ צונאָמען — „שניפּעשיק", און אַז „שניפּעשיק" איז גרויס ווי אַ גענעץ! און כדי צו מאַכן דעם איינדרוק בולטער, האָט זי צוגעגעבן: אַז נאָך איידער מען פאָרט אַריין קיין „שניפּעשיק" מיט פערד־און־וואָגן, איז מען שוין מיטן דישל פון יענער זייט שטעטל!

דאָס איינציקע וואָס איך געדענק פון אונדזער אַריבערציען זיך איז אונדזער שלעפּן זיך אויף אַ וואָגן איבער שנייאיקע, פאַרפרוירענע שטרעקעס פול מיט הרודעס. איך וואָלט דאָס מסתמא אויך ניט געדענקט, ווען ניט עפּעס וואָס האָט דאָס אַלץ געמאַכט מיר זיך איינקריצן אין זכרון.

טאַטע־מאַמע מיטן אינגסטן ברודערל, אַן עופּעלע, זיינען נאָך אַ סך פריער אַוועקגעפאָרן. איצט זיינען מיר געפאָרן אויפן וואָגן, אַ חוץ דעם בעל־עגלה, אין פירן. די צוויי עלטערע, דערוואַקסענע שוועסטער האָבן געהאַלטן אויף זייערע קני מיך און נאָך אַ שוועסטערל מיט צוויי יאָר עלטער פון מיר. מען האָט אונדז געהאַלטן איינגעפּעלצט אין דיקע קאָלדרעס און אין גרויסע, גראָבע שאַלן, אַז דער בייסיקער פראָסט זאָל ניט האָבן אויף אונדז קיין שליטה.

געדענק איך, ווי מיר פאָרן אַזוי, און דאָס מאַרדעווען פון וואָגן איבער די פאַרפרוירענע הרודעס טרייסלט אַרויס די קישקעס פון בויך. דורך אַ שפּאַלט פון דער קאָלדרע זע איך, ווי ווייסע שניי־שנירעלעך שלענגלען זיך צו דער ערד. איך זיץ אויף די קני פון מיין עלטערער שוועסטער איטע, און איך וויין אין דער שטיל: דאָס בענדל מיט וואָס מען פלעגט צובינדן אויף אונדז קינדער די זאָקן, האָט זיך איינגע־

שניטן אין דעם פלייש פון מיין קני און פאַרשאַפט מיר אַן אַשיעור ווייטיק. זאָגן דער שוועסטער, אַז זי זאָל לויזער מאַכן דאָס שטריקל, האָב איך מורא, ווייל די שוועסטער איז אַ שטרענגע און צייטנווייז אויך אַ בייזע. ביז איך האָב מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן און מיין שטילער כליפּען איז אַריבער אין אַ הילכיקן געוויין. מיט קללות אויף די ליפּן האָט די שוועסטער פאַנאַנדערגעוויקלט די קאָלדרע און לויזער געמאַכט דאָס שטריקל.

נאָך דעם בין איך מסתמא, ווי אַ שטיל טייבעלע, איינגעשלאָפן. ווייל ווי אַזוי מיר זיינען אַריינגעפאָרן קיין שאַרגאָראָד, אין אונדזער נייער היים־שטעטל, געדענק איך ניט.

ביי דער מומע איידל אין הויז

(מיניאַטור — ביאָגראַפיש)

פאַרפאָרן זיינען מיר צו דער מומע איידל, דער מאַמעס עלטסטע שוועסטער. די מומע איידל איז געווען די עלטסטע פון פופצן קינדער, וואָס די באָבע חיה־לאה האָט געבוירן. פון די פופצן זיינען לעבן געבליבן בלויז זיבן.

די מומע איידל איז, זייענדיק די עלטסטע, געווען די האַרנטע איבער דער גאַנצער משפחה: זי האָט „געקעניגט" איבער אירע שוועסטער און ברידער, כאָטש אַלע זיינען שוין געווען חתונה־געהאַטע, כאָטש אַלע האָבן שוין אַליין געהאַדעוועט קינדער. דאָך האָט קיינער ניט געטאָרט עפּעס טאָן אָן דער הסכמה פון דער מומע איידל. אַזוי איז געווען דער מנהג פון דער משפחה. און די מומע

איידל האָט געבאַלעבאַטעוועט ווי אַ מאַטריאַרך. אַלע האָבן פאַר איר מורא געהאַט און אַלע האָבן זי אויך ליב געהאַט, ווייל זי איז געווען זייער אַ קלוגע און זייער אַ געטרייע. צו אַט דער שטרענגער מומע זיינען מיר פאַרפאָרן.

וואו מען האָט אונדז דאָרט באַלייגט שלאָפן, קאָן איך נאָך ביז עד היום ניט פאַרשטיין. ווייל די גאַנצע כאַטע איז באַשטאַנען פון דריי חדרימלעך־לעכלעך. דער מומע איידלס משפחה אַליין איז באַשטאַנען פון זעקס מענטשן!

אַט איז די גאַנצע כאַטע: אַ פינצטערע, שמאָלע קיך, צו וועלכער מען איז צוגעקומען דורך אַ לאַנגן, בלינדן קאָרידאָר. אין קיך איז געשטאַנען אַ לאַנגער טאַפּטשאַן און אַ הויכער געשטעל. אויף דעם געשטעל איז געשטאַנען אַ גרויסע ברייטע שיסל; (די שיסל האָט מען גערופן די פּאַמויניצע). לעבן דער שיסל איז געשטאַנען די קוואָרט פון וועלכער מען פלעגט טרינקען וואַסער. אַלע פלעגן טרינקען פון דער זעלבער איינער קוואָרט. די זעלבע קוואָרט האָט אויך געדינט פאַר „אָפּגיסן זיך די נעגל" אינדערפרי און פאַר וואַשן די הענט פאַרן מאַכן אַ „המוציא" פאַרן עסן. צום אויוון האָט מען זיך שוין געמוזט דורכשטופּן צווישן טאַפּטשאַן און צווישן דער קעגנאיבערדיקער וואַנט.

דער צווייטער חדר־לאָך איז געווען אַן אַלקער. דער אַלקער האָט דווקא יאָ געהאַט אַ פענצטער, וואָס איז אָבער אַרויסגעגאַנגען אין אַ שמאָלער „וויליצע". די „וויליצע" האָט זיך געגרענעצט מיט אַ הויכער טויבער וואַנט פון אַן אַריינפאָר־הויז. דערפאַר איז אין אַלקער שטענדיק געווען פינצטער. אין אַלקער איז געשטאַנען אַ ברייטע הילצערנע בעט; אויף דער בעט צוויי פערינעס און אַ סך גרויסע קישנס. ביי דער צווייטער וואַנט איז געשטאַנען אַ שמאָלע קאַנאַפּע און אַ טישל. דאָס איינציקע שטיקל ליידיקע וואַנט איז געווען די הרובע, לעבן וועלכער עס איז געשטאַנען אַ בענקל. דאָס בענקל איז קיינמאָל ניט געווען ליידיק. ווי נאָר עס האָט זיך אָפּגעליידיקט, איז עס גלייך פאַרנומען געוואָרן פון אַ צווייטן, וואָס האָט

מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דעם. אויף דעם בענקל לעבן דער הרובע האָבן מיר אָנגעוואַרעמט אונדזערע שטענדיק־בלאָע פינגער פון אונדזערע שטענדיק־פאַרפרוירענע הענט.

די צווייטע זייט פון דער חרובע־וואַנט איז אַרויסגעגאַנגען אינעם דריטן חדר. דאָס איז געווען די „סטאָלאָווע". אַ חוץ אַן עס־צימער האָט די סטאָלאָווע אויך געדינט פאַר אַ שלאָף־צימער, אַ גאַסט־צימער און אויך פאַר אַ קראָם. אין דער סטאָלאָווע זיינען אַלע ווענט געווען פאַרשטעלט מיט קאַנאַפּעס, אַזעלכע סאָפעס צו שלאָפן אויף זיי.

ביי דער זייט חרובע איז געשטאַנען אַ לאַנגע הילצערנע באַנק. אויף דער באַנק האָט קיינער זיך ניט געטאָרט זעצן. די באַנק האָט געהערט צו דער מומע איידל. שטענדיק איז די מומע איידל געזעסן מיט אַ תחינה אויף די קני, אויף דער באַנק. אָנגעטאָן איז די מומע איידל געווען אין אַ טונקל־ברוין, לאַנג קלייד, אַ קאַפּטל פון אַ מיתה־משונה קאָליר און אין אַ העלן טיכל אויף איר אָפּגעגאָלטן קאָפּ. מיר, די קלענערע קינדער, פלעגן מורא־האָבן צו קוקן אויף איר, כאָטש זי האָט זייער ליב געהאַט קינדער. און מיר פלעגן זי פאַרביילויפן. ווי מורא האָבן זיך אָפּצובריען. אין שטוב האָבן זיך אויך אַרומגע־דרייט דער מומע איידלס צוויי אייניקלעך פון אירע צוויי עלטערע געגטע קינדער.

ביי דעם פענצטער אין דער סטאָלאָווע איז געשטאַנען אַ גרויסער פירעקיקער טיש. אַביסל וויטער — אַ שאַפע פאַר קליידער און אַ פּאָר בענקלעך. אויף די סאָפעס פלעגט מען שלאָפן. אויפן טיש, פלעגט מען, צווישן איין מאָלצייט און אַ צווייטן, ווירען און צושניידן זוילן פאַר שיך פון גרויסע שטיקער לעדער. דאָס פלעגט טאָן דער פעטער יאָסל, דער מומע איידלס מאַן. מען האָט אים גערופן ר' יאָסיע דער לעדער־וואַרגער. אין שטאָט האָט מען אים גערופן „יאָסל פּאַטשאָק". די אורזאַך פון אַזאַ טשיקאַוון נאָמען איז: אַזוי ווי ער האָט געשטאַמט פון אַ משפחה פון למדנים, האָט ער ניט געקענט ריידן רוסיש. איז ווען ער פלעגט דאַרפן פאָרן אויף די ירידים, פלעגט ער אַרויס אין גאַס צו דינגען אַ פערד־און־וואָגן. און אַז דער פויער פון דעם וואָגן

פלעגט אים פרעגן, ווער און וויפיל עס פאָרן, איז זיין ענטפער שטענ־דיק געווען: „יאַ, אי פּאַטשאָק, אי פּאַטשעקל, אי מאַלענקי פּאַטשע־טשיקל.״ וואָס האָט געדאַרפט מיינען: „איך, און אַ פּאַק סחורה און צוויי קליינע פּעקעלעך.״ דערפאַר איז ער פאַרבליבן מיטן צונאָמען „פּאַטשאָק״.

אין טאָג פון יאַריד, ווען די שטוב פלעגט אָנגעפילט ווערן מיט פויערים־קונים, פלעגט די מאַמע מיינע אַריינטראָגן די מולטער, אין וועלכער האָט קינד, מיין קליין ברודערל, איז געשלאָפן אין פינצטערן אַלקער אַריין.. אויך מיר קינדער פלעגן זיך אַהין פאַרקלייבן און זיצן דאָרט, ווי מען זאָגט, „אין געהאַקטע וואונדן!״ זיצן שטיל־פאַרטייעטע ווי קעצלעך. קיין פּיפּס פלעגט מען ניט טאָרן הערן פון אונדז; אלא ניט, פלעגט די קראַנק־הוסטנדיקע, יאַדישלעווע מומע איידל, גוטמוטיק, אויסבאַטלען אַלע וויסטע חלומות צו „אונדזערע שונאימס קעפּ און צו זייער לייב־און־לעבן!״

מײנע ערשטע טעג אין אַמעריקע

(קוריאָזן — ביאָגראַפיש)

דאָס איז געװען מיט פופציק יאָר צוריק. ס'איז געװען דאָס יאָר 1922, ערשט נאָך דער רעװאָלוציע אין רוסלאַנד. פון דער צעבױמטער אײראָפּע האָט זיך געצױגן אַ געדיכטער שטראָם פון אידישע עמיגראַנטן צו די ברעגן פון אַמעריקע. דאָס איז אױך געװען דאָס יאָר, װען איך בין געקומען קײן אַמעריקע. און זײענדיק כמעט אַ קינד, האָט אַלץ אױסגעזען אַזױ אַנדערש װי אין דער אַלטער הײם, אַז אַלץ האָט זיך געגרעניצט מיט טשיקאַװעסטקײט. דערפאַר האָבן זיך אַלע טשיקאַװעסצן אַזױ אײנגעקריצט אין זכרון. װעל איך בהדרגהדיק דאָ דערצײלן די ערשטע טשיקאַװע פּאַסירונגען, װאָס האָבן זיך מיר גלײך געװאָרפן אין די אױגן. איך װעל ענדיקן װי אַזױ איך בין געקומען זיך צו דערװיסן װעגן דער „פרײהײט", (אַ טעגלעכע אידישע אַרבעטער־צײטונג).

איז װי איך האָב פריער געזאָגט: עס איז געװען דאָס יאָר 1922.

די „מאָרגן־פרײהײט" איז איצט פופציק יאָר אַלט. און פופציק יאָר אַז איך לײען זי. און עס איז זײער אַ טשיקאַװער עפּיזאָד, װי אַזױ איך האָב זי אָנגעהױבן לײענען. אגב, יעדער לײענער איז געקומען דורך פאַרשײדענע װעגן. און מען װאָלט באמת געקענט אָנשרײבן אינטערעסאַנטע ביכער, טאָקע נאָר בלױז װי יעדער אײנער פון אונדז לײענער איז געקומען צו דער „מאָרגן־פרײהײט".

איך דערמאָן זיך: דער ערשטער קוריאָזער אינצידענט.

איך בין אױף „עלים־אײלענד", אופן אינדזל פון טרערן! מען זאָגט אונדז אָן די בשורה, אַז מיר װעלן דאָ איבערנעכטיקן, אַז מאָרגן קומען אונדזערע אײגענע אונדז אַראָפּנעמען. מען גיט אונדז אין אַ פּאַפּירן סערװעטקעלע אײנגעװיקלט צװײ שטיקלעך ברױט. צװישן

די צוויי שטיקלעך ברויט ליגט עפּעס אַ געל, גלאַטיק שטיקל עפּנוואַרג. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז עס הייסט אַ „קעז־סענדוויטש". מען גיט אונדז אויך אַ פּרוכט מיטן נאָמען „באַנאַנע". די פּרוי וואָס טיילט אוים דאָס עסן ווייזט אונדז ווי אַזוי מען עסט אַזאַ פּרוכט, ווייל די מערסטע פון אונדז האָבן געדרייט די פּרוכט אויף אַלע זייטן און ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין וואָס צו טאָן מיט איר, ביז די באַדי־נערין האָט געגעבן אַ שייל אָפּ די דיקע לעדערנע שאָלעכץ, און זי האָט געטאָן אַ שטעק אַריין אירע ציין אין דער אויסטערלישער באַנאַנע, אַזש די סליונע האָט אָנגעהויבן רינען פון אונדזערע הונגע־ריקע מיילער. איך עס אָפּ דעם „סענדוויטש" און פאַרטרינק מיט אַ זיסער גלאָז טיי. איך שאַר זיך אומבאַמערקט אַרוים אינדרויסן צו כאַפּן אַ קוק אויפן נישט־ווייטן ניו־יאָרק.

ס׳איז פאַרנאַכטלעך. די זון האַלט זיך אין באַהאַלטן. פּלוצלונג האָבן זיך געגעבן אַ צינד אָן טויזנטער שטערן. צווייערליי שטערן: שטערן אויפן הימל, און שטערן עלעקטרישע אויף די בייגאַכטיק־שוואַרצע, אָזונטדיק־בלינדע, הויכע הימל־קראַצערס. איך שטיי מיטן נעזל צוגעפּלעטשט צו דעם דראַטענעם פּאַרקן און קען ניט אָפּרייסן די אויגן פונעם צויבער־בילד. די זון האַלט אין פאַרגיין. די פאַר־גייענדיקע זון צעשיקט פּרעכטיקע, פינקלענדיקע שפּיגלען, אין וועלכע עס טויכן טויזנטער זונען, וואָס שפּריצן מיט סודותדיקע שטראַלן. און אָט דערזע איך פון דער ווייטנס אָן אויפשריפט, וואָס ווינקט אַראָפּ פון הימל. לייענען דאָס שילד איז אוממעגלעך, ווייל עס איז אַזוי ווייט; אָבער איך שטיי אַ פאַרגאַפטע און קען ניט פאַר־שטיין ווי אַזוי האָט מען אַ שילד געקאָנט אויפהענגען אויפן הימל?! אויף וואָס האַלט עס זיך? ווי אַזוי האָט מען עס צוגעשפּיליעט צום הימל? איך שטיי אַ באַצויבערטע און פאַרליר זיך אין חלומות פון אַ ניי לעבן, וואָס וואַרט אויף מיר אויף יענער זייט שטאַכעטן...

ביז מען רופט מיך אַריין. מען באַלייגט אונדז אין די שמאָלע בעטלעך, אפשר צוואַנציק צוויי־גאָרנדיקע בעטלעך אין איין צימער, ווי אין אַ סאָלדאַטסקער קאַזאַרמע. איך קריך אַרונטער אונטער דער

קאַלדרע און אַ זיסער שלאָף וויקלט איין דעם אַרום אין אַ צויבער־מעשה פון טויזנט און איין נאַכט...

דער צווייטער עפּיזאָד. אויף מאָרגן; ס'איז גאַנץ פרי. איך עפן די אויגן. אַלע ליגן נאָך איבערגעדעקטע אין זייערע בעטן. פון צווייטן צימער הערן זיך שוין מענטשלעכע באַוועגונגען. איך כאַפּ אַרויף מיין קליידל און שפּרינג לייכט און גרינג, שטיל אַראָפּ פון צוויי־גאָרנ־דיקן בעטל. איך גיי צו צו דער פאַרמאַכטער טיר און קוק אַרוים דורך אַ שפּאַרונע. אין צווייטן צימער פאָרען זיך שוין די אָנגעשטעל־טע ביי זייערע טישן. און איך דערזע דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן אַ שוואַרץ־הויטיקן מענטשן. אין דער געאָגראַפיע האָב איך געלערנט, אַז עס זיינען דאָ פיר מענטשלעכע ראַסן: ווייסע, שוואַרצע, געלע און רויטע. אָבער איך האָב קיינמאָל זיי ניט געזען. איך ריר זיך ניט פון אָרט. איך וואַרט ביז אַנדערע קריכן אַרויס פון די בעטן. איך רוף צו מיין קליין נייַן־יאָריק ברודערל, אַ געפּאַקט, פּוכקע אינגל מיט אַ שוואַרץ־געקרייזלטן קעפּל און מיט אומרואיקע, שפּרינגענדיקע אויגעלעך. איך ווייז אים אָן אויפן שוואַרצן מענטשן. ער צעשפּרייט זיינע אויגעלעך פול מיט שטוינונג, און איידער וואָס־ווען גיט ער אַ צעשפּראַל די טיר, לויפט צו ווי אַ וויכער צום שוואַרצן מענטשן. טוט אַ באַנעץ אַ פינגער אויף זיין צונג און פּרובירט אָפּוואַשן דאָס שוואַרצקייט פון שוואַרצנס האַנט. דער שוואַרצער מענטש טוט אים אַ גלעט איבערן קעפּל און צעשמייכלט זיך מיט אַ מויל ווייסע, פּערל־דיקע ציין. איך שפּרינג צו צום ברודערל און שלעפּ אים צוריק אַריין אין שלאָפצימער.

אין שלאָפצימער האָט זיך אָנגעהויבן רודערן. איינער וואַשט זיך אַרום, אַ צווייטער קעמט די האָר, און עס שטייט אינדערלופטן אַ גראַגעריי מיט צענדליקער שטימען מיט אַמאָל. מען גרייט זיך צום פרישטיק און צום אויפנעמען די געשעענישן פון טאָג. אַ סך פון אונדז גרייטן זיך צו באַגעגענען די קרובים, וואָס וועלן אונדז אַראָפּ־נעמען פון אינדזל. און אָט רופט מען טאַקע אונדזער נאָמען.

און עס קומט אַ משפּחה פון צוויי שוועסטער און איין ברודער

אראָפּנעמען די גרינע. מיר, די גרינע, באַשטייען פון פיר פּאַרשוין. אַ פאָטער אין די פופציקער מיט דריי קינדער. דער טאַטע, אַן אָרטאָ־דאָקסיש־גלויביקער מיט אַ לאַנגער, האַלב־גרויער באָרד מיט פּאות. דער טאַטע, אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, כאַפּט זיך אַרום מיט מיינע צוויי עלטערע שוועסטער און ברודער, וואָס האָבן אונדז אַרויסגענומען קיין אַמעריקע.

מילא, דער פּראָצעס פון קומען איז גאָר אַ באַזונדער קאַפּיטל פון טויזנט־און־איין־נאַכט. אָבער דאָ, אויפן אינדזל פון טרערן שטייט אַ קופּקעלע מענטשן און קענען זיך גענוג נישט אָנזעטיקן איינער מיטן צווייטן. איך, אַ יונגינקע, מיט רויטע בעקלעך, מיט אַ גלאַנצנדיק, לאַנג, שוואַרץ צעפּל, שטיי אַביסל פון דער ווייטנס און באַטראַכט די שוועסטער און ברודער. איך געדענק זיי גאָר אינגאַנצן נישט. זיי קוקן אויס צו מיר ווי פרעמדע מענטשן. ספּעציעל ציט צו מיין אויפמערקזאַמקייט די שוועסטער, וואָס טראָגט דעם נאָמען שרה. אַ הויכע, אַ געפּאַקטע, מיט צוויי ברענענדיקע שוואַרצע אויגן. נאָר עפּעס האַלט זי אין איין מאַכן מיט די ליפּן. איך רוק זיך צו צום טאַטן און הויב אים אָן שלעפּן פאַר אַ פּאָלע:

„טאַטע", זאָג איך צו אים, „טאַטע, גיב נאָר אַ קוק. די שוועס־טער שרה איז קראַנק! קוק ווי זי האַלט אין איין מאַכן מיט די ליפּן. זי מעלה־גירא'ט ווי אַ קו, טאַטע."

דער טאַטע וואַרפט אַ בליק אויף זיין טאָכטער שרהן. און יאָ, טאַקע, ס'איז אַזוי ווי איך זאָג. דער טאַטע גייט צו צום זון יאָסל. דער זון יאָסל איז פון מיטלען וואוקס מיט אַ גרויסן פליך אויפן קאָפּ; קליינע באַברילטע אויגעלעך און אַ שאַרפע, גלאַנציקע נאָז. און דער טאַטע פרעגט מיט פּחד אין קול:

„יאָסל", זאָגט ער, „זאָג דעם אמת, יאָסל, וואָס איז מיט שרהן? פאַרלייקן נישט קיין זאַך, יאָסל, פון וואָס באַשטייט שרהס קרענק?"

יאָסל קוקט תמעוואַטע און פאַרשטייט נישט די פראַגע.

„פאַרוואָס דענקסטו אַז שרה איז קראַנק?" ענטפערט יאָסל מיט אַ פראַגע אויף אַ פראַגע."

„סטייטש?" רעדט דער טאַטע, מיט קריוודע אין קול. „גיב נאָר אַ קוק ווי זי מעלה־גיראַט ווי אַ קו די גאַנצע צייט."

יאָסל פּירט אַריבער זיין בליק אויף דער שוועסטער שרהן און שיסט אוים מיט אַ הילכיקן געלעכטער:

„שרה, שרה", פֿאַרכלינעט ער זיך מיט געלעכטער, „קום אַהער, קום אַהער, שרה, דערקלער דעם טאַטן פֿאַרוואָס די קייעסט די גאַנצע צייט. ער דענקט אַז דו ביסט קראַנק!"

אַלע אַמעריקאַנער קרובים, וואָס שטייען אַרום, שיסן אוים אין אַ קלינגענדיקן געלעכטער. די שוועסטער שרה עפֿנט דאָס מויל און ציט אַרויס אַ לאַנגן גומענעם פּאָדעם, אַזאַ מין זיסע, שמעקעדיקע קיי־גומע. איך, אַ פֿאַרשעמטע, שטיי און באַהאַלט זיך אונטער דעם טאַטנס פּלייצע.

מען כאַפּט אויף גיך איבער אַ פֿרישטיק. מען צעשרייבט זיך ביים טיש. עס גליטשט זיך צו אַ קליין דאַמף־שיפֿל און מען פֿירט אונדז אַריבער דעם אויסגוס, וואָס טיילט אָפּ דעם „אינדזל פֿון טרערן", אויף וועלכן עס שטייט די צוויבער־פֿיגור: די סטאַטוע פֿון פֿרייהייט פֿון דער גרויסער שטאָט ניו־יאָרק.

מיר שטייגן אַראָפּ אויפֿן ניו־יאָרקישן באָדן. מיינע אויגן זוכן נאָך דאָס פֿינקלדיקע שילד. איך וויל נאָך אַלץ דערגיין דעם וואונדער און סוד, ווי אַזוי מען האָט עס צוגעטשעפּעט צום הימל. אָבער איך שעם זיך צו פֿרעגן, אַז מען זאָל ווידער ניט לאַכן פֿון מיר.

מיר שפּאַרן זיך אַריין מיט די שטרויענע קאַרזינעס אין אַ באַן, וואָס פֿירט אונדז אַוועק קיין „ניו־דזשוירזי" שטאָט, אין אַ שטעטעלע וואָס הייסט „קעמדען". דאָ ווערט די גרינע משפּחה צעטיילט: דער טאַטע מיטן ברודערל שטעלן זיך אָפּ ביים ברודער יאָסל און איך מיט מיין עלטערער שוועסטערל היה־לאה בלייבן ביי דער גומע־קייענדיקער שוועסטער שרה.

און אָט טאַקע דאָ אין הויז פֿון מיין שוועסטער שרהן געשעט דער טשיקאַווער עפּיזאָד, דער גליקלעכער צופֿאַל: דער שידוך צווישן

מיר און דער „פרייהייט". ניט חלילה ווייל מיין שוועסטער שרה האָט געלייענט די „פרייהייט" — פונקט פאַרקערט...

מען פירט אַריין די גרינע צווי שוועסטערלעך אין הויז. פריער גייען מיר דורך אַ קלייטל מיט האַלב־לײדיקע פּאָליצעס. אין דעם קלייטל פאַרקויפט מען צוקערקעס, „מאַראָזשענע" (אייז־קרים), ציגאַרן, סיגאַרעטן און נאָך אַ פּאָר קלייניקייטן. פון קלייטל שפּאַנען מיר אַריין אין אַ פירעקיקן, אינגאַנצן ליידיקן צימער. בלויז איין פּאַרוסינעווע, אײפּשטעל־בעטל שטייט אין אַ ווינקל פאַר׳יתומ׳ט. אויפן הוילן דיל שפּילן זיך דריי האַלב־נאַקעטע קינדער, אין עלטער פון זעקס חדשים ביז דריי און אַ האַלב יאָר. אין צווייטן קלענערן צימער שטייט אַ קוילן־ברענענדיקער, טשוהונענער אויוון, און אַ גרויסער קײלעכדיקער טיש מיט פיר בענקלעך. פון ווינקל פון קיך פירן טרעפּ אויפן צווייטן גאָרן, וואו, ווי מען זאָגט אונדז, עס געפינען זיך די שלאָפצימערן.

אָט דאָס איז געווען דער „פּאַלאַץ" פון מיין גומע־קײענדיקער שוועסטער שרה. אויף דער פראַגע, וואָס איז דאָס פאַר אַ קלייטל? איז דער ענטפער געווען, אַז אַזוי ווי מיין שוואָגער, אַ פּרעסער ביי מענער־קליידער, איז שוין דעם צווייטן חודש אין אַ סטרייק — דער סטרייק איז פאַר העכערע שכירות — האָט די שוועסטער פאַרוואַנדלט איינעם פון די ליידיקע צימערן אין אַ „קענדי־סטאָרקע" (אַ קלייטל) צו העלפן האַדעווען די משפּחה.

פלוצלונג הויבן זיך אָן אַריינשטעלן ווייטע קרובים זיך צו באַ־קענען מיט אונדז נײ־אָנגעקומענע. איינע אַזאַ קרובה דריקט מיר די האַנט און שטעלט מיר אַ פראַגע אויף ענגליש. די פראַגע באַ־שטייט פון איין וואָרט: „האַוואַיו?" און איך הער מיין שוועסטערס קול: „סעידעניו, וואָס רעדסטו צו איר ענגליש? זי וועט דאָך מיינען אַז דו רופסט זי צו אַ לוויה!"

מען צעשמייכלט זיך און דער געשפּרעך גייט אַריבער אויפן סטרייק. דאָ נעמט מיין שוואָגער אַרויס אַ צייטונג פון זיין קעשענע און הויבט אָן לייענען. איך שטעל אָן מויל און אויערן. איך פאַרשטיי

ניט קיין וואָרט. ערשטנס, איז די שפּראַך אַזאַ מין געמיש פון ענגליש און אידיש. צווייטנס, עפּעס רעדט זיך דאָרט וועגן אַ שפּאַלטונג אין דער נאָדל־פּאַך יוניאָן: וועגן לינקע און רעכטע, וואָס רייסן זיך אַרום דעם סטרייק. דער שרייבער פון אַט די אַלע באַשרייבונגען וואַרפט פעד־אין־שוועבל עפּעס אויף אַן אַנדער צייטונג מיטן נאָמען „פריי־הייט". און אַז אָט די „פרייהייט" האָט געשטיצט דעם סטרייק. אָט דער שרייבער האָט געזאָגט נבואות, אַז די אַנדערע צייטונג, די „פרייהייט", וועט לעבן פון אסתר־תענית ביז פּורים. איך פאַרשטיי ניט קיין וואָרט, און איך שעם זיך צו שטעלן פראַגעס. איך האָב אַלץ מורא, אַז איך וועל זאָגן עפּעס אַזוינס וואָס וועט אַרויסרופן געלעכטער.

די קרובים זיצן ניט לאַנג, ווייל מיר זיינען אַלע שטאַרק מיד פון וועג. מען געזעגנט זיך. ווען מען הייסט מיר גיין שלאָפן, בעט איך די דערלויבעניש דורכצוקוקן די צייטונג.

איך לייען איבער דעם נאָמען פון דער צייטונג, וואָס הייסט „פאָרווערטס". איך שטעל זיך אָפּ אויף אַ מעשהלע „צוויי חברטעס". איך געדענק ניט דעם נאָמען פון דעם שרייבער. דער סיפּור־המעשה האָט זיך מיר אָבער איינגעקריצט אין זכרון. אין קורצן: די צוויי חברטעס, איינע אַ שיינע, אַ צווייטע אַ מיאוסע, האָבן קאָנקורירט איבער דער אויפמערקזאַמקייט פון איין בחור. און ווי די שיינע האָט זיך בכיוון געחברט מיט אַ מיאוסער כדי זי זאָל זיין די געווינערין מיט איר שיין פּנימל.

איבערלייענענדיק די מעשה האָב איך מיט כעס אַ שליידער געטאָן די צייטונג און געזאָגט צו זיך: „פע! פאַרוואָס לייגט דער שרייבער אַזויפיל געוויכט אויף דעם אויסערלעכן אויסזען פון מענטשן און ער פאַרקוקט די נשמה פון מענטשן?" און איך באַשליס, אַז אַזאַ צייטונג, וואָס האָט אַזאַ נידעריקן מצב פון מענטשלעכקייט, מוז זיין די ערגערע צייטונג פון דער צווייטער, וועגן וועלכער זי שרייבט מיט אַזוי פיל גאַל. און איך באַשליס, למען־השם צו קריגן די צווייטע צייטונג, וואָס האָט געשטיצט דעם סטרייק פון די נאָדל־אַרבעטער; דער סטרייק וואָס וועט העלפן מיין שוועסטער שרהן אין דער פּרנסה,

אז זי זאָל קענען קויפן אַ פּאָר שטיקלעך מעבל פאַר איר לײדיקן חדר.
און אָט מיט דעם ליכטיקן געדאַנק בין איך איינגעשלאָפן די ערשטע נאַכט אין דעם גאָלדענעם לאַנד אַמעריקע.

דאָס בלומען־טעפּל

שוין דריי יאָר אַז מערי, די מולאַטקע, וואוינט צווישן ווייסע. דזשאָו, איר מאַן, איז געווען אַזאַ הויכער, ברייט־ביינערדיקער יונג. געהאַט אַ פול מויל בלענדענדיקע ווייסע ציין. געווען שטאַרק ווי אַ ריז. הערקולעס האָט מען אים גערופן. געמיינט, אַז קיין לעבנס־שטורעם וועט אים ניט אומוואַרפן. איז געקומען דער מלאך־המות און אים אַראָפּגעשליידערט פון דער בריק, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין בויען.

איז געבליבן מערי מיט אַ פינף־יאָריקער נענסין אויף די הענט. די ערשטע דריי יאָר האָט זי געלעבט אויף די צוואַנציק דאָלער אַ וואָך וואָס די קאָמפּאַניע האָט לויטן געזעץ איר געמוזט צאָלן. און ווען ס'האָט ניט געסטייעט, האָט זי פון צייט־צו־צייט צוגעאַרבעט. נאָך די דריי יאָר האָט מערי געמוזט אויפגעבן די דריי באַקוועמע צימערן, וועלכע האָבן זיך געפונען צווישן איריקע, און זוכן אַ ביליקערע מקום־מנוחה. זי האָט זיך אַריינגעצויגן אין אַ קעלער־צימער אונטער אַ קלייט און פון הינטערטייל פון די הייזער, אין אַ גאַס וואו אירע מערסט־ווייסע, העכט־יענקישע באַלעבאַטעס האָבן געוואוינט. מיט איין זאַך איז מערין געווען בעסער: אין דער פריערדיקער דירה איז דאָס באַלייכ־טונג באַשטאַנען פון אַ קעראָסין־לעמפּל, און דאָ, ווען ס'איז געקומען דער אָוונט, האָט זי נאָך געקענט זיצן ביים ליכט פון עלעקטרישן לעמפּל און איבערנייען אַן אַלט קליידל פאַר איר נענסין.

פלעגן ווייסע פרויען וואַרפן בייזע בליקן אויף מערין: אַ חוצפּה פון אַ שוואַרצער! שיקט איר „ניגער־קינד" אין שול צווישן ווייסע! זאָגן מאַמעס אַן זייערע קינדער: זיך ניט שפּילן מיט דער „ניגערטע"!

כאָטש דזשאָו און מערי זיינען פיזיש געווען געזונטע און שטאַרקע מענטשן, איז נענסי דאָך קליין־געוויקסיק, אַ דאַר און שוואַך קינד אויסגעוואַקסן. גייענדיק אין שול, פלעגן אירע דאַרע פיסעלעך, ווי פון אַ פייגעלע, קוים באַרירן די שטיינער פון גאַס.

אָבער אין שול איז נענסי זייער פלייסיק געווען. די לערערין פלעגט אַמאָל, קיינער זאָל ניט באַמערקן, איר אַ גלעט געבן איבערן קעפּל. צייטנווייז פלעגן קינדער פאַרגעסן אין דער מאַמעס אָנזאָג — זיך ניט צו שפּילן מיט דער „ניגערטע" — און איר שענקען אַ בילדל אויסגעשניטן פון די ביכלעך, וואָס זייערע מאַמעס פלעגן זיי קויפן.

קומט נענסי אַהיים און האָט זיך ניט מיט וועמען צו שפּילן. זיצט זי שטונדן לאַנג, נאָך דעם ווי זי פלעגט פאַרטיק ווערן מיט די „לעסאַנס" (לעקציעס), מיט אירע גרויסע, שוואַרצע און טרויעריקע אויגן אָנגעשטעלט אויף די שטומע ווענט פון די הינטער־הייזער. ווי שפּיזן לעכערן אירע אויגן דורך די ווענט און זעען פון דער וויטנס די ברייטע סטעפּעס, סטעפּעס פון איר מאַמעס לאַנד — אַפריקע, וועגן וועלכן די מאַמע פלעגט איר אַזוי אָפט דערציילן, און אירע אויגן ווערן נאָך טיפער און טרויעריקער.

אַט אַזוי פליסט זייער לעבן אָן שום אויסערגעוויינלעכע שטערונגען. מערי אַרבעט שטענדיק איבער די כּוחות צו קענען געבן אַלע מאָגערע באַדערפעניש, אין וועלכע נענסי און מערי נויטיקן זיך. מערים אויסגעהאָרעוועטע הענט, נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, פלעגן קיינמאָל מיד ניט זיין אויסצוואַשן אַ קליידל פאַר נענסין, צו שיקן זי אַ ציכטיקע אין שול.

ביסלעכווייז האָבן די בייזע בליקן פון די ווייסע אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן. ריידן ווייבער צווישן זיך: „מערים פאָטער איז דאָך אַ ווייסער געווען", און עס שפּירט זיך, אַז ניט די ריינע מענטשלעכע געפילן ריידן פון זיי אַרויס, נאָר ווייל זיי פילן זייער באַקוועם צו האָבן

מערין תמיד צו דער האַנט, ווען זייערע צעפּעסטשעטע גופים פּוילן זיך עפּעס צו טאָן.

טרעפט, אַז אפילו מערים שטאַרקע מוסקולן האָבן ניט געקאָנט אויסשטיין די שווערע, איבערמענטשלעכע, אָנגעשטרענגטע אַרבעט, און זי האָט צוזאַמענגעבראָכן. ליגט מערי אין פינצטערן צימער און שטיקט אין זיך דעם ווייטיק: „וואָס וועט זיין דער סוף? קיין אָפּגעשפּאָרטע געלט האָב איך ניט", טראַכט מערי. גייט נענסי ניט איין מאָל אַוועק אַ האַלב-הונגעריקע אין שול אַריין.

שפּאַנט איינמאָל נענסי פון סקול (שול) אַ דערשלאָגענע: „וואו וועט זי נעמען די פּאָר סענט צו קויפן אַ בלומען-טעפּל צו פאַרזייען די פּאָר פּאַסאָליעס, וואָס די לערערין האָט איר געגעבן נאָך דער לעקציע פון באָטאַניק." שפּאַנט נענסי אַזוי פאַרטראַכט און האָט ניט באַמערקט ווי זי האָט פאַרבלאָנדזשעט אין אַ פרעמדער גאַס. דערזעט נענסי אַ ווייס הויז. אויף דעם ווייס-אויסגעקאַלעכטן גאַנעק שטייען אָן אַ שיער טעפּלעך מיט בלומען. בלייבט נענסי שטיין אַ צוגעשמידטע און טראַכט קינדיש-נאַאיוו: „אָט דאָס קליינע טעפּל, וואָס שטייט ביים סאַמע עק פון די טרעפּ, וואָלט געווען פונקט גענוג פאַר מיינע פּאַסאָליעס. אַזויפיל טעפּלעך!... מען וועט ניט באַמערקן. און ווען די מאַמע וועט געזונט ווערן, וועל איך קויפן אַ ניי טעפּל און וועל דאָס אָפּגעבן." און ניט פאַרשטייענדיק די געפאַר, לאָזט זי זיך צום טעפּל.

אַ פלוצימדיקער אויסגעשריי פון אַ קוויטשענדיק קול: „פּאָליס! העלפּ!" האָט נענסין אויפגעטרייסלט. נענסי האָט פלוצלונג דערזען אַ צעשוואומענעם פרויען-קערפּער, מיט גרויסע אַראָפּהענגענדיקע בריסטן און מיט אַ גראָבן, אַרויסשטאַרטשענדיקן בויך. נענסי האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אין דער געפאַר. נענסים פיסלעך זיינען געשטאַנען ווי צוגעקאָוועטע צום פּלאַץ און זי האָט ניט געקאָנט אָפּרייסן אירע אויגן פון דער קוויטשענדיקער פרוי.

אין דער זעלבער מינוט האָט זיך באַוויזן אַ געזונט-היטער. דורכוואַרפנדיק זיך מיט דער פרוי מיט אַ פּאָר ווערטער, פון וועלכע

נענסי האָט בלויז געהערט: „ליטל ניגער טהיף״ (די קליינע נעגער־גנבטע) און „קאַרעקשאַן־האַוז״ (הויז פאַר גנבים)... שלעפּט דער פּאָליציימאַן די וויינענדיקע נענסין נאָך זיך. הערט זיך ניט צו צו אירע בעטנדיקע, ווייגענדיקע אויסגעשרייען: „פיר מיך צו מיין מאַמען,״ שלעפּט זי און קוועטשט אומרחמנותדיק דאָס דאַרע, צאַרט הענטל.

דערווייל ליגט מערי מיט אַ טרוקענעם האַלדז. דער הויכער פּיבער ברענט און אַלע אירע גלידער טוען איר ווי. זי וואַרט אַז נענסי זאָל שוין אַריינקומען און איר דערלאַנגען אַביסל וואַסער צו לעשן דעם אומדערטרעגלעכן דורשט. די שעה נאָך שול איז שוין לאַנג פאַריבער. וואַרט זי אַ שעה און צוויי און נענסי קומט ניט. קוקט מערי אַן אומרואיקע דורכן נידעריקן פענצטער: צי שפּילט זיך ניט נענסי אינדרויסן? אָבער אַ חוץ די קעלער־גראַטעס פון אַנט־קעגנאיבער דער גאַס, זעט זי גאָרניט.

דער טאָג האָט אָנגעהויבן צאַנקען. דער לעצטער זון־שטראַל, וואָס האָט געוואָרפן אַ ראָזעווען אָפּשיין אויף איר נידעריקן פענצטער, האָט אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן. שטייגט מערים אומרו מיט דער פינצטערניש צוגלייך. שלעפּט זיך מערי אַראָפּ פונעם אייזערנעם בעטל און ראַטשקעט זיך אויף אַלע פיר ביז זי דערשלעפּט זיך צו דער טיר. שטופּט מערי אָפּ מיט אַלע כוחות די טיר און שלוכצט אין דער נאַכט אַריין:

„נענסי, קינד מיינס, וואו ביסטו?״

ווערן שלוכצן שטילער, שטילער. כאַפּט זיי אויף דער ווינט און צעטראָגט זיי אינעם ווייטן פינצטערן רוים. אָט זעט מערי, ווי נענסי קומט פונדערווייטנס. מיט דעם נאַכטיקן ווינטל, וואָס שפּילט זיך מיט מערים פייכטע פון אַנגסטן האָר.

„ניין, דאָס איז ניט דאָס ווינטל. דאָס זיינען נענסים קליינע, צערטלעכע הענטלעך.״ זעען די פיבערדיקע אויגן דאָס, וואָס מוטערס האַרץ באַגערט. ווערן מוטערס שלוכצן איינגעשטילט אונטערן צאַרטן גלעטן פונעם ווינטל. מיט די לעצטע ווערטער: „קינד מיינס,

דו ביסט דאָ!" ווערט דער לעצטער אָטעם אויסגעהויכט פון דער מוטערס ברוסט...

בלויז דאָס ווינטל וועט לאַנג נאָך האָבן צו דערציילן שוידער־מעשיות פאַר די קומענדיקע דורות, ווי ס'האָט זיך פאַר אַ קינד געדאַרפט פאַרשטעלן צו פאַרמאַכן די אויגן פון אַ שוואַרצער, קראַנקער מאַמען — פון אַ דאָפּלט־אונטערדריקטער...

אויף מאָרגן האָט אַ פענצטער־שילד „צו פאַרדינגען" אויסגעמעקט די לעצטע שפּורן פון אַ מענטשנס לעבן!...

דער פינפטער דור

(אַ פאַנטאַזיע)

ברוך איינשטיין, דער פינפטער, גרייט זיך צו דער „קאָסמאָס"־קאָנפערענץ, וואָס קומט פאָר אויפן שטערן „מאַרס".

ברוך שטייט ביים טיש. אויפן טיש שטייט דאָס רענצל אין וועלכן ער לייגט אַריין אַלע קלענערע זאַכן, וועלכע ער דאַרף מיטנעמען אויף אַזאַ לאַנגער און ווייטער נסיעה... אין האַנט האַלט ער דאָס צעטל פון אַלץ וואָס ער מיט ליליען, זיין פרוי, האָבן צוזאַמענגעשטעלט און אויסגעשריבן. און כדי ניט צו פאַרגעסן קיין איין וויכטיקע זאַך, גייט ער פון שורה צו שורה און צייכנט מיט אַ בלייפעדער אָפּ, וואָס איז שוין אין רענצל אַריינגעלייגט געוואָרן און וואָס מען דאַרף נאָך אַריינלייגן.

דאָס הויז איז אָנגעפילט מיט די געוויינלעכע שטוב־קלאַנגען, וואָס דערגרייכן צו זיין סענסיטיוון אויער. פון דער ראַדיאָ דערטראָגן

זיך צו אים די קלאַנגען פון קליװלאַנדער סימפאָנישן אָרקעסטער, װאָס שפּילט איצט טשײקאָװסקיס צװיבער־סימפאָניע פון 1812. די מוזיק װיגט זיך זײער שטיל און שטערט אים ניט אָנצופירן אַ שטילן געשפּרעך צװישן זיך און ליליען זײן פרױ.

פון קינדערשן צימער הערט מען די צאַרטע, מעלאָדישע שטימעלעך פון זײערע צװײ קינדער, װאָס זיצן און גרײטן זײער שול היים־אַרבעט. מען הערט װי זײ בײטן זיך איבער פון צײט־צו־צײט מיט אַ פראַגע און ענטפער.

עס איז פריער אָװנט. ערשט נאָך אָװנט־ברױט. פון קיך קומען געשיר־קלאַנגען און דאָס צאַפּן פון װאַסער, װאו די צײטװײליקע הױז־װירטן ראַמט אָװעק דאָס געשיר פון אָװנט־מאָלצײט.

די צימערן זײנען באַלױכטן מיט אַ מאַטאָװן שטראָם פון ליכט, װאָס פלײצט פון אַלע פיר װינקלען פון אונטערן סופיט.

ליליען אַ קלײן־געװיקסיקע, נאָר אַ שלאַנקע, באַװעגט זיך װי אַ שטאָלטנע פאַװע. גראַציעז און בױגעװדיק שװימט זי פון אײן צימער אין צװײטן און ברענגט צוטראָגן אַלע מכשירים, װעלכע ברוך לײענט אַרױס פון צעטל. זי װײסט גענױ װאו יעדע זאַך געפינט זיך. און אײדער ברוך ענדיקט נאָך לײענען, שטײט זי שױן גרײט אָט מיט אײן זאַך און אָט מיט אַן אַנדער זאַך. ברוך דאַנקט איר אָפּ מיט די אױגן און מיט אַ צופרידענעם ליבלעכן שמײכל:

„איז װאָס דאַרף איך דיר איצט ברענגען?" פרעגט ליליען.

ברוך װאַרפט אױף איר אַ גלעטנדיקן בליק. ער פירט אַריבער זײנע אױגן צוריק צום נעקסטן נומער אױפן צעטל און: „דערלאַנג מיר דעם אַלבאָם פון די בילדער פון אונדזער הױז און גאָרטן."

עס דערהערן זיך טױב־פאַרדומפטע קלאַנגען פון פיס־טריט פון אױפן דאַך. דאָס זײנען די פיס־טריט פון די צװײ טעכניקער, װעלכע ברוך האָט אײנגעלאַדן דורכצוקאָנטראָלירן דעם עראָפּלאַן, װאָס װעט אים אָפּפירן צום „קעיפּ־קענעדי" פלי־פעלד. דאָרט אױפן „קעיפּ־קענעדי" פלי־פעלד װאַרט שױן אױף אים דער סאַטעליט, „װענוס־50",

וואָס וועט אים פירן צום שטערן „מאַרס“. דער סאַטעליט איז באַשטימט געוואָרן אָפּצורייסן זיך פון דער ערד־אַטמאָספערע פונקט צוויי ביינאַכט. לויט אַ גענויען חשבון דאַרף דער סאַטעליט פינקטלעך אָנקומען צו דער קאָסמאָס־קאָנפערענץ, וואָס קומט פאָר אויפן שטערן „מאַרס“, פאַר קאָנטראָלירן אַטאָמישע ענערגיע פאַרן ציווילן געברויך.

ער, ברוך איינשטיין, איז דער פינפטער דור נאָך אַלבערט איינשטיין (ברוך׳ס עלטער־ עלטער־ עלטער־ עלטער־זיידע, וואָס איז געווען דער ערשטער צו אַנטוויקלען די רעלאַטיוויטעט־טעאָריע), איז ער, ברוך, איינגעלאַדן געוואָרן צו דער „קאָסמאָס־קאָנפערענץ“. ברוך דאַרף ברענגען דעם פּלאַן, לויט וועלכן זיין לאַנד „אַמעריקע“ האָט איינגעאָרדנט די צענטראַלע סטאַנציע פון אַטאָמישער ענערגיע פאַרן ציווילן געברויך. פון אָט דער צענטראַלער סטאַנציע פון אַטאָמישער ענערגיע ווערט דאָס גאַנצע לאַנד באַלויכטן; דורך אָט דער זעלבער סטאַנציע ווערן אַלע אינדוסטריען באַטריבן. דער „בלויער־דרוק־פּלאַן“ ליגט אין ברוך׳ס בוזים־קעשענע, אויסגעשריבן גענוי מיט אַלע דעטאַלן. צו דער „קאָסמאָס־קאָנפערענץ“ ווערט ברוך געשיקט פון דער ערד־פּלאַנעטע. די ערד, אונדזער פּלאַנעטע, אַלס די עלטערע ציוויליזאַציע, איז גרייט זיך צו טיילן מיט דער יונגער ציוויליזאַציע אויף דעם שטערן מאַרס.

איצט מאַכט ברוך איינשטיין די לעצטע צוגרייטונגען פאַרן אָפּפליען. ליליען דערמאָנט אים אָפּצורופן און זיך געזעגענען מיט אַ פּאָר נאָענטע פריינט, וואָס האָבן ניט געקאָנט קומען צום פייערלעכן און אימפּאָזאַנטן אָפּשייד־אָוונט. ווען ליליען דערמאָנט אים דעם אָוונט צערשמייכלט ער זיך:

„געדענקסט, ליליען, וואָס מיין קאָלעגע גאָלדשטיין האָט מיר אָנגעזאָגט? אַז איך זאָל למען־השם ניט פאַרגעסן זיי דאָרטן צו דערציילן, אַז מיר זיינען שוין פון לאַנג פּטור געוואָרן פון „סמאָג“; אַז זינט מיר נוצן אַטאָמישע ענערגיע איז די לופט אַרום דעם גאַנצן ערד־קוגל אַזוי לויטער ווי קרישטאָל.“

„דאָס איז דערפאַר“, פאַרענטפערט ליליען גאָלדשטיינען, „ווייל

ער איז אַריינגעקומען שפּעט און האָט ניט געהערט אַלץ וואָס דו האָסט אויסגערעכנט דאָרט צו דערציילן."

„נו, יאָ, כאַפּט אונטער ברוך: דאָס וואָס מיר האָבן פאַרוואַנדלט גאַנצע שטרעקעס פון מדבר אין בליענדיקע שטעט און מיט דעם געלייזט די פּראָבלעם פון באַפעלקערונג־עקספּלאָזיע. און דאָס וואָס מיר אָפּערירן אַן אויטאָמאָביל אָדער אַ העליקאָפּטער מיט איין טראָפּן פון אַטאָמישער ענערגיע פאַרן גאַנצן לעבן פון דער מאַשין; און דאָס וואָס מיר היילן שוין קענסער מיט דערפאָלג; און דאָס וואָס מיר האָבן אַנטזאַלצן ים־וואַסער; און דאָס, וואָס די פעלקער פון דער וועלט רייסן זיך מער ניט אַרום און לעבן אין פרידן שוין אַריבער פופציק יאָר אונטער סאָציאַליזם."

ליליען טוט אַ קוק אויפן זייגערל און ניט ווילנדיק שלאָגט זי אים איבער:

ס'איז שוין שפּעט, ברוך, און מיר דאַרפן נאָך אַ סך דערליידיקן."

„ביסט גערעכט. אָ, יאָ, וואו האָסטו אַוועקגעלייגט, ליליען דעם אַלבאָם מיט די בילדער פון אונדזער הויז און פון אונדזער גאָרטן?" דאָ דערמאָנט ער זיך, אַז ער דאַרף נאָך נעמען איין בילד פונעם ווינקל פון גאָרטן, וואו עס בליען די חנעוודיקע בלימעלעך, די זון־בעכערלעך, וואָס עפענען זיך ווען די זון גייט אויף און פאַר־מאַכן זיך ווען די זון פאַרגייט, ווי זיי וואָלטן זיך געגרייט שלאָפן גיין. ברוך האָט געשריבן זיין פראַנצויזישן קאָלעגע פיערן, וואָס וואוינט אויפן שטערן מאַרס, אַז ער וועט אים ברענגען און ווייזן ווי עס האָט אים געלונגען, מיט דער הילף פונעם נייעם סינטעטישן נאַרונג־שטאָף צו באַווירקן, אַז די זון־בעכערלעך זיינען אויסגע־וואַקסן צו אַזאַ מאָס, כמעט אַזוי גרויס ווי וואַסער־ליליעס.

ברוך טוט אַ קוועטש אַ קנעפּל און עס עפנט זיך דער פאַרהאַנג פון איבער דער גלעזערנער, ברייטער וואַנט־טיר, וואָס פירט אין גאָרטן אַריין. ער טוט אַ קוועטש אַ צווייט קנעפּל און עס גיט אַ פליי אַ שטראָם פון טאָג־ליכט איבערן גאַנצן גאָרטן. דער גאָרטן האָט ווי דורך כישוף זיך אַ הויב געטאָן, ער איז ווי פון אונטער דער ערד

אַרויסגעשפּרונגען: אויפגעטויכט ווי אַ שיף פון אונטערן וואַסער.

ברוך גייט צו צו דער שאַפע און נעמט אַרויס דאָס פאָטאָ־גראַפישע אַפּאַראַט. ער עפנט דאָס פאָטאָ־קעסטל און גרייט עס אָן צו נעמען אַ בילד.

דאָ דערהערט ער די לויפנדיקע טריט פון די קינדער. עס באַווייזן זיך צוויי נייך־יאָריקע קינדער: אַ אינגעלע און אַ מיידעלע, כמעט אַן ענלעכער צווילינג. ביידע מיט די זעלבע ברוינע אויגן, די זעלבע קורצע נעזלעך, די זעלבע ברוינע טונקעלע האָר און אפילו דער זעלבער שמייכל. און בלויז די קליידער, ווייזן אַז איינס איז אַ אינגל און דאָס צווייטע — אַ מיידל. די קינדער ברענגען אַריין אַ בוך און ביידע ווענדן זיך צום פאָטער מיט אַ בקשה, אָנווייזנדיק מיט די פינגער אינעם בוך:

„טאַטע, דערקלער אונדז די באַדייטונג פון אָט דעם בילדל."

דער פאָטער נעמט דאָס בוך פון די קינדער אין זיינע הענט און קוקט אַריין. איידער ער ענטפערט זיי, טוט ער אַ קוק אויפן טאָוול און לייענט אינדערהייך: „קולטור־געשיכטע פון 20סטן יאָר־הונדערט, אין דער אידישער שפּראַך. ברוך לייענט דאַן איבער דעם אונטערשריפט פונעם בילדל, אויף וועלכן די קינדער האָבן אים אָנגעוויזן:

„דאָס איז אַ פאָטאָסטאַט", זאָגט ברוך צו זיינע צוויי קינדער, „פון אַ קוויטל, וואָס יעדע פאַמיליע פלעגט קריגן חודשלעך צו באַצאָלן פאַר דער עלעקטרישער ליכט, וואָס פלעגט באַלויכטן די היימען פון די מענטשן פון 20סטן יאָרהונדערט."

„באַצאָלן? — פרעגן איבער די קינדער — עס קומט דאָך פון דער 'צענטראַלע' אָן קיינע פאַרפליכטונגען? וואָס מיינט באַצאָלן?"

„אין יענער צייט — זעצט פאָר ברוך — פלעגט דאָס ליכט ניט קומען פון אַזאַ 'צענטראַלע' ווי מיר האָבן איצט אין 21סטן יאָר־הונדערט. אין יענער צייט האָבן אַפּערירט אַזעלכע פּריוואַטע קאָרפּאָ־ראַציעס, וואָס האָבן פאַרכאַפּט אין זייערע הענט די גאַנצע עלעקט־רישע קראַפט פון לאַנד. און ווען אימיצער האָט באַדאַרפט ליכט,

אָדער בכלל עלעקטרישע קראַפט, האָט ער געדאַרפט צאָלן מיט אַזעלכע פּאַפּירלעך. די פּאַפּירלעך זיינען געווען גאָלד־סערטיפיקאַטן און האָבן געהייסן 'געלט'. און בלויז ווען מען האָט באַצאָלט איז דער שטראָם פון ליכט געקומען."

„און וויאַזוי האָבן זיי געוואוסט וויפיל צו צאָלן?" פרעגט דאָס אינגל, וואָס טראָגט דעם נאָמען: דער קליינער אַלבערט.

„אַרום יעדן הויז — זעצט פאָר ברוך — האָט געהאָנגען אויף אַ דרויסנדיקער וואַנט אַזאַ מין זייגער, וואָס האָט געמאָסטן, לויט קילאָוואַטן־קראַפט וויפיל ליכט יעדעס הויז האָט פאַרנוצט. און לויט דעם זייגער האָט מען צו יעדער פאַמיליע אַריינגעשיקט אַן עקוויוואַלאַנט־קוויטל צו באַצאָלן." ברוך מישט איבער אַ בלעטל פון בוך און ווייזט אַן אויף אַ צווייט בילדל:

„און אָט איז אַ קוויטל, קינדער, וואָס די בירגער האָבן דאַן אויך געצאָלט פאַר וואַסער." ער ווייזט די קינדער דאָס בילדל פון צווייטן בלעטל פון בוך.

די קינדער כאַפּן אַ קוק און פרעגן מיט פאַרוואונדערונג:

„פאַר וואַסער באַצאָלן? עס קומט דאָך פון נאַטירלעכע וואַסער־קוואַלן פון דער ערד!? און די ערד באַלאַנגט דאָך צו אַלעמען?!"

„יאָ, קינדערלעך", מישט זיך אַריין די מוטער, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען און שטיל זיך צוגעהערט צום געשפּרעך: „מיר באַלאַנגען צום גליקלעכן דור, וואָס לעבט אין ענדע פון 21סטן יאָרהונדערט, און מיר ווייסן ניט און ליידן שוין ניט פון די איבלען פונעם 20סטן יאָרהונדערט."

ברוך פאַרמאַכט דאָס בוך און רעדט ווייטער צו די קינדער:

„נו, געבוג שוין צו שטודירן היינט. איך וועל באַלד דאַרפן אָפּפליען. איז קומט בעסער העלפט מיר מאַכן די לעצטע צוגרייטונגען. איך דאַרף נאָך נעמען אַ פאָטאָ־בילד פון איין ווינקל פון גאָרטן, דאָרט וואו די זון־בעכערלעך בליען. איז אפשר וואָלסטו, קליינער אַלבערט, און דו, מירעלע, אַרויסגעלאָפן אין גאָרטן און גענומען דאָס פאָטאָ־בילד פון די זון־בעכערלעך?"

די קינדער האָבןביידע מיטאַמאָל אויסגעשטרעקט זייערע הענט צום פּאָטאָ־אַפּאַראַטל, וואָס דער פֿאָטער האָט זיי דערלאַנגט.

דער קליינער אַלבערט, וואָס האָט זיך שטענדיק באַוועגט פֿלינקער ווי מירעלע, האָט אויסגעכאַפּט דאָס פּאָטאָ־קעסטל און ביידע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו דער גלעזערנער טיר. ברוך האָט אַ קוועטש געטאָן אַ קנעפּל און די טיר האָט זיך צערוקט און אַרויס־געלאָזט די לויפֿנדיקע קינדער אין דעם העל־באַלויכטענעם גאָרטן.

דערווייל האָבן ברוך און ליליען פֿאַרגעזעצט דאָס פּאַקעווען פֿונעם לעצטן רענצל.

„איז וואָס זאָל איך דיר איצט דערלאַנגען?" פֿרעגט ליליען.

„דערלאַנג מיר מיין לעצטן בוך: 'דער רענעסאַנס פֿון דער אידישער קולטור אינעם 20סטן יאָרהונדערט'."

„נאָך וואָס דאַרפֿסטו מיטנעמען דאָס בוך?" פֿרעגט ליליען.

„איך האָב וועגן דעם בוך געלאָזט וויסן פֿיערן, און ער בעט מיך צו ברענגען אים די לעצטע אויסגאַבע."

„עס איז דאָך אין דער אידישער שפּראַך?" פֿרעגט ווייטער ליליען, „ער איז ניט קיין איד. ווי אַזוי וועט ער דאָס לייענען?"

„אָ, יאָ, איך האָב דיר פֿאַרגעסן, ליליען, צו ווייזן דעם לעצטן ראַדיאָגראַם אין וועלכן ער לאָזט מיר וויסן, אַז שוין זייט אַ צייט, זינט די 'קאָסמאָס־קאָנפֿערענץ' האַלט זיך אין פֿאָרמירן, אַז ער גרייט צו פֿאַר מיר אַן אנגענעמען סורפּריז; אַז סיי ער, סיי זיין פֿרוי און סיי זיינע צוויי זין סטודענטן נעמען שוין אַ קורס אין דער אידישער שפּראַך, אויף וועלכער איך האָב זיך דערצויגן און געענדיקט מיין וויסן און געקראָגן דעם אַטעסטאַט פֿאַר אינזשענער איבערן קאָנטראָל פֿון אַטאָמישער ענערגיע. ער זאָגט אויך, אַז אויף זיין איניציאַטיוו, נאָך זיין באַריכט צו די אינסטאַנצן פֿון דער קאָנפֿערענץ, אַז איך וועל ברענגען מיין פּלאַן אויף אידיש; האָט דער אוניווערסיטעט, וואו זיינע זין שטודירן, איינגעפֿירט אַ קאַטעדרע צו שטודירן די אידישע שפּראַך. און אַז עס האָבן זיך גלייך רעגיסטרירט אַ גרויסע צאָל סטו־דענטן; ספּעציעל יענע, וועלכע שטודירן מיין ספּעציאַליטעט: קאָנ־

טראָל איבער אַטאָמישער ענערגיע, כדי זיי זאָלן קענען לייענען דעם פּלאַן אין אָריגינאַל. איך האָב פּיערן דערציילט וועגן אינהאַלט פון מיין בוך. ווי אין ענדע פונעם 20סטן יאָרהונדערט האָט זיך צעפּלאַ־קערט אַ פאַרלאַנג — אַ דערוואַכונג ביים אידישן פאָלק אין אַמעריקע און איבער דער וועלט, ווידער אויפצולעבן די אידישע שפּראַך און די אידישע קולטור. און אַז עס האָט אונדז געלונגען אין יעדער גרע־סערער שטאָט צו עפענען אָנפאַנג־שולן, מיטל־שולן און קורסן אין העכערע דערציאונג־אנשטאַלטן, וואו די אידישע יוגנט האָט זיך דערצויגן אויף זייער מאַמע־לשון."

ליליען האָט אַרויסגענומען אַן עקזעמפּליאַר פון בוך פון דעם ביכער־שראַנק און עס דערלאַנגט צו ברוכן.

ברוך נעמט פון אירע הענט דאָס בוך. ער עפנט עס און לייענט פון ערשטן בלעטל. ער מישט די בלעטלעך פון בוך און שטעלט זיך אָפּ אויף איין בילד פון זיין עלטער־עלטער־עלטער־עלטער־עלטער־זיידן. ער באַטראַכט דאָס בילד און לייענט די אויפשריפט:

„געווידמעט מיין פינף־מאָל עלטערזיידן אַלבערט איינשטיין. און זע, ליליען, ווי ענלעך איך בין צו מיין זיידן!"

„יאָ — ענטפערט ליליען: „ווי אַן עפּל צעשפּאָלטן אויף צווייען: דאָס זעלבע פאַרחלומטע פּנים, די זעלבע ליכטיק־ברוינע האָר. ווען איינער פון 20סטן יאָרהונדערט וואָלט אויף דיר אַ קוק געטאָן, וואָלט ער געזאָגט, אַז אַלבערט איינשטיין דער ערשטער איז אויפגעשטאַנען תחית המתים"...

ברוך מישט איבער אַ בלעטל און: „אָט איז דאָס פאָלק־ליד, וואָס מיין עלטער־זיידע האָט אַלע מאָל ליב געהאַט צו ברומען:

„'קום אַהער, דו פילאָסאָף, מיט דיין קעצישן מוח'ל'. אַנו, ליליען, טו נאָר אַ שפּיל דעם ניגון אויף דער פּיאַנאָ."

ליליען גייט צו צו דער פּיאַנאָ, זעצט זיך און הויבט אָן שפּילן די מעלאָדיע:

„וואָס פאַרשטייסטו, פילאָסאָף,
מיט דיין קעצישן מוח'ל?
קום אַהער צום רבינס טיש
און נעם זיך אָן מיט שכל.
טשיריבים־בים־באם

אַ דאַמף־שיף האָט ער אויסגעטראַכט
און נעמט זיך מיט דעם איבער,
דער רבי שפּרייט זיין טיכל אויס
און שפּאַנט דעם ים אַריבער.
טשיריבים־בים־באם

אַן אייזנבאַן האָט ער אויסגעטראַכט
און מיינט אַז ער איז אַ חריף.
דער רבי שפּאָט, דער רבי לאַכט:
ער דאַרף דאָס אויף כּפּרות.
טשיריבים־בים־באם

האָט אויסגעטראַכט אַ לופט־באַלון
און נעמט זיך איבער טאַקע,
נאָר אָט דאָס וואָס דער רבי קען
קענסטו דאָך אַ מכּה!
טשיריבים־בים־באם

צי דען ווייסטו, וואָס דער רבי טראַכט,
בשעת ער זיצט ביחידות?
אין איין מינוט אין הימל פליט,
און עסט גאָר שלוש־סעודות.
טשיריבים־בים־באם

ביידע זינגען דאָס גאַנצע ליד. געענדיקט, האָבן זיי ביידע געמיטלעך פאַרגעזעצט פּאַקעווען, אונטערברומענדיק די מעלאָדיע. דאָס צעטל פון פּאַקעווען האָט זיך אויסגעלאָזט, אויסגעשעפּט. ברוך האָט פאַרמאַכט דאָס רענצל און עס אַוועקגעשטעלט לעבן די אַנדערע, וואָס זיינען געשטאַנען לעבן דער אַרויסגאַנג-טיר.

עס האָט זיך דערהערט אַ קלונג פון טיר-גלעקל. ליליען עפנט די טיר. עס קומען אַריין די צוויי טעכניקער. זיי באַגריסן זיך און רעפּאָרטירן:

„אַלץ איז אין פולקאָמענער אָרדענונג", ווענדן זיי זיך צו ברוכן. „דער פּילאָט איז ערשט צוגעפאָרן צום הויז. ער וואַרט אויף אייך לעבן עראָפּלאַן."

ליליען רופט אַריין די קינדער פונעם גאָרטן, נעמט פון זיי דאָס פּאַטאַ־קעסטל. זי געזעגנט זיך מיט די קינדער.

ברוך הויבט אויף מירעלען און טוט זי אַ קוש. ער בויגט זיך אָן צום קליינעם אַלבערט, נעמט אים שטאַרק אַרום און טוט אים אַ קוש.

ליליען קוקט מיט ליבע אויף דער געזעגענונג-סצענע און איר פּנים שטראַלט מיט פאַרגעניגן און צופרידנהייט.

„ווער וועט אונדז העלפן מיט אונדזער היים-אַרבעט?" איז מירעלע אַרויסגעשפּרונגען.

„זאָרגט זיך ניט, קינדער, מיר האָבן אייך צוגעזאָגט איינצולאַדן דעם ווידן איינשטיין־דעם-פעטן און די באָבע. זיי קומען מאָרגן אַזוי שנעל ווי זיי וועלן מיך אַרויסבאַגלייטן פונעם „קעיפּ קענעדי" לופט-פעלד, פון וואַנען דער סאַטעליט ציט אָפּ. זיי וועלן דאָ זיין מיט אייך ביז די מאַמע וועט אַהיים־קומען."

„און איך", טרייסט זי די מאַמע, „איך וועל בלויז זיין אַכט טעג אין מיאַמי, פלאָרידאַ. דאַן וועל איך אייך העלפן מיט אייער אַרבעט."

ליליען האָט אָנגעטאָן אַ לייכטן מאַנטל. זי האָט אויפגעהויבן דאָס לעצטע, קלענסטע רענצל און דאָס אַרויסגענומען אויפן דאַך צום עראָפּלאַן. די קינדער זיינען ביידע נאָכגעגאַנגען נאָך די עלטערן.

די צוויי טעכניקער האָבן געהאָלפן ברוכן אַרויסטראָגן די שווערערע טשעמאָדאַנעס. זיי זיינען אַלע אַרויף אויפן דאַך.

דער לאָס אַנדזשעלעסער, פרילינגדיקער הימל איז געווען אַן אויסגעשטערנטער. דער הימל, ווי אַן איבערגעקערטע, טיפע, בלויע שיסל האָט געשמייכלט מיט מיליאָנען בלישטשענדיקע דימענטן. די לופט איז געווען אַ קרישטאָל־ריינע, און עס האָט זיך געאָטעמט מיט פרידן און פרייד!

דער דאַך איז געווען באַלויכטן מיט אַ שטראָם פון בייטאָגיקער ליכט. פון אַ סך שכנותדיקע דעכער האָבן זיך געהערט מענטשן־שטימען. די מענטשן האָבן זיך אויפגעהויבן אין זייערע העליקאָפּ־טערס, וועלכע האָבן זיי גענומען צו פאַרשיידענע אָונט־פאַרוויילונגען. ברוך האָט זיך צעזעגנט מיט די טעכניקער, וועלכע האָבן אומוויליק זיך פון אים אָפּגעשיידט. ברוך האָט געהאָלפן ליליען צוערשט אַריינ־שטייגן אין עראָפּלאַן. דערנאָך איז ער אַליין אַריין, פאַרמאַכט די טיר און זיך געזעצט לעבן ליליען. מיט איין האַנט געגלעט איר האַנט און מיט די אויגן געקוקט צו די קינדער, און מיט דער צווייטער האַנט געפּאַכעט אַ „זיי־געזונט" צו די קינדער.

דער פּילאָט האָט אַ קוועטש געטאָן דאָס „גיי־קנעפּל" פונעם מאָטאָר. דאָס צינגל אויפן ציפערבלאַט האָט אַ ציטער געטאָן. דער עראָפּלאַן האָט ווערטיקאַל זיך געטאָן אַ הויב. דער ווינט פון די פּראָפּעלערס האָט צעשויבערט די האָר פון די קינדערשע קעפּלעך און זיך אַ שפּיל געטאָן מיט מירעלעס ברייט קליידל. די קינדער, די טעכניקער, די הויזווירטין זיינען געשטאַנען מיט אויסגעשטרעקטע פּאַכנדיקע הענט און לאַנג נאָכגעקוקט דעם אָפּפליענדיקן עראָפּלאַן, ווי ער ווערט אַלץ קלענער און קלענער. און אָט פאַרוואַנדלט ער זיך אין אַ קליין, שוואַרץ פּינטעלע, וואָס ווערט איינגעשלונגען פונעם טונקעלן אָונטדיקן הימל...

☆ ☆ ☆

קינסטלערישער רעפּאָרטאַזש

סאַלוט צו דיר!

צום יום־טוב פון 50 יאָר „מאָרגן־פרייהייט"

(פון מיינע סטודענטישע יאָרן)

דאָס איז געווען אין די טעג פון 1930. און אָט די טעג האָט דער עקאָנאָמישער קריזיס ווי אַ הייסעריק געפרעסן און באַפאַלן דאָס לעבן פון פאָלק.

די „מאָרגן־פרייהייט" האָט שוין געהאַט דורכגעגאַנגען אַכט גלאָררייכע יאָר פון פירן און אויפקלערן די פּראָגרעסיווע שיכטן פון אונדזער אידישן פאָלק. ווי אַ געטרייער לערער האָט זי פאַר אונדז אַנאַליזירט און געלערנט וואָס עס קומט פאַר אין דער דעמאָלט וואונ־דיקער צייט, ווען די פעלקער פון דער וועלט האָבן דורכגעטראָגן אויף זיך די בראַנדיקע וואונדן פונעם באַנקראָטירטן קאַפּיטאַליזם.

די „מאָרגן־פרייהייט" איז געווען די וואָס האָט אַ גרויסע טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ אַריינגעפירט אינעם „אידישן אַרבעי־טער אוניווערסיטעט" (אַ לערן־אינסטיטוציע פאַר דערוואַקסענע), וואו מיר האָבן זיך גרינטלעך באַקענט ווי אַזוי וועלט־סיסטעמען ווערן געבוירן און ווען די צייט קומט, מוזן זיי אָפּטרעטן דעם וועג פאַר נייע וועלט־סיסטעמען, ווי למשל: פעאָדאַליזם צום קאַפּיטאַליזם און שפּעטער — קאַפּיטאַליזם צום סאָציאַליזם.

אינעם „אידישן אַרבעטער אוניווערסיטעט" האָבן מיר געלערנט די טעאָריע און די „מאַרגן-פרייהייט" האָט אונדז געהאָלפן צו פאַר-בינדן די טעאָריע מיט דער פּראַקטיק פון טאָג־טעגלעכן לעבן. די טעאָריע האָט אונדז געלערנט, אַז דער קאַפּיטאַליזם האָט איינגעטיילט די גאַנצע וועלט אין אָפּזאַץ־מאַרקעטס און איינפלוס-ספערן, וואו אָפּצוזעצן די סחורות פון די ריזיקע פּריוואַטע אינדוסטריעס און אַז די לעצטע שטופע פון „קאַפּיטאַליזם", פון אַט דער סיסטעם וואָס איז באַזירט אויף מערווערט, האָט שוין דערגרייכט די העכסטע **שטופע**, וואָס איז אויך די לעצטע שטופע פון קאַפּיטאַליזם.

אין יאָר **1917** איז איין זעקסטל פון דער וועלט אַרויסגעריסן געוואָרן פון די נעגל פון אימפּעריאַליזם. איין זעקסטל פון דער וועלט איז פאַרשוואונדן פון די פרייע אָפּזאַץ-מאַרקעטס פונעם אימ-פּעריאַליזם. רוסלאַנד, דער שוואַכסטער רינג פון דער קאַפּיטאַליסטי-שער קייט, האָט זיך אַרויסגעריסן, זיך באַפרייט פון די קאַפּיטאַליס-טישע ווייען.

1930 ! פון דייטשלאַנד דערגרייכט צו אונדזערע אויערן דאָס געזאַנג פון „ל י נ ק ס"!

„דער רוף פון די פייקלען ווייברירט !
לינקס, לינקס, לינקס !
דער אַרבעטער געגנט מאַרשירט !
לינקס, לינקס, לינקס ! "

עס קוקט אויס אַז אָט־אָט אין דייטשלאַנד וועט געווינען איר דערלייזונג. פינף מיליאָן שטימען גיט אָפּ דאָס דייטשישע פאָלק אין די וואַלן פאַר טעלמאַנען ! דער גוססדיקער קאַפּיטאַליזם דערשפּירט די געפאַר. און ער, דער קאַפּיטאַליזם, גרייט זיך פאַר אַן אָנגריף. אַן אָנגריף אויף די דעמאָקראַטישע רעכט פון די פעלקער: דער אַל-וועלטלעכער קאַפּיטאַליזם קרוינט היטלערן פאַרן רעטער פון איר אונטערגייענדיקער סיסטעם.

מיר, די סטודענטן פון יידישן אַרבעטער אוניווערסיטעט, האָבן

ערשט נעכטן געהאַט אַ לעקציע וואָס עס מיינט קאַפּיטאַליסטישע דעמאָקראַטיע. איז די „מאָרגן־פרייהייט" אונדז געקומען צו הילף און אונדז דערקלערט ווי אַזוי דעמאָקראַטיע אַרבעט אין דער פּראַקטיק: געמלעך — אַזוי לאַנג ווי די דעמאָקראַטיע דינט דעם הערשנדיקן קלאַס, האַלט מען זיך אָן. אָבער אַזוי שנעל ווי דאָס פאָלק הויבט אָן נוצן די דעמאָקראַטיע פאַר זיך — ווי די פינף מיליאָן שטימען פאַר טעלמאַנען אין דייטשלאַנד — דאַן קומט דער אָפענער טעראָר, דער פאַשיזם!

דער אינטערנאַציאָנאַלער קאַפּיטאַליזם שטייט אויף דער וואַך: דייטשלאַנד זאָל ניט ווערן אַ צווייטע רוסלאַנד! און דערפאַר פאַראייניקט זיך דער וועלט־קאַפּיטאַליזם צו פאַרהיטן, אַז דער צווייטער שוואַכער רינג, דער צווייטער ברוך זאָל ניט געשען. הויבט מען אָן האָדעווען די היטלער־שלאַנג! און מיר לייענען אין דער „מאָרגן־פרייהייט" ווי עס פליען צווישן די גרויסמאַכטן שטאַפעטן! עס פליט טשעמבערליין אויף זיין שירעם! מיטן בלוט פון דייטשישן פאָלק פאַרלאַטעט מען דעם צווייטן שוואַכן רינג פון אַלוועלטלעכן קאַפּיטאַליזם! דערשטיקט ווערט דאָס געזאַנג פון „לינקס"? דאָס געזאַנג פון לינקס ווערט פאַרביטן אויפן ברומען פון „הוירסט־וועסל" און אויף „הייל היטלער!"

די „מאָרגן־פרייהייט" מוטיקט אונדז. מיר לייענען דאַן אין דער „מאָרגן־פרייהייט" יאָסל גרינשפּאַנס אַ ליד: „סיי ווי סיי!"

„סיי־ווי־סיי צעציגדן מיר די וועלט,
און אַז עס פאַלט איינער פון שוואַרצער האַנט,
איז וואָס?
גיט די ערד זיך אַ צעברויז,
וואַקסן טויזנט נייע אויס!
סיי ווי סיי גייט אויף די ערד און בראַנד!"

די „מאָרגן־פרייהייט" גורט אָן אונדזערע לענדן! מיר לייענען אין דער „מאָרגן־פרייהייט": „איצט, אין 1930, קאָן דער קאַפּיטאַליזם

מער ניט באַזאָרגן דעם ריזיקן רעזערוו פון די אַרויסגעשפּיגענע פון די פּריוואַטע אינדוסטריעס, דעם ריזיקן רעזערוו לויז־שקלאַפן. אַט דער רעזערוו פון אַרבעטלאָזן פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין די ריזיקע מעטראָפּאָליעס, פאַלט צוריק אויפן קאַרק פון די רעגירונגען!"

פאַקטן? פּראַקטיק?

מיט דער „מאָרגן־פרייהייט" אין די הענט הייסן אונדז די לערער כאַפּן אַ שפּאַציר איבער די גאַסן פון ניו־יאָרק. ניו־יאָרק — די גרעסטע מעטראָפּאָליע פון דער וועלט!

דריי סטודענטקעס: באַשקע זאַמסקי, רחל בילגאַר און איך, מרים פייערמאַן, האָבן אַרויסגעשפּאַצירט פון דער געבייד פונעם „אידישן אַרבעטער אוניווערסיטעט", פול מיט יוגנט־טרוימען צו העלפן פאַרלאַטען אַ צעפלאַקערטע, קראַנקע וועלט! מיט די טעאָ־רעטישע צוגרייטונגען, זיינען מיר געווען גרייט מסירות־נפש'דיק אונטערצושטעלן אונדזערע יונגע אַקסלען צו אַ וועלט, וואָס האָט זיך געקאָרטשעט אין קראַמפּן פון דעמאָלסטדיקן גוראַנגל פון דער באַנקראָטירטער סיסטעם פון לאַנד. אויף יעדן ראָג זיינען געשטאַנען די אַרויסגעשפּיגענע פון די קריזיס־פּאַראַליזירטע־אינדוסטריען אַר־בעטער און האָבן געפּעדלט מיט עפּל. די באַוואוסטע עפּל־פאַרקויפער! הואווערס רפואה צו לייזן די קראַנקע עקאָנאָמיע פון לאַנד! אויף יעדער צווייטער גאַס זיינען געשטאַנען אויף די טראָטואַרן אַרויס־געשליידערטע בעבעכעס: הויז־מכשירים, טישן, בעטן, בענקלעך; „עוויקטעטע", פאַר ניט קענען צאָלן דעם רענט. קינדער אויף די בעטן אונטערן פרייען הימל. זיצן טאַטעס פאַרשעמטע, מיט אויס־געשטרעקטע, געזונטע, נוצלאָזע הענט. מאַמעס און באָבעס באַגיסן זיך מיט טרערן.

עס באַווייזן זיך גאַנצע בריגאַדעס פון אַרבעטלאָזן קאָונסיל. זיי ברעכן, לויטן געזעץ, פאַרזיגלטע שלעסער פון די ליידיקע הייזער און מען טראָגט די בעבעכעס צוריק אַריין אין די הייזער. מיר האָבן מיט דערמוטיקנדיקע שטימען זיי באַשאָנקען מיט ברכות פאַר

זייער געוואגטקייט און גוטע טאטן. ספעציעל האט געריסן דאס הארץ אויף די קליינע קינדער און אויף די אלטע און קראנקע, וואס האבן זיך געוואלגערט ווי בלודנע הינט און קעץ. ניט אלע ארויס־געווארפענע האבן די „ארבעטלאזע קאונסילס" באוויזן צוריק ארייג־שטעלן. אין א סך פאלן פלעגן די „געקריוודעטע" לענדלארדס גלייך רופן און טאקע קריגן די פאליצײ־היטער, וועלכע פלעגן פארטיידיקן זייערע לענדלארדישע קריוודעס. די פאליצײ פלעגט ארעסטירן די געוואגטע בחורים און מיידלעך אינמיטן פון זייער ארבעט. דאן פלעגט א טראק זיך באוויזן און ארויספירן די גאנצע ארויסגעשליידערטע משפחה אויסערן שטאט. פונקט ווי מען פירט אפפאל צו די „דאמפס".

אט די לאגערן פון מענטשלעכן אפפאל האבן געטראגן דעם בכבודיקן נאמען: „הואווערווילס", נאך אונדזער דאמאלסטדיקן בכבודיקן פרעזידענט, וועמעס רפואה פאר דער לאגע פון לאנד איז געווען דער לאזונג צו פארקויפן עפל!

מיר שפאצירן ווייטער: און אט זעען מיר ווי עס שטייען לאנגע שערענגעס פאר די אומזיסטע סופ־קיכן. מענטשן־קינדער האבן זיך געריוועט אין די מיסטקאסטנס, געפירט א קאמף מיט די קעץ און הינט, ווער עס וועט פריער ארויסדערביוועז דעם שפייז־אפפאל פון די הויפן, ארום די רעסטאראנען און פון די טישן פון ארום די רייכע היימען; אויף יעדן שריט און טריט האבן מענער געקליבן די ניט דער־רויכערטע סיגארעטן־שפיצן.

איך דערמאן זיך א צווייטן פאל אין קלאס פון זשורנאליסטיק, וואו משה אלגין, דער דאמאלסטדיקער רעדאקטאר פון דער „מארגן־פרייהייט", האט אונדז פארגעבן צו באשרייבן א וועלכע־ניט־איז לעבעדיקע געשעעניש פון טאג־טעגלעכן, פולסירנדיקן, ניו־יארקישן לעבן. האבן מיר, די דריי סטודענטקעס — כאשקע, רחל און איך, מרים — באשלאסן צו באזוכן די בארימטע „הואווערווילס".

ווען מיר זיינען נאך א לאנגן סאבוועי־מארשרוט ארויסגעשטיגן, זיינען מיר געבליבן געפלעפטע: די אויגן ניט געקענט גלויבן, וואס פאר אונדז האט זיך אנטפלעקט! גאנצע גאסן פון „טשיקן־קופס",

אזוינע הינער־שטייגן, אזעלכע גרויסע פירעקיקע קאסטנס, צונויפ־
געקלאפטע פון אלטן ברוך־בלעך און פון ברעטלעך פון פרוכט־קעסט־
לעך. אין אט די גרויסע, אויף גיך צונויפגעקלאפטע קאסטנס, האבן
זיך אויפגעהאלטן גאנצע משפחות. ווער פון זיי עס האבן נאך געהאט
א פאר איבערגעבליבענע בעבעכעס, און אנדערע האבן שוין באוויזן
פארמשכנען זייער האב־און־גוטס אין די „געזיבערטע" הענט פון די
„פאונשעפער". אט די „הויל־נאקעטע", איסגעטאנענע פון אלע
זייערע ערדישע פארמעגנס, האבן שוין געקאכט זייערע מאלצייטן
נים אין קיין טעפלעך נאר אין בלעכענע קענדלעך; נים אפילו אויף
קעראסין־אויוועלעך, נאר טאקע אויף אזוינע צונויפגעשטעלטע קעמפ־
פייערן, גלייך אויף דער ערד. און אויף אזעלכע פייערן האבן די
מאמעס פון גאנצע משפחות געגרייט זייערע „קעניגלעכע" מאלצייטן,
וועלכע זיינען באשטאנען פון די ארויסדערביוועטע מיטסקאסטנס.

מיר האבן געקוקט אויפן בייז־וואונדער און נים געקענט גלויבן
אונדזערע אייגענע אויגן, און מיר האבן זיך געפרעגט: נים שוין־זשע
איז דאס א ווינקל פון אונדזער רייכסטן לאנד אין דער וועלט וואו
זייט־ביי־זייט מיט אט דעם יאטערדיקן געזעלשאפטלעכן קאנסער
געפינט זיך א „פיפט־עוועניו", וואו אין די וויטרינען בלישטשען
דימענטן און קרישטאלענע געשירן פאר די אויסדערוויילטע פון אונ־
דזער געבענטשטער „סופער־סטרוקטור" געזעלשאפט.

אט דער שפאציר איבער די „הואווערווילס" איז געווען דער
סאמע וויכטיקסטער פון אונדזערע לעקציעס, וועלכער האט אזוי בולט
באגרינדעט דעם עיקר פון אונדזערע טעארעטישע ידיעות וועגן אן
אונטערגייענדיקער, פוילנדיקער סיסטעם, וואס איז נים בכוח פרוכט־
באר אויסצונוצן דעם סאמע וויכטיקסטן נאטור־אוצר, דעם מענטשן־
מאטעריאל! און אט דער מענטשן־מאטעריאל איז אין יענע דרייסיקער
יארן אין אן אכצן־מיליאניקער צאל צוריקגעפאלן אויפן האלדז־אוף־
דזער געבענטשטער „סופער־סטרוקטור" געזעלשאפט?

און די „מארגן־פרייהייט" האט געמאנט און געפאדערט א יושר־
דיקן אויסגאנג! די שטאטישע רעגירונג, געשטיצט פון דער בירגער־

לעבער פרעסע אויף דער אידישער גאַס, מיטן „פאָרווערטס" בראש, גיט אַ באַפעל אַפצוראַמען די „הואווערווילס". די טענה איז — זיי זיינען ניט סאַניטאַריש, אַ געפאַר פאַר עפידעמיעס. דער אמת? דער „ראַק" וואָס פרעסט דעם קאַפּיטאַליזם שטעכט זיי אין די אויגן! עס איז צו אַפּשיילעך! מען טרייבט אַראַפּ איין „הואווערוויל", וואַקסט ער אויס אין אַ צווייטן ווינקל פון שטאָט!

מיט פאַרשטייפטע פויסטן, מיט קריצנדיקע ציין, מיט שפּיזנ־דיקע אויגן, קערן מיר זיך אום פון אונדזערע שפּאַצירן צוריק אין די קלאַסן. אונדזער טעאָריע איז באַגרינדעט. דאָס רעאַלע לעבן האָט איינגעקריצט די טעאָריעס טויזנטפאַכיק, ווי מיט פייערדיקע אותיות, אויף אונדזער באַוואוסטזיין, אויף אונדזערע הערצער, אויף אונדזערע געפילן, אויף אונדזערע געמיטער! מיר זיינען טויזנטפאַכיק איבער־צייגט. אַ געדאַנק פּיקט אין אונדזער מוח, ווי די פליג ביי טיטוס הרשע: באַנקראָט! באַנקראָט!

די „מאָרגן־פרייהייט" שטיצט די אַרבעטלאָזע קאָונסילס און זייערע פאָדערונגען. די אַרבעטלאָזע קאָונסילס ברענגען זייער אויס־וועג — אַ יושרדיקן אויסוועג, אַ בכבודיקן אויסוועג. מען אָרגאַניזירט הונגער־מאַרשן צו די שטאָט־רעגירונגען; אַ ריזיקן הונגער־מאַרש צו דער נאַציאָנאַלער רעגירונג אין וואַשינגטאָן, צו דעם פּרעזידענט. די „מאָרגן־פרייהייט" אונטערשטיצט די לאָזונגען: ברויט פאַר די הונגעריקע! אַרבעטלאָזע פאַרזיכערונג פאַר די אַרבעטלאָזע, סאָציאַלע פאַרזיכערונג פאַר אַלע אַרבעטער, פּענסיעס פאַר די עלטערע מענטשן! אָט די אַלע לאָזונגען זיינען, פאַרשטייט זיך, ניט די ענט־גילטיקע לייזונג, אָבער פאָרט אַ פאַרלייכטערונג פון דער שרעקלעכער לאַגע אין לאַנד.

די הונגעריקע מיליאָנען כאַפּן אויף די לאָזונגען און מען קעמפט אויף לעבן און טויט! כאָטש וואַשינגטאָן ענטפערט מיט שרויט. אָבער הונגער איז הונגער! דער שרויט קאָן דעם הונגער ניט שטילן! און די פאָדערונגען ווערן נאָך שטאַרקער, נאָך מעכטיקער!

וואַשינגטאָן נויגט ענדלעך אָן דעם אויער און מען וואַרפט צו א ביינדל דעם פאָלק! דאָס פאָלק איז דער צייטווייליקער זיגער! אַלע לאָזונגען ווערן געוואונען!

מיר, די סטודענטן, מיט טרערן אויף אונדזערע באַקן און מיט געביילטע פויסטן, האָבן זיך אומגעקערט צו אונדזערע היימען און שטיל געגעבן אַ שבועה: צו העלפן היילן דעם געזעלשאַפטלעכן ראַק! (קאַנסער).

סאַלוט צו דיר, „מאָרגן-פרייהייט"! זאָלסט אונדז אויף ווייטער פירן צום ענטגילטיקן זיג — צום סאָציאַליזם, ווען אַלע איבלען וועלן אָפּגעווישט ווערן ! ! !

מיר ווילן שלום!

(ווי אַזוי לאָס אַנגעלעס האָט זיך באַטייליקט אין אַ מאָראַטאָריום קעגן מלחמה)

פון אַטלאַנטיק ביזן פּאַסיפיק שאַלט דער רוף: „מיר ווילן שלום!" דער מאַרש פאַר שלום קומט פאָר אין צוויי זאַמל־פּונקטן: אין ניו־יאָרק און סאַן פראַנציסקאָ. איך בין איינע פון דריי דעלעגאַטן פון „שיקאַ־גער אידישן פּראָטערנאַלן קולטור־קלוב." אונדזער אויטאָבאָס פאָרט אָפּ פון פּרייטיק, 9 אינדערפרי פון „יאַבלאָן קולטור־צענטער."

דער הימל איז פאַרכמאַרעט. דורך דעם טונקעלן גלאָז פון אויטאָבאָס קוקט דער הימל אויס נאָך טונקעלער ווי ער איז. איך קוק דורכן פענצטער אויפן גאַסן־פאַרקער. אַ געוויינלעכער גאַסן־פאַרקער, ניט אַנדערש ווי אַ יעדן טאָג פון אַ גאַנץ יאָר. אָט פאָרן מיר דורך די אידישע פּעריפעריעס גאַס, וואו ערשט ניט לאַנג זיינען אידן באַפאַלן געוואָרן פון אַ גרופּע פאַשיסטישע כוליגאַנעס. די שויפענסטער זיינען איצט אויסגעפּוצט ווי געוויינלעך און וואַרטן אויף קונים. עס וואַקסט אין מיר אַ פאַרלאַנג: „אוי ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען אין יעדן שויפענצטער שטייט אַ טראַנספּאַראַנט מיטן רוף: „**מיר ווילן שלום** !"

עס טראָגט זיך אונדזער „שלום־באָס" איבער ווענטורא הויפּט־שליאַך. ער יאָגט זיך צווישן די בערג, וואָס רינגלען אַרום די שיינע שטאָט לאָס אַנדזשעלעס. און אָט שטעלן מיר זיך אָפּ אין דער וואַלי ביים „אַנטי־מלחמה־צענטער." דאָ נעמען מיר אַרויף אַ נייע גרופּע, וואָס שליסט זיך אָן אין שלום־קאַראַוואַן קיין סאַן פראַנציסקאָ. עס שטייגן אַריין אין אונדזער אויטאָבאָס אַ גרופּע יוגנטלעכע סטודענטן מיט ביכער אין די הענט פון יו.סי.על.עי. און אויך הײ־סקול סטודענטן און אַ יונג פאָר־פאָלק מיט אונטערוואַקסנדיקע קינדער. צוזאַמען מיט די קלובן־דעלעגאַטן זיינען מיר 33 פּאַסאַזשירן. הינטער אונדז פאָרט

אַ באַס מיט די קינדער פון דער פּראָגרעסיווער אידישער מיטלשול מיט זייערע לערער. אויך אַ באַס מיט עמאַ לאַזאַרוס פּרויען און צווייַ באַסעס פון דער האַרעפּאַשנער סאָוט לאַס אַנדזשעלעס.

עס פליט דורך אַ געדאַנק: אַוועק איז די צייט, ווען מיר עלטערע פלעגן זיך באַקלאָגן, אַז די אַמעריקאַנער יוגנט איז אַ פּוסטע. די היינטיקע יוגנט ווערט מער ניט באַטיטלט מיטן צונאָמען „דער פאַר־לוירענער דור". די היינטיקע יוגנט איז אין פאָדערגרונט קעגן די סאָציאַלע איבלען פון דער צייט. איך קוק אויף זיי און איך זע: יונגע פּנימער מיט ערנסטע געדאַנקען. אָט זיצט הינטער מיר אַ גאָר יונגע 18־יאָריקע סטודענטקע. זי האַלט אין האַנט אַ בוך פון ניטצשעס פילאָסאָפיע. איך פאַרפיר מיט איר אַ געשפּרעך. איר ענטפער: דאָס שטודירט זי פילאָסאָפיע אין אוניווערסיטעט און זי איז גאַנץ באַ־האַוונט אינעם אונטערשייד פון אַ מאַטעריאַליסטישער וועלט־אַנשוי־אונג אין קעגנזאַץ צו דער פילאָסאָפיע פון ניטצשעס „איבערמענטש". זי פאָרט מיט מיט אונדז אין „שלום־באַס" אין נאָמען פון איר אָרגאַני־זאַציע — „סטודענטן פאַר דעמאָקראַטישער אַקציע".

נייטן גאַרפיעלד, דער פאָרזיצער פון אַלע שטאָטישע קולטור און פראַטערנאַלע קלובן, באַזאָרגט אַלעמען מיט די נויטיקע אינס־טרוקציעס, ווי למשל: מיטן נאָמען פונעם האָטעל וואו מיר וועלן איינ־שטיין. מיטן נאָמען פון זאַמלפּונקט וואו די דעמאָנסטראַציע וועט זיך אָנפאַנגען. ווי אַ טאַטע זאָרגט ער זיך פאַר די עלטערע מיטגלידער, אַז די וואָס וועלן ניט קענען זיין לאַנג אויף די פיס, זאָלן קומען דירעקט צו דער „ראַלי", וואו אינטערעסאַנטע רעדעס וועלן געהאַלטן ווערן, און ער געזעגנט זיך מיט אַ באַדויער פאַרוואָס ער קאָן ניט מיטפאָרן.

דער אויטאָ האָט פאַרלאָזט די „סאָבורביא" פון לאָס אַנדזשע־לעס. און אָט טראָגן מיר זיך ווידער דורך הויכע בערג; בערג פון קאַלעך, בערג פון סולפור און אַנדערע מינעראַלן. אויף איין באַרג וואַקסן ביימער וואָס האָבן זיך אַליין פאַרפלאַנצט, דאָס הייסט, ביימער ניט קולטיווירט פון מענטשלעכע הענט. דאָס האָט דער ווינט זייערע זוימען אַהער פאַרטראָגן. וואַקסן זיי אַלע אָנגעבויגן און ציען זיך

צו דער זון אין איין ריכטונג, קוקן אויס ווי זיי וואָלטן זיך געיאָגט איינער נאָכן צווייטן, ווי זיי וואָלטן זיך געשפילט אין כאַפערלעך.

און אָט פאָרן מיר פאַרביי אַ פעלד אויף וועלכן עס וואַקסן יונגע, ערשט-ניט-לאַנג פאַרפלאַנצטע מאַראַנצן-ביימעלעך. און מען זעט באַשיימפערלעך, ווי אַ געטרייע, ליבע האַנט זאָרגט פאַר זייערטוועגן: די ערד אַרום זיי איז אַרומגעגראָבן, נישטאָ קיין ווילדגראָז; די שטאַמען פון די ביימעלעך זיינען אָפגעפאַרבט מיט ווייסן קאַלך, ווי אַ פראָטעקציע קעגן שעדלעכע אינסעקטן.

און אָט איז אַ גאָרטן פון ביימער, וואָס שטייען שוין אין פולן פרילינג־צוויט; ווי יונגע מאַמעס פול מיט צוזאָגנדיקער פרוכטבאַרקייט; ביימעלעך, וואָס וועלן אין גיכן באַשאָטן ווערן מיט פלוימען, באַרן, ווײַנשל און עפל. די צווייגן פון אייניקע ביימער זיינען איבערגעבונדן מיט שטריקלעך. וואַרשיינלעך אַז די שווערע פרוכטן זאָלן ניט איבערברעכן די יונגע, צאַרטע צווייגן מיט זייער וואָג.

אונדזער שלום-באָס איז ניט דער איינציקער. איבער אַלע שליאַכן פון די פאַראייניקטע שטאַטן טראָגן זיך איצט אויטאָ־באָסעס, אויטאָמאָבילן און עראָפלאַנען מיט פראָטעסטירנדיקע בירגער פון לאַנד. מיט אויפגעברויזטע געמיטער קעגן דעם אומרעכט צום וויעטנאַמער פאָלק; קעגן דעם אומרעכט פון אויסשלאַכטן אונדזער גאָלדענע, אומשולדיקע יוגנט!

ענדלעך, צו אָוונט צו שטעלט זיך אונדזער אויטאָבאָס אָפ פאַרן „מענקס" האָטעל אין סאַן פראַנציסקאָ. מיר רעגיסטרירן זיך, קריגן די שליסלען צו אונדזערע שלאָפצימערן און שלאָפן איבער אַן אומרואיקע נאַכט פול מיט דערוואַרטונג פאַרן פרימאָרגן!

דער פרימאָרגן האָט זיך אַ פאַרכמאַרעטער אַריינגעשלייכט. מיר לאָזן זיך אַרויס אין די גאַסן מיט קלאַפנדיקע הערצער. און אונדזערע הערצער האָבן ניט געגלויבט וואָס אונדזערע אויגן האָבן דערזען... עס האָט אויסגעקוקט ווי אַ וואולקאַן וואָלט אויפגעפלאַקערט און צענדליקער שטראָמען פון לאַווע וואָלטן אַ יאָג געטאָן איבער אַלע גאַסן פון סאַן פראַנציסקאָ... ניין, ניט קיין לאַווע פון

פייער, נאָר שטראָמען פון מענטשן. די שטראָמען האָבן געפּלייצט איבער אַלע גאַסן פון דער צעברויזטער שטאָט! אַלע שטראָמען האָבן זיך געצויגן צום מאָביליזאַציע-פּונקט, צווייטע און מאַרקעט גאַס! אַ ים פון פּראָטעסט האָט פאַרגאָסן אַלע גאַסן, אַלע דעכער, אַלע פענצטער, אַלע באַלקאָנען און אַלע סלופּעס!

אַן אָקעאַן פון צעשמאָלצענע געמיטער איז אַריבער די ברעגן! אַזאַ שטראָם דאַרף בכוח זיין אָפּשווענקען אַלע אַכזריותן פון דער אויבערפלאַך פון דער גאַנצער ערד!

דער אָפּרוף איז געווען אַזוי ריזיק, אַזוי גרויס, אַז עס גלויבט זיך קוים! גאַנצע קאָלאָנעס מיט דאָקטוירים אין זייערע ווייסע יוניפאָרמען. גלחים אין זייערע שוואַרצע קליידער; פּראָפעסאָרן אין זייערע קיטלען און פּירעקיקע שטריימלעך מיט די הענגענדיקע קוטאָסן. גאַנצע קאַלעדזשעס מיט זייערע טראַנספּאַראַנטן: פון סיאַטל וואַשינגטאָן, פון קאָלאָראַדאָ, פון דענווער, פון בוירקלי, יו. סי. על. עי. פון לאָס אַנדזשעלעס, פון פּאַלאָ-אַלטאָ און פון אַ סך אַנדערע שטעט-לעך פון קאַליפאָרניער שטאַט. גאַנצע קאָלאָנעס מיט יונגע טאַטעס און מאַמעס מיט זייערע קינדערלעך: קינדער אין די וועגעלעך, קינדער ביי די הענט, קינדער אויף די אַקסלען, קינדער אין קוישלעך אויף די אַקסלען, אויף די פּלייצעס. און מער פון אַלץ — די אַמעריקאַנער יוגנט! דער גרעסטער פּראָצענט יוגנט!

דאָס האַרץ קוועלט! איך וויין פאַר פרייד! דער שטראָם פון מענטשן וואַקסט! ער פאַרוואַנדלט זיך אין אַ ברויזנדיקן ים! און עס גיסן זיך די כוואַליעס פון מענטשן איינע איבער דער צווייטער! אָן אַן עק און אָן אַ סוף!

עס נעמט אַ שעה און אַ האַלב — פון 10 אינדערפרי ביז 11:30, ביז מען שטעלט איין אַ סדר צום מאַרשירן.

מען טראָגט שלום-קנעפּלעך, בלומען, צווייגעלעך, שילדן, צלמים, געמעלן, און מער פון אַלץ: די טויב פון שלום געקרייציקט אויף צלמים אויף באַלאָנען, אויף פאָנען פון אַלע קאָלירן.

איין קינד אין אַ וועגעלע האַלט אַ בילד פון אַ צעבראָכענעם וויעט־נאַמער קינד מיט אַן אונטערשריפט: „קינדער דאַרף מען ליב האָבן, ניט פאַרברענען!" אַן אַנדער בילד — אַ וויעטנאַמער קינד מיט אָפּ־געשאָסענע הענט!

איך לייען די לאָזונגען אויף די טראַנספּאַראַנטן: „שטעלט אָפּ די אַמעריקאַנער אַגרעסיע!" „מיר פאָדערן זעלבסטבאַשטימונג פאַר וויעטנאַם!" „הערט אויף שטיצן דעם דיקטאַטאָר קי!" „פאַר פעלקער־פריינטשאַפט!" „מיר ווילן זיך ליבן — ניט דערהרגעט ווערן!" „מיר ווילן לעבן — ניט שטאַרבן!"

עס קורסירן אָפענע טראַקס מיט הויך־רעדנער (הילכערס) און מאַנעווורירן מיטן מאַרש! דער גאַנצער מאַרש איז גוט אָרגאַניזירט: עס הערשט אַ פאָלקאָמענע זעלבסט־דיסציפּלין. עס אַרבעטן צענדלי־קער „וואָקי־טאָקיס". רעפּאָרטערס שפּרינגען אַרום מיט זייערע פאָטאָ־גראַפישע אַפּאַראַטן.

עס רייסן זיך אַרויס זאַלפן מיט לאָזונגען, אָרגאַניזירט פון הונ־דערטער העלדזער מיטאַמאָל: „מיר ווילן שלום!" „מיר ווילן שלום!" און אַ צווייטער זאַלפּ: „ניט מער קיין נאַפּאַלם!" אַ פערטער זאַלפּ: „שטעלט אָפּ די באָמבעס!"

פּלוצלונג האָט אָנגעהויבן רעגענען! מען נעמט אויף דעם רעגן מיט אַ הילכיקן „הוראַ!" מען עפנט שירמס; מען דעקט זיך צו מיט לאַנגע לייוונטן. נאָך מער: דער רעגן פאַרוואַנדלט זיך אין אַ האָגל! פּונקט ווי די נאַטור וואָלט אונדז געשטעלט צו אַ פּרואוו. נו, נעמט מען אויף דעם האָגל מיט נאָך אַ גרעסערן „הוראַ!" אָבער דעם היל־כיקסטן הוראַ האָט מען אָפּגעגעבן צו דער זון, ווען זי האָט זיך דורכ־געריסן פון צווישן די כמאַרעס און פאַרטריבן דעם רעגן און פאַר־טריבן דעם האָגל. „די זון איז מיט אונדז!" האָבן אַלע געשריען. מען מאַרשירט מיט נאָך מער עקשנות!

עס הילכן ווידער די לאָזונגען: „ענדיקט די מלחמה!" „באַקעמפט די אָרעמקייט!" „פאַרמאַכט די פאַבריקן פון טויט!" „עפנט פאַבריקן פאַר מענטשלעכן געברויך!"

אַרום צוויי בייטאָג כאַפּן מיר זיך אַרויס פון מאַרש צו כאַפּן „אַ שנעלן ביים". דער מאַרש האָט זיך נאָך אַלץ געשלענגלט צום „קיזאַר" סטאַדיום. מיר באַשליסן נעמען אַ טאַקסי און דעריאָגן די מאַרשירנדיקע. איין טאַקסי־מאַן האָט זיך אָפּגעזאָגט אונדז צו פירן. ער זידלט אונדז מיטן נאָמען „ביטניקס". דערפאַר איז דער צווייטער טאַקסי־מאַן געווען פריינטלעך און האָט זיך מיט אונדז סאָלידאַריזירט. מיר האָבן דעריאָגט דעם מאַרש! מיר דערנענטערן זיך צום סטאַדיום. פון די הונדערט און פינף און צוואַנציק טויזנט מאַרשירער גיסן זיך צוויי און זעכציק טויזנט אַריין אין סטאַדיום. אָנגעפילט ביזן ווערך! די איבעריקע בלייבן שטיין אינדרויסן. זיי הערן זיך צו צו די הילכערס.

דער גאַנצער מאַרש ביזן סטאַדיום איז אַדורך אָן פּאָליציייִשער אַריינמישונג. מען האָט נישט געזען אַ פּאָליציימאַן פאַר אַ רפואה. אַ חוץ אַ פּאָר פּאָליציי־אויטאָס, וואָס האָבן פּונקט צוועלף בייטאָג אָפּגעשטעלט דעם גאַנצן טראַפיק און אָפּגעגעבן די גאַנצע ברייט פון גאַס צו די מאַרשירנדיקע.

די הויכע הימלקראַצערס האָבן נאָך אַזאַ וואונדער ניט געזען. אַלע אָפיסעס זיינען געווען געשלאָסן. אַלע קראָמען האָבן געפּוסטעוועט!

ביים סאַמע אַריינגאַנג פון „קיזאַר"־סטאַדיום איז געשטאַנען אַ קליינע גרופּע פון עקסטרעם־רעכטער יוגנט מיט אַן איין־איינציקן שילד: „שטיצט אונדזערע סאָלדאַטן אין וויעטנאַם!"

כדי עס זאָל ניט דערגיין צו אַ פּראָוואָצירטן געשלעג, איז די קליינע גרופּע געווען אַרומגערינגלט מיט אַ וואַנט פון פּאָליציי אויף מאָטאָרציקלעטן און אַ האַלבן טוצן פּאָליציי אויף פערד. עס זיינען דאָרט אויך געשטאַנען עטלעכע שוואַרצע פּאָליציי־וואָגנס אין פאַל פון אַ געשלעג. אָבער די זעלבסט־דיסציפּלין פון די מאַרשירער איז געווען אַזוי פּערפעקט, אַז עס איז צו דעם ניט געקומען. שפּעטער, ווען די קליינע גרופּע איז אַריין אין סטאַדיום, האָט דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט אויף גיך רעאַגירט: עס האָט זיך בליץ־שנעל געפאָרמירט אַ קייט פון מענטשלעכע הענט און קערפּערס, וואָס האָט אָפּגעזונדערט די גרופּע פון דער פּלאַטפאָרמע. און ווי אַ גרופּע שטשירענדיקע הינט,

האָט מען זיי רואיק און פאַרזיכטיק אַרויסבאַגלייט פון סטאַדיום. דער עולם האָט רואיק אַפּגעאַטעמט!

ביז מיר זיינען אַריין אין סטאַדיום איז מען שוין געשטאַנען דאָרט קאָפּ־אויף־קאָפּ, און די פּראָגראַם איז שוין אָנגעגאַנגען. עס רעדט אַ גלח, (איך ווייס ניט זיין נאָמען, ווייל מיר זיינען אַריינגעקומע אין מיטן זיין ריידן). ער פירט דורך אַ תפילה אין נאָמען פון אַלע רעליגיעס פון אַלע ראַסן, אַז מיר בעטן צו ברענגען אונדזערע קינדער צוריק פון וויעטנאַם.

נאָך אים רעדט עדוואַרט קיטינג, דער רעדאַקטאָר פון זשורנאַל „רעמפּאַרט", דער זשורנאַל, וואָס האָט דעמאַסקירט די אַקטיוויטעטן פון דער סי. איי. עי.

עס טרעט אויף ראַבאַי אייברעהעם פיינבערג. ער האָט זיך ערשט ניט לאַנג צוריק אומגעקערט פון אַ באַזוך אין וויעטנאַם. ער ווייזט אָן, אַז די מלחמה איז דאָס שרעקלעכסטע וואָס עס האָט געקענט פּאַסירן צו אַמעריקע. עס באַפלעקט דעם נאָמען פון אונדזער לאַנד. איך ציטיר: „מען וויל אונדז איינרעדן, אַז דאָס וואָרט „שלום" איז אַ קאָמוניסטישע קאָנספּיראַציע. דאָס איז ניט אמת! דאָס איז דער ווילן פון דער גאַנצער וועלט! עס איז אונדזער רעכט צו דערקלערן אונדזער ווילן קעגן פ ע נ ט א ג אָ ן ! מיר ווייסן וואָס מיר ווילן! וויעטנאַם וועט זיך ניט לאָזן האַלטן פאַרשקלאַפט. מיר האָבן איבערגענומען דעם פראַנצויזישן קאָלאָניאַליזם. מיר זעצן פאָר די פאַרשקלאַפונג פונעם וויעטנאַמער פאָלק. עס איז די פליכט פון אַמעריקאַנער פאָלק זיך איינשטעלן פאַר וויעטנאַם. מיר זיינען זייערע פאַרבינדעטע און מיר פאָדערן אַרויסצוציען פון וויעטנאַם! מיר גלויבן אין אַמעריקאַנער פאָלק! און אויב מיר'ן דערציילן דעם פאָלק דעם אמת, וועט דאָס פאָלק פאַרשטיין!"

מען בעט דעם עולם זיך אויפשטעלן אין אָנדענק פון ניט־לאַנג־צוריק פאַרשטאָרבענעם רעווערענד מאָסטי, איינער פון די גרינדער פון דער שלום־באַוועגונג. עס רעדט אַ פאַרטרעטער פון דער „לאָנגשאָרמענס" יוניאָן. (איך ציטיר): „מען פאַרבאַהאַלט דעם אמת

פונעם פאָלק. עס זיינען דאָ מער טויטע און נאָך מער פאַרוואונדעטע ווי מען באַריכטעט. די אויסגאַבן פון דער מלחמה פאַרניכטן די מעגלעכקייטן פון דעם קאַמף קעגן אָרעמקייט. מיר דאַרפן פאָדערן אַן אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ צו שליכטן די פּראָבלעם וויעטנאַם. באַלד נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן מיר געמשפּט און נורעמבערג די מערדער פון דער מענטשהייט. איצט זיינען מיר די מערדער! און מיר דאַרפן האָפן, אַז עס וועט קומען אַ צייט ווען מען וועט אונדז משפּטן! לאָמיר ראַטעווען אַמעריקע! רייניקן אויף און נאָמען."

דזשודי קאָלינס, אַ באַגאַבטע, פיינע פאָלק־זינגערין, טרעט אויף אין צוויי אַנטי־מלחמה לידער. אַ ליד פון ליבע פון מענטש צו מענטש. דאָס צווייטע ליד איז די „טויב פון שלום האָט אַ צעבראָכענעם פליגל." דער עולם איז באַגייסטערט און דריקט עס אויס מיט אַפּלאָדיסמענטן.

עס רעדט עלדרידזש קליווער, אַ פירער פון „בלעק פּאַוער". אין פּשוטע ווערטער: „מיינע שוואַרצע ברידער, מיינע שוואַרצע קינדער דאַרפן קעמפן דאָ אין לאַנד, ניט אין וויעטנאַם. קעמפן פאַר מענטשלעכע רעכט; פאַר דאָס רעכט צו שטימען! קעגן גענאָסייד! קעגן טיראַניי פון איין ראַסע איבער אַ צווייטער!"

עס רעדט שרעידער פון דער פּראָגרעסיווער גרופּע פון די אויטאָמאָביל אַרבעטער. אַז די גרופּע איז קעגן מינים פּאָליסים; די גרופּע איז פאַר דער מאָביליזאַציע קעגן דער וויעטנאַם־מלחמה און אַז מען דאַרף די גרופּע פאַרגרעסערן. ער זאָגט, אַז די אַמעריקאַנער טרייד־יוניאָן אַרבעטער באַוועגונג דאַרף בייטן איר צוגאַנג צו דער מלחמה־אישו. „מיר טאָרן ניט שטיצן אונדזער לאַנד גערעכט צי אומגערעכט! בלויז ווען גערעכט! און מיר זיינען ניט גערעכט, ווען מיר שטיצן די רעקציאָנערע קליקעס איבער דער וועלט!"

ער לאָזט אַרויס אַ רוף צו די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן, זיי זאָלן זיך אָרגאַניזירן אין אַן אייגענער סאָלדאַטן־יוניאָן און קומען אַהיים. אַז די מלחמה שוואַכט אָפּ דעם עקאָנאָמישן קאַמף פון די אַרבעטער. אַז די העכערע טעקסעס פאַרשמעלערן נאָך מער אונדזער קויף־קראַפט;

אַז די קי־דיקטאַטור איז אַ געפאַר פאַר דער מענטשהייט. קי, ווי אַ ליבהאָבער פון היטלערן, זאָגט זיך אָפּ אנטייל־צו־נעמען אין אַ שלום־קאָנפערענץ. ער הייסט אַלעמען שיקן טעלעגראַמעס צו די קאָנגרעס־לייט קעגן מלחמה!

מען שטעלט פאַר דזשוליאַן באָנד, דעם בראַוון נעגער, וועלכן מען האָט ניט צוגעלאָזן צו זיין לעגאַל־דערוויילטן אַמט, ווען ער האָט זיך אומדערשראָקן אויסגעשפּראָכן קעגן דער וויעטנאַמער מלחמה.

„אַמעריקאַנער מיליטאַריזם איז אַ ר אַ ק. מיר שוואַרצע און ווייסע מוזן צוזאַמען אויסהיילן די וועלט פון דעם ראַק. עס ליגן פאַרן קאָנגרעס אַ גאַנצע רייע געזעצן, וואָס וועלן שאַדן ברענגען דעם פאָלק. מיר דאַרפן זיי ניט לאָזן דורכפירן.“ עס רעדט זייער איינדרוקספול קאָרעטאַ, די פרוי פון דר. מאַרטין לוטער קינג.

מען מאַכט אַ געלט־זאַמלונג און מען ענדיקט די פאַרזאַמלונג אין אַ העכסט געהויבענער, יובלדיקער שטימונג!

עס האָבן געדויערט שעה'ען ביז דער ריזיקער עולם איז זיך צעפאָרן צו זייערע היימען. נאָך לאַנג, לאַנג האָט אָנגעהאַלטן די יובל־שטימונג איבער די גאַסן פון סאַן פראַנציסקאָ. ביז שפּעט, שפּעט אין דער נאַכט אַריין זיינען אַלע רעסטאָראַנען און קאַפעיען געווען איבערגעפּאַקט, און אָנגעפילט מיטן גייסט פון פּאַראַד!

דער טאָג וועט אַריין אין דער געשיכטע פון סאַן פראַנציסקאָ! אין דער געשיכטע פון קאַליפאָרניע! אין דער געשיכטע פון אַמעריקאַנער קאַמף פאַר מענטשלעכן פּראָגרעס!

סאַלוט צו דיר, אַמעריקאַנער נייע יוגנט!

סאַלוט צו דיר, אַמעריקאַנער אויפגעוואַכט פאָלק!

לידער
און
אימפּרעסיעס

דער רויטער נביא

איך בין דער גילגול פון דעם בלוט
פון אַלע מענטשלעכע מאַרטירער,
איך בין די קראַפט, די זעל און מוט
פון אַלע מענטשן — פרייהייטס דינער.

פון „אמת" בין איך צו אייך געשיקט,
געבראַכט איך האָב אייך אַ נבואה:
נישט לאַנג נאָך וועט איר זיין געדריקט —
אָט באַלד וועט קומען די ישועה.

און אויף די קברים פון מאַרטירער
שפּראָצן וועט אַ נייע וועלט,
וואו שוואַרצע, ווייסע, געלע ברידער
דריקן וועלן זיך די הענט.

און אונטער רויטע פרידנס-זיגלען,
אונטער סערפּ-און-האַמער פליגלען,
אומגעשטערט וועט בליען פרילינג
אויף דער מוטער-ערד, מיין ליבלינג!

אַ שליטל

— מאַמע, מאַמע טייערע, זע:
ס'פאַלט דאָ אין דרויסן אַ שניי —
שנייעלעך גלעטן די פענצטער, די טיר;
בלאַנקען און רופן: — קומט, קינדער, מיט מיר.

קליינער שמואליק לאָזט ניט צו־רו,
נאָכאַנאַנד צו מאַמען שטייט צו:
— קויף מיר, מאַמע, אַ שליטל שנעל,
אויף שנייאיקן בערגל שליטלען זיך כ'וועל.

— קיין געלט פאַר אַ שליטל כ'האָב נישט, מיין קינד,
טאַטע סטרייקט דאָך אַצינד.
ווען טאַטעס און מאַמעס אין סטרייק וועלן זיגן,
קינדער שליטלעך נייאינקע קריגן.

און שטאַרקער פרעסט שמואליק ס'נעזל צום שויב,
וויל כאַפּן מיט ליפּן שנייאיקן שטויב.
ביז וואַנען די מאַמע לאָזט אים צו וויסן:
— פון שלאָף איז שוין, זון מיינער, צייט צו געניסן.

ס'חלומט זיך שמואליקן שנייעלעך ביינאַכט,
קינדער האָבן אַן אויוון געמאַכט.
יאָ, ס'איז אַן אויוון, ער זעט עס גענוי —
ס'פלאַקערט אין אויוון אַ הויפן מיט שטרוי.

ס'זיצט לעבן פייער זיידעניו־ווינטער,
מאַרגנלאַנד מאָלט ער צו קליינע קינדער:
ווען אַרבעטער וועלן ניט וויסן פון פּיין
און קריגן אַ שליטל שווער וועט נישט זיין.

וואו איז הימל בלוי?

שלאָגט דער רויך פון הויבע קוימענס
און צעשפּרייט זיך איבער רוים,
איבער דרויסן, איבער דעכער,
פאַרהילט דעם בלוי פון הימל־רוים.

שפּילן קינדער מיינע אינעם דרויסן:
איינער שפּרינגט איבער אַ שטריק,
פורעמט צווייטער פון די זאַמדן
איבער טייכן זיך אַ בריק.

און אַ דריטער האַלט באַהאַלטן
זיינע אויגן אין אַ בוך,
שלינגט און שלינגט מיט אויגן דורשטיק
אַלע אותיות פונעם בוך.

לייענט קינד פון בוך אַ מעשה,
פון אַ לאַנד מיט הימל־בלוי!
בלייבט ער זיצן אַ פאַרקלערטער
און ער פרעגט מיך אַט אַזוי:

מאַמע, מאַמע, זע וואָס בוך זאָגט,
אַז אַ הימל איז גאָר בלוי;
אונדזער הימל איז גאָר אַנדערש,
אונדזער הימל איז רויכיק־גרוי.

ווערט אַ חשד געבוירן
אין די אויגן פון מיין קינד,
צי דער דרויסן, צי די מעשה,
זאָגט דעם אמת? — ער פרעגט אַצינד.

היט דאָס גאָלד אין שנירל, היט!

(צווייטע ווערסיע — נעגער־ליד)

ציט אַ שנירל זיך פון ווייַדן
צו מיין טאַטן און צו מיר.
און דאָס שנירל וועט אויף ווייטער
אויך זיך ציען, קינד, צו דיר.

אין דעם שנירל זייַנען פּעדעם
פיל פאַראַנען, אָן אַ צאָל;
פּעדעם גרויע, פּעדעם שוואַרצע
און פון גינגאָלד אויך אַמאָל.

גרויע פּעדעם זייַנען, קינד מיינס,
גרויע טעג, טעג פון נויט.
פּעדעם שוואַרצע — טעג פון קייטן,
טעג פון דחקות און פון קויט.

פרעמדע שפּינען פאַר אונדז מעשיות,
אַז דאָס שנירל איז לויטער גאָלד,
זינט די צייטן פון לינקאָלן,
אַזוי דערציילט אונדז זייער קולט.

טרעפט אַמאָל, אַז שטאָם זיך בויגן
קאָן שוין מער ניט . . . און אַ סוף!
הויבט דער שטאָם זיך אָן צו וויגן,
ביז אַ טראָפּיש ים שוימט אויף.

ווען אַ קראַנץ פון בראָנזענע פויסטן
באַוועגט זיך אין נקמה־טאַנץ,
קעגן הערן, קעגן פויפסטן —
קינד, דאָס איז פון שנירל גאָלדענער גלאַנץ!

מאָרגן

שפּיר איך מאָרגן אינעם פיבער
פון די ווייטע מזרח־טריט.
שפּיר איך מאָרגן אינעם אומרו
פונעם מענטשלעכן געמיט.

שפּיר איך מאָרגן אינעם שמייכל
פון אַ יעדעם קליין קינד ;
ברענגט אַן אָנזאָג מיר פון מאָרגן
יעדער ריר פון קלענסטן ווינט.

טראָג איך שטיינדלעך אומדערמידלעך,
הויב די טרעפּלעך העכער, העכער.
פון דעם נעכטן איבער היינט,
שטייג איך אין דעם מאָרגן־ראַנד.

בין איך סקולפּטאָר :
נעכטן בלויז מיין פּעדעסטאַל,
היינט איז ליים אין מיינע הענט,
קלעפּ איך ליים אויף פּעדעסטאַל
און הויב אויף די מאָרגן־ווענט!

יוגנט

באַפליגלט איז די יוגנט־גלוסט.
אַדלערט זי צו נייער ווייט!
ווייסט קיין שרעק נישט יוגנט־ברוסט
פאַר קיין ווינטן פון דער צייט!

ציען דורותדיקע פענטעס,
ווערט געפלי זיגזאַגיש, שווער:
איז די יוגנט דורותדיקער נאָך פון פענטעס
און די ווייטקייט ציט נאָך מער!

ערגעץ

ערגעץ וואַקסט אין פעלד אַ שטאַם,
וואָס האָט מיין זיין מיט היינט פאַרקניפּט!

ערגעץ וואַנדערט אום אַ שטראַל,
וואָס האָט ביים שוועל פון מיין געבוירן מיך באַגריסט!

ערגעץ יאָגט אין פעלד אַ ווינט,
וואָס האָט מיט אומרו מיך באַגליקט!

אַ פּאַבל

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן
האָט אַ קרישטאָלענער קרוג
(וואָס האָט קיינמאָל געוואוסט פון קיין זאָרגן)
זיך פאַרקלאָגט פאַר אַ זיידענעם שטריק: —
געהערט אַזאַ חוצפּה?
וואָס וואַסער־טראָפּנס באַגערן!
פאַרגלוסט האָט זיך זיי צום ברויזנדן ים,
צו רוישיקע כוואַליעס אומקערן! —

— אומדאַנקבאַר וואַסער — ענטפערט דער שטריק —
אַ קרישטאָלענע היים צו פאַראַכטן!
פונקט ווי מיין הונט, וועמעס האַלדז איך באַציר,
טרוימט פון וואַלד — פּרוּווט די זיידענע
שטריק צו צעבייסן!

האָט קרישטאָלענער קרוג
מיט דעם זיידענעם שטריק
באַשלאָסן דעם סוד צו אַנטדעקן.
אַן עצה געפונען:
מיט שטרענג־שאַרפע שטימען
באַוועגט די חוצפּהניקעס
דעם מיין פון זייער שטרעבן אַנטפּלעקן.

— מיינע גלידער — ענטפערט דער הונט
צו פרייהייט געוואוינטע, ווערן
אפילו פון זיידענע שטריק אויסגעלונקען. —
— און איך — זאָגט דאָס וואַסער —
קוים בלייב איך נאָר שטיין,
ווער איך
אפילו אין קרישטאָל פאַרזונקען.

פאַרגייט דער טאָג

היינט האָט דער ליכטיקער דרויסן מיך גערופן,
האָבן הונגער־צוואַנגען מיך געשמידט צו דער ניי־מאַשין.
אָפּגעצאַמט פון טאָג מיט שטיינערנער וואַנט,
ווערן יוגנט־טרוימען ניט דערטרוימט,
ווערן נשמות פאַרלאַנגען ניט דערפילט.
בענקט דער זוניקער טאָג
נאָך דער אָפּגעצאַמטער בלום.
און זי איז פאַרשטיקט...
רינען שטראַלן איבער די ברעגן פון טאָג.
דער צאַם איז נאָך שטאַרק,
עס וויאַנעט די בלום!...

שקיעה

פאַרנויגט זיך די זון מיט אַ „זיי־געזונט"
דורך אירע צאַנקענדיקע שטראַלן.
צירן זיך די דעכער־שפּיצן
אין דראַפּירטע, פורפורנע וואָלקן.
שפּילעוודיק האָט נאַכט פאַרשלונגען
אַלע טאָגיקע דעטאַלן.

אַ צויבער־האַנט האָט אויפן נאַכט־עקראַן
אָנגעהויבן כישוף אויסצוקריצן.
ווי פייער־פליגן האָבן פענצטער
מיט סודות אָנגעהויבן בליצן.
„אויף ווידערזען", האָט נאַכט דער זון געענטפערט
און אין אַ טוך פון בלוי־און־זילבער זיך אָנגעהויבן פוצן...

אַ חתונה אויף דעם אַטלאַנטיק

בום!
בום!
בום!
ס'האָט דער לויתן
זיך געטאָן
אַ טריפּע! ! !
וויגט זיך אויף די כוואַליעס
שטאָלץ אַ חופּה!
און די חנעוודיקע „כלה־קובאַ", ציכטיק:
טאַנצט אַ „סאָלאָ"
אויף דעם
אַטלאַנטיק! ! !
בום! בום! בום!
צונטער, יום־טוב'דיק דער הימל!
ס'וועקן
פעלקער זיך
פון דרימל!
די משפּחה איז פון די גרעסטע:
מומעס,
פעטערס,
ברידער,
שוועסטער!
טאַנצן, גלאָקן, פויקן שענסטע!
גרייט אַ יעדער זיין אָרקעסטער!

בום!
בום!
בום!

אזש פון די אַמעריקאַס אריבער
רופן פריילעך זיך די פּויקן איבער!
צו דער חתונה עס גרייטן זיך
סאַנטאַ־דאָמינגאָ און גוואַטאַמאַלאַ
ווי שוועסטער;
גרייט צו טאַנצן
אַ קאַדריל —
אונטער אייגענעם אָרקעסטער!
בום!
בום!
בום!
און אַ מומע
אונטער
אַפריקאַנער
קלאַנגען —
מיט די טאַצן
און מונטערע געזאַנגען,
די קופּער־גלאַנצנדיקע
מחותנעסטע פון קאָנגאָ
מיט פּייל־און־בויגן
טאַנצט
אַ טאַנגאָ!

בוה!
הו־הו!
הו!
עס קלאָגט דער העלפאַנט זיך
אין וואַלד געדיכטן:
— דער קובאַנער פּודל

ווייל מיך פֿאַרניכטן! —
רעוועט ער
און שרייט:
— גע וואַלד!
העלפֿט מיר, ליבינקע פֿון וואַלד! —
קריכן
טכוירן
פֿון די נאָרעס!
ציטערט פֿעל אויף זיי
פֿון צרות!
פֿוקסן וואָרטשען:
— ווילדע האָרדעס! —
טוליען
שטייפֿער
זייערע
טאָרבעס!
בום!
בום!
בום!
בום!
ס'האָט דער לויתן
זיך געטאָן אַ טריפּע!
וויגט זיך אויף די כוואַליעס
שטאָלץ אַ חופּה!
צונטער יום־טובדיק דער הימל!
ס'וועקן פֿעלקער זיך פֿון דרימל!!!

וועלט, נעם צו מיין האַרציקן צושטייער!

יעדן טאָג אויפסניי איך ווער געבוירן.
יעדן טאָג, פאַרחידושט, ווי אַ קינד,
כ׳הויב אויף די אויגן מיינע
צו די בלויע רוימען
און מיט אַ שמייכל איך באַגרים
דעם נייעם טאָג מיט זיינע טרוימען.

כ׳הויב אויף די הענט מיינע מיט גלויבן,
ווי פליגל ס׳הויבן אויף די טויבן.
מיט חברשאַפט און האָפענונג געוואַרעמט,
כ׳שפּאַציר מיט פריידן און גענוס געאָרעמט!

און אַ ניגון שטיל איך ברום:
כ׳בין אַ שותף צום אַרום!
אַלע גרעזעלעך מיט טוי באַצירט
זעטיקן מיין אויג און אויער.
יעדעם צווייגעלע מיט קנאָספּ באַגליקט
נערט מיין דאָרשט נאָך דויער!

כאָטש די חיות־רעות שרעקן —
נעם איך אימפּעט פאַר מיין שטעקן!
שוואַכער ווערן בייזע ווינטן
אונטער גלויבן מיין געזונטן!

וועלט, כ׳בין זיך מתודה:
בייזע ווינטן?
חיות־רעות?
אַוודאי!

דאָך, יעדן טאָג כ׳בין אַ נייע —
וועלט, נעם צו מיין האַרציקן צושטייער!!!

צו מיין שטאַם

לכבוד צען יאָר „סאָוועטיש היימלאַנד“

האָט אַ שטורעם מיך, אַ יונגן צווייג, פון שטאַם אַראָפּגעריסן
און איבער כוואַליעס רווישיקע אין אַ ווייטן לאַנד אַרייַנגעשמיסן.

האָט אַ בענקשאַפט זיך באַזעצט אין מיינע גלידער,
ניט צום שטילן; ביז איך וועל פון דיר, מיין שטאַם, הערן ווידער.

האָט די האָפענונג מיט מיר אין „בלינדזשעניש“ געשפּילט
און מיין האַרץ אין ציטער-כמאַרעס איינגעהילט.

פלוצלונג זיינען כמאַרעס ווי שנייען זיך צעגאַנגען:
און „סאָוועטיש היימלאַנד“ האָט דאָס גליק איפּסניי פאַר מיר געפאַנגען.

האָט „סאָוועטיש היימלאַנד“ מיך צוריק צום שטאַם גענומען,
האָב איך דאָרט אויפסניי די האָפענונג געפונען.

שפּריצן אויגן מיינע שטראַלן פון נחמה,
ווייל מיט פרייד אַזאַ איז פול איצט מיין נשמה!

איז מיין האַרץ אַ מאַגנעט אַזאַ צעגליטער,
וואָס וועט ציען גליק נאָך זיך ווי אַ געוויטער.

טראָגט מיין האַרץ זיך אין אַ טאַנץ אַזאַ פאַרשייטן,
וועלן ימען-דימענטן ס'גליק ביי מיר שוין ניט פאַרבייטן.

טאַנצנדיק וועבט האַרץ אַ בריק פון זיסע טרוימען,
וואָס וועט צווישן שטאַם און מיר פאַרבינדן אַלע רוימען.

טיפן גלויבן וועט גליק אין האַרץ ביי מיר אויסוועבן,
אַזאַ גלויבן, וואָס וועט אַלע „באַבי-יאַרס“ איבערלעבן!

בלעטער פאַלן

בלעטער פאַלן, פאַלן, פאַלן...
אַ צווייג אין טרויער?
ניין, ניין —
אַ שטאַם אין דויער!
בלעטער ווי יונגע רייפע כלות
אין פלאַטער טאַנצן:
טאַנצן, טאַנצן, טאַנצן!
דער ווינט איז זייער פידל;
די זונען־שטראַלן — די אונטערפירער!
דער איינגעווייד פון טאָלן
איז זייער חתונה־בעט!
בלעטער דרימלען, דרימלען, דרימלען;
דרימלען אין דעם איינגעווייד פון טאָלן.
די מאַמע־אייביקייט
צערטלט זיי אין טיפן דרימל!
צערטלט, צערטלט, צערטלט!
ביז עס קומט דער וועקער מיטן רידל:
וועקט זיי אויף פון טיפן דרימל!
וואַשן בלעטער אוים זייערע פאַרחלומטע אויגן:
באַפרוכפערטע און אויפגעוואַכטע
ווערן בלעטער מגלגול
אין באַנייטע צאַפלדיקע דורות:
דורות, דורות, דורות!!!

דאָס טעלערל פון הימל

צו אַלע פּראָגרעסיווע פרויען — אַ מתנה

ס׳איז דיין מאַמע צו פופציק
שוין געווען זייער אַלט,
ס׳האָט דער טשיפּיק און דאָס שייטל
קרום און טיף פאַרעלטערט איר געשטאַלט!
ס׳האָבן דינים פון מיטלאַלטער
זי געפּענטעט און פאַראיינזאַמט אירע טריט;
און די זאָרגן וועגן עולם־הבא
האָבן פאַרחושכט איר געמיט.
ס׳האָבן מעשיות וועגן שדים
אַ מרה־שחורה אויף איר פּנים אַנגעווייט
און דערפאַר האָט זי צו פופציק
זיך צוגעאיילט און תכריכים שוין געגרייט!
דו, דיין מאַמעס טאָכטער,
ביסט צו זעכציק נאָך זייער יונג.
אַנשטאָט אַ טשיפּיק, טראָגסטו אַ פּוכאָווע זילבער־קרוין.
און דיין גאַנג איז פול מיט יוגנטלעכן שוואונג!
ווער מיר שדים? וואָס מיר עולם־הבא?
ביסט אַ כוואַליע פון אַ ברויזנדיקן ים.
ביסט צו זעכציק גרייט צו צעצינדן
אַ שפּאָגל־נייעם טרוים!
מיטלאַלטערלעכע פּענטעס
האָבן ניט אויף דיר קיין שליטה.
ס׳האָט דער גלויבן אין אַ שטראַלנדיקן מאָרגן
דיך באַשאָנקען מיט נייע זיטן!
ביסט ניט עלנט, ווי דיין מאַמע;
ווייל באַפרייט האָסט זיך פון שימל!
בשותפות מיט אַ צאַפּלדיקער מענטשהייט
דערגרייכן ווילסטו ס׳טעלערל פון הימל!!!

ווי אַן אַרבעס אין דער וואַנט

(אַ סאַטירע אויף פּוסטע שרייבערייען)

כ'האָב ערשט געלייענט אַ ליד,
געשריבן פון אַ „פּאַכמאַן", זייער געניט.
געמאָסטן איז געווען פון זאַצן יעדעס גליד.
נאָר ס'האָט געפעלט נשמה און געמיט.

כ'האָב אין דעם ליד געלייענט
פון שיינע מויערן און אויסגעפּוצטע פענצטער,
און יעדע רגע האָב איך געוואַרט, געמיינט,
אָט־אָט דערהער איך צאַפּל הינטער פענצטער...

די שורות זיינען אינעם ליד
געווען געפורעמט און געטאַקט;
נאָר ס'האָט דער „טאַקער" פונעם ליד
זיך ניט „דערשניצט" צום זאַפט, וואָס וואָרט פאַרמאָגט.

ס'האָט אין געדיכט, ווי אין אַ וואַסער־שפּיגל,
זיך געוויגט אַ פעלד מיט זאַנגען,
נאָר עפּעס ווי פאַרשלאָסן הינטער ריגל
זיינען געווען פון פעלדער מי־געזאַנגען.

פונקט ווי דער שפּיגל, די מליצה, האַנט־ביי־האַנט,
געפינקלט האָט די שפּראַך מיט גלאַנץ.
האָט זיך פאַרבענקט נאָך וואָרט־געמיש,
אַ ליד אַזאַ, אַ פּשוטס, ווי אַ פעלדערוויש:
אַפּצואווישן ווי שטויב פון ביכער־פּאַליצעס און שראַנקען
אַזעלכע זייפנבלאָז־אַרבעס־אין־דער־וואַנט געזאַנגען!!!

אין שאָטן פון דיר

ווי אַ בליענדיק-באַצווייגטער דעמב
מיט טיפע וואָרצלען,
האָסטו געוואָרצלט צווישן אונדז —
דיינע פריינט!
ווי אַ פיל-בלעטערדיק געדיכטער בוים
מיט אַ ברייטן, קילן שאָטן,
האָסטו אונדז צוגעצויגן און געוואָרעמט
דיינע פריינט.
און כאָטש דער דעמב איז יונג פאַרשניטן,
ריזלען נאָך די וואָרצלען דיינע
אין אונדזערע געמיטער.
און כאָטש דיין קילער שאָטן
איז פון דער ערד פאַרשוואונדן;
וואַרעמט דער זכרון נאָך
אַ ליכטיק געשטאַלט!
און ווי טליִענדיקער זשאַר
וועט די בענקשאַפט נאָך דיר
אין אונדז צעצינדן אָנדענק-פייערן
פאַר וויטערדיקע שטרייטן!
מיר זאָגן צו:
אין אָנדענק פון דיינע מעשים טובים
אָנלאָדן די טעג אונדזערע עקשנותדיק
מיט ליכטיקע נצחונות!
ווי דו האָסט עס געטאָן,
אונדזער יונג-פאַרשניטענער חבר!

אין בענקשאַפט

ווי אַ וואַנדערער אין מדבר
ביים ברעג פון אַן אויסגעטריקנטן קוואַל,
אַזוי מוזסטו אַוודאי פילן
ביים פרישן קבר פון דיין ליבן מאַן.

טיילן מיר מיט דיר אָט דעם געפיל,
מיר, דיינע אומצאָליקע פריינט!

ווי אַן אַנטוישטער קאַפּיטאַן
איף אַ שיף, געאַנקערט
ביי פאַרשוואונדענע מיראַזשן;
אַזוי שטייסטו, מיט קאָפּ געבויגענעם
פאַר מיראַזשן און אַאַזיסן,
וואָס וועלן לאַנג נאָך אויפשטראַלן
אין יעדן ווינקל פון דיין הויז,
אָט מיטן האַנט צו דערלאַנגען.

טיילן מיר מיט דיר אָט דעם געפיל,
מיר, דיינע אומצאָליקע פריינט!

ווי אַ מוזיקאַלישער אַקאָרד
פון אַן ערשט פאַרגאַנגענעם ניגון,
וועט לאַנג נאָך ציטערן דיין מאַנס קול
אין דיינע דלד־אמות פון דיין שטוב.
שטייען מיר, אין אַן ענלעכן געמיט,
אין בענקשאַפט, מיר, דיינע
אומצאָליקע פריינט.

טיף באַצערט, מיט קעפּ געבויגענע,
און ברענגען דיר אַ משפּחהדיקע טרייסט!
אַ טרייסט, ווי אַ האַרטער באָדן
פאַר דיינע אין טרויער, וואַקלדיקע טריט!
און זאָלן אונדזערע טרייסטנדיקע,
אויסגעשטרעקטע הענט
צוריק דיך אַרויסהויבן
פון דיין טיף־צערפולן מדבר!

אַזוי האַנט־אין־האַנט,
דו מיט אונדז
און מיר מיט דיר,
וועלן אָנלאָדן אונדזערע טעג
מיט עקשנותדיקן שטרעבן פאַר אַ קיום;
פאַר אַ וועלט פון יושר און פון שלום!

און זאָלן אַט די האָפענונגספולע טעג
זיין, ווי אַ מתנה־מאָנומענט
צו דיין מאַנס ניט דערטרוימטע טרוימען!
צו זיינע ניט־פאַרענדיקטע חלומות!
צו זיין יונג־פאַרשניטן לעבן!
אַן אָנדענק אויף דור־דורות!!!

אָ, ברודער, קום אַהער!

(צו דער פייערונג פון 50 יאָר רוסישע רעוואָלוציע)

איך, פופציק־יאָריקע סאָוועטן־לאַנד,
רוף צו דיר, אָ, ברודער,
קום אַהער — זע:
די זון ביי אונדז שיינט אויף!
די זון, זי איז שוין דאָ!
אָ, זע: די שאָטנס נאַכטיקע,
זיי איילן שנעל פאַרביי,
אויף זייער לעצט שפּאַציר,
צו זייער לעצטער רו!

אָ, וויי! דו ביסט ביז איצט
נאָך בלינד געבליבן?
צי קענסטו דען ניט זען,
ווי פינצטערניש פאַרשווינדט?
זי זוכט אַן אָרט:
באַהאַלטן וויל זי זיך.

אָבער די זון
מיט אירע שטראַלן ליכטיקע
האָט אַלע ווינקעלעך באַלויכטן!
נישטאָ קיין פּלאַץ ביי אונדז
פאַר דיר ניט מער, אָ פינצטערניש!
דו מוזט צעגיין, ווי שוואַרצער רויך
צעגייט אין בלויען רוים!

געוואָרנט דיך האָב איך שוין לאַנג,
אַז דאָס וועט זיין דיין סוף.
נאָך דאַן, ווען בלויז
איין שטראַל פון זון האָט מיך דערגרייכט!
און איצט,
אָ, ברודער בלינדער, קום אַהער,
גיב די האַנט,
און הויב די אויגן צו דער זון!
און אויך דו וועסט באַלד דערזעען,
ווי בלאַסער נעכטן, פינצטערניש,
און אַלע שוואַרצע שאָטנס
איילן מיט קעפּ געבויגענע
אויף זייער לעצט שפּאַציר,
צו זייער אייביק רו!!!

אין אָנדענק פון מיין מאַן, משה לעווין

יעדער מענטש שטייט אויף אַ העכערער מדרגה פון גייסטיקער אַנטוויקלונג ווען ער לעבט ניט נאָר פאַר זיך און זיין פאַמיליע, נאָר ווען ער זעט די וועלט אַרום זיך און גיט עפּעס פון זיך צו דער געזעל־שאַפט אין וועלכער ער קורסירט.

אַמאָל, און אויך איצט — ביי די רעליגיעזע מענטשן, הייסט עס, צו שטרעבן און צו קריגן עולם־הבא — אַזעלכע באַדינגונגען, פאַר טאָן מצוות און ווערן באַלוינט מיטן גן־עדן אויף יענער וועלט. דער־פאַר האָבן פרומע אידן געפּרעדיקט, אין אַלע צייטן, צו געבן צדקה פאַר אַלמנות און יתומים. חתונה מאַכן אָרעמע מיידלעך, אַז זיי זאָלן חלילה ניט פאַרזיצן; באַזאָרגן אָרעמע לייט מיט דירות; נעמען אַן אורח אויף שבת; געבן קעסט צו ישיבה־בחורים.

דער צווייטער שטאַפּל פון אַ מענטשן, ווען מען הויבט אָן שוין דענקען אויף אַ מאַסשטאַב ניט נאָר פון איינצלנע פּערזאָנען נאָר שוין אויף אַ מאַסשטאַב פון גאַנצע אָרגאַניזאַציעס: למשל, ווען מען זאָרגט זיך שוין, ניט נאָר פאַר איין יתום, נאָר פאַר גאַנצע יתומים־הייזער, תלמוד־תורות, סינאַגאָגעס, שפּיטאָלן פאַר קראַנקע, (אַ בייי־שפּיל קען זיין, דאָ אין לאָס אַנדזשעלעס, דער שפּיטאָל, דער „סיטי אָוו האָופּ״, וואָס ווערט אויסגעהאַלטן פונעם פאָלק; „רעסידאַ היים״, ד. ה. היימען פאַר אַלטע מענטשן. מיט איין וואָרט — גאַנצע אינ־סטיטוציעס. און אָט די אַרבעט רופן מיר אָן פילאַנטראָפּיע.

דער דריטער שטאַפּל — דער העכסטער, איז, ווען מיר הויבן אָן טראַכטן אין באַגריפן פון גאַנצע לענדער, גאַנצע פעלקער: ווי אַזוי אויסצובעסערן די געזעצן פון אַ לאַנד אין וועלכן מיר לעבן; פאַרהיטן עס זאָלן ניט פאָרקומען קיין פּאָגראָמען, קיין לינטשונגען. מיר סטאַרען זיך אפילו צו בייטן רעגירונגען. ניט דערלאָזן קיין פאַר־

שקלאַפֿונגען פֿון איין פֿאָלק איבערן צווייטן, און אָפּשטעלן און ניט דערלאָזן צו מלחמות; מיר זיינען קעגן „גענאָסייד", ד. ה., מען זאָל ניט אויסקוילען קיין מענטשן און פֿעלקער.

צו אָט דעם דריטן שטאַפּל פֿון מענטש האָט באַלאַנגט אונדזער משה לעווין און די פֿון אונדז וואָס האָבן מיט אים מיטגעאַרבעט ווייסן, ווי שווער עס איז אָנגעקומען משהן זיך אויסצושטאַלטיקן צו ווערן דער געטרייער, איבערגעגעבענער טוער אין אַלע אָרגאַניזאַציעס אין וועלכע משה לעווין האָט אַוועקגעגעבן (ווען ער איז געווען געזונט) זיין צייט, זיין ענערגיע, זיין געטריישאַפֿט, זיין איבער־געבנקייט, זיין האַרץ. ווייל ער איז געווען זייער קראַנק.

איינע פֿון די שענסטע און בעסטע מידות פֿון אונדזערן אַ טוער איז דער וויכטיקסטער שטריך פֿון פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט. און אָט דער שטריך — פֿון פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט — האָט משה לעווין געהאַט אין אַלץ וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען דורכצופֿירן. אויב ער האָט אָנגענומען עפּעס צו טאָן, צי ביי דער אַרבעט אַרום די פּראָ־גרעסיווע קינדער־שולן, (ער איז געווען דער ערשטער סעקרעטאַר פֿון אָט די שולן אין שיקאַגאָ), צי אין די פּראָגרעסיווע פֿראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס — איז מען געווען זיכער, אַז די אַרבעט וועט פּינקט־לעך דורכגעפֿירט ווערן.

ער האָט געהאָלפֿן לייגן דעם ווינקלשטיין פֿון סיטי־טערעס קול־טור־צענטער. משה לעווין, ווי משה פּץ, האָט זיך אויסגעדריקט, איז געקומען פֿון אַ דור, וואָס האָט פֿאַרלוירן די מורא. דער ציל, דער אידעאַל איז אַלע מאָל געשטאַנען פֿאַר זיינע אויגן; דער אידעאַל פֿאַר אַ שענערער געזעלשאַפֿט. ער האָט געגלויבט, אַז סאָציאַליזם וועט ברענגען אַ שענערע וועלט, און ער האָט געאַרבעט און געשטרעבט אין יענער ריכטונג.

דער ביישפּיל פֿון אַזאַ פּערזאָן, וועמעס לעבן איז אָפּגעגעבן געוואָרן אין קאַמף פֿאַר אַ בעסערער און שענערער וועלט, דאַרף

זיין אַן אינספּיראַציע פֿאַר קינדער און קינדם קינדער, וואָס זאָלן ווייטער ציען דעם פֿאָדעם פֿאַר אַ קיום פֿון דער אידישער פּראָגרע־סיווער קולטור און פֿאַר אַ יושרדיקער וועלט. אויך, אַז אַלע די פֿריינט, וואָס האָבן צוזאַמען מיט משה לעווין מיטגעאַרבעט, וועלן ווייטער אומדערמידלעך אָנגיין, מיט אַלע כוחות, אויסצוקעמפֿן אָט די שיינע וועלט, פֿאַר וועלכער ער האָט (אין זיינע געזונטע יאָרן) אַוועקגעגעבן זיין לעבן.

ערע זיין אָנדענק!

אַ דאַנק און אנערקענונג . . .

צום קאָמיטעט, וואָס האָט געהאָלפן אַרויסגעבן דאָס בוך.

אַ באַזונדערן דאַנק **משה שעק** פאַר זיין געטריישאַפט אין דער אַרבעט אַלס הויפט סעקרעטאַר־קאַסירער.

דער קאָמיטעט: **נייטן אייעראַף**, פרעזידענט; **משה שעק**, סעקרעטאַר־קאַסירער; **דאָראַ בייראַק**, וויצע־פרעזידענטין; **סעם הערשפילד, מעקס ריטש, עטל פאַקס, ל. דאַווידזאָן, נייטן קאַרפּילאָוו, בען ראַפּאָפּאָרט** און **מ. רעזניק**.

אַ האַרציקן דאַנק צו די ערן־ספּאָנסאָרס און ספּאָנסאָרס פון בוך.

• ערן־ספּאָנסאָרס:

ש. אַלמאַזאָוו
רחל בילגער
בער גרין
יעקב דאָראָשקין
אברהם דזשענאָווסקי
קאַרל וואַסערמאַן
ראובן יוקלסאָן
ס. ד. לעווין
סעם ליפּציך
ברוך מילער
חיים סולער
גדליה סאַנדלער
משה סטרוגאַטש
דוד סעלצער
אסתר און ס. קעלערמאַן
שמואל קאָרן
משה שיפּריס
ניו־יאָרק

נ. קעניג (געשטאָרבן)
פּאַריז

קיווע גערשטיקן
חוה סלוצקאַ־קעסטין (געשטאָרבן)
ישראל

חנה סאַפראַן
קלאַראַ קראַסנער
מיאַמי ביטש

א. גאמפּעל, קאַנאַדע

יעקב אַשפּיז
מעקס ברײמאַן
פּוליע טשערנער
מענדל יעלין
ב. פּ. מאָזער
גבריאל סאָנשיין
שרה און רפאל פּאָזנער
לינאַ און י. פּאַרבער
אייב און פּאָליאַ קאָרן
דזש. און לילי קאָרן
עלקע און י. א. ראָנטש
רוט און חיים שוואַרץ
לאָס אַנדזשעלעס

פרידאַ בערג, שיקאַגע

סאָפי און בען פייערמאַן
נ. ד. קאָרמאַן
פילאַדעלפיע

לעאָן מאַלאַמוט, עלסינאָר

ה. וויינבערג, אַטלאַנטיק סיטי

זאַרי און מלכה גאָטפריד
בייקע און נייטן סירעס
סאַן פראַנציסקאָ

מאָטל און העריעט קופּער, מאָס.

ספאָנסאָרס:

א

סאָניע אייעראָף
בעסי אייבראַמסאָן
מאַניע און מ. איינסטאַס
עוועלין אַלעקסאַנדער
לינאַ אַלפּערט

ב

סאָניאַ און ה. בראָנפּמאַן
אידיט בלום
הערי בערגמאַן
מאַניאַ בענדער
זינאַ בערנשטיין
אײדאַ און דזש. באַרנשטיין
וויקטער באַראַוויץ
טילי און דזש. באַטעק
דזשעני באַרנשטיין
לינאַ און א. באַרנשטיין
גאָסי בראַודאַ
איטקע בעראָן

ג

גרייס גערטלער
דאָראַ גורמאַן
א. און נ. גורא
סעם און בעסי גראָס
שרה און ג. געלער
צילע, אין אָנדענק פון איר מאַן גאַרסקי
געליס, אין אָנדענק פון שרה׳ן
סערע און ל. גודקין
אידא גארעליק
אין אָנדענק פון מאַן אהרן
סעלמאַ און ס. גרינבערג
מאַקס גראָס
יוסף און מ. גראָס

ד

רוט און י. דאַרנאָף
לייבל דאַנציגער
מלכה און ס. דאַרדיק
בעלאַ און דוד דוואָריץ
ראָוז און דוד דראַנדזש
קלאַראַ און מישאַ דייווידסאָן

ה

ראָזאַ היל
אין אָנדענק פון דאָראַ און מעניו
יעטאַ האָפמאַן
דאָראַ האַרנסטיין

ו

ביטריס וואַלדמאַן
די וואַלדמאַנס
אין אָנדענק פון פרוי אַנאַ
ראָוז און י. וואַנעטיק
נ. וויינשטיין, אין נאָמען פון פרוי אסתר ווינער

ז

דזשעני זאַסלאַווסקי

ט

ל. און נ. טשערנאַי
מלכה טרייבוש
עליזאַבעט טאַבאַק

י

סאָניאַ יאַבלאָן
איוואַ און דזש. יוכלסאָן

ל

ד. לעדערמאָן
לואי ליסט

העלען לאַנין
שרה לעוויטאַוו
סעם ליפשיץ
מילדרעד, אין אָנדענק פון ח. לאַסניק

מ

איטקע און אייזיק מאַלינסקי
איידאַ און דען מאַלאַטניק
איליי און קלאַראַ ניומאַרק
סעם און דזשולי סניידער
עזרא סטייך
ראָזע סטיינהאַרט
אברהם סאָבאָל
דאָראַ און סעם סאַקס
שרה מלכה סענטנער
מאַרגאַרעט סאָלאָמאָן
הערי סענגער
יעטאַ, אין אָנדענק פון א. סאָלאָמאָן
מיני און אָסקאַר סיימאָן

פּ

דזשעני און ס. פּאָגעל
סיליע און מ. פּעלאָו
בעלאַ און י. פרידמאַן
יאַניאַ פּאָלאַנסקי
פּרענציס און ה. פּיזמאַן
ענאַ און ס. פעלדמאַן
סיליע און ב. פּאָלאַק
פייגל און נחום פּאַרמאַנסקי

ק

מאָריס ס. ד. קאָהן
סילוויע און ס. קעץ
אייזיק קאַפּלאַן
פרידאַ קינג
לינאַ קלאַפּערמאַן
ענאַ קרופּין
רוט און אהרן קיט
קלאַראַ און יוסף קראַוס
דזשין און פּ. קאַופמאַן
פיליפּ קיפּניס
ענאַ קרייצער
שרה און טעד קאהן
מערי קרעין
איסאַק און רעגינאַ קנאָפּאָף

ר

שאול ראָטנבערג
מיני און מ. רעזניק
סלאָוואַ און י. רובין
קיטי רובין
נייטן ראָזנבערג
חברים ריינסטיין
מיוריעל ראָטבלאַט
איידאַ און א. ראָבינסאָן
דוד ריוואָל
מערי ריטשמאַן
ראָזע ראַבליס

ש

דאָראַ שאַפּיראָ
מיני שני
יוסף שאַכנאָף
די פריינט שלאָסבערגס
ליבי און מ. שולמאַן
חברים שלום
רעבעקאַ און ס. שאַבאַשאָף
מאַניאַ און י. שראַגין
חנה און ש. שעק
יוסף שיינבוים

אינהאַלט

אַריינפיר: — בער גרין
מיין קרעדאָ: ציט אַ שנירל זיך פון זיידן
צו מיין טאַטן און צו מיר!

דערציילונגען:

אויף אַ זאַמדיקן באָדן — 11
באַרג אַראָפּ — 18
לאַקירטע שטיוועליעטלעך — 26
מודה אני לפניך — 34
טעפּלעך — 42
אַלגאַ — 49
גרשון דער טרוימער — געווידמעט כאַוער־פּאַווערן — 64
דער גרינער באַרג — 68
אַ פינטעלע — 79
דאָס שולד־געפיל — 84
טו ווי דו פאַרשטייסט — גראָטעסק־הומאָריסטישער מאָנאָלאָג — 29
באַזיגט דעם מלאך־המות — הומאָרעסקע — 94
סוף סעזאָן אין אַן „אָפּעצן שאַפּ" — מיניאַטור — 99
אויפן „פּיקעט־ליין" — מיניאַטור — 101
מיר ציען זיך אַרויס — מיניאַטור — (ביאָגראַפיש) — 105
ביי דער מומע אידל אין הויז — מיניאַטור — (ביאָגראַפיש) — 107
מיינע ערשטע טעג אין אַמעריקע — קוריאָזן — (ביאָגראַפיש) — 111
דאָס בלומען־טעפּל — 118
דער פינפטער דור — פאַנטאַזיע — 122

קינסטלערישער רעפּאָרטאַזש:

סאַלוט צו דיר! — 133
מיר ווילן שלום — 141

לידער און אימפרעסיעס:

דער רויטער נביא — 151
אַ שליטל — 152
וואו איז הימל־בלוי? — 153
היט דאָס גאָלד אין שנירל, היט! — (צווייטע ווערסיע) — 154
מאָרגן — 155
יוגנט — 156
ערגעץ — 156
אַ פאַבל — 157
פאַרגייט דער טאָג — 158
שקיעה — 158
אַ חתונה אויפן אַטלאַנטיק — 159
וועלט, נעם צו מיין האַרציקן צושטייער! — 162
צו מיין שטאָם — 163
בלעטער פאַלן — 164
ס'טעלערל פון הימל — 165
ווי אַן אַרבעס אין דער וואַנט — 166
אין שאָטן פון דיר — 167
אין בענקשאַפט — 168
אַ, ברודער, קום אַהער! — (50 יאָר סאָוועטן־פאַרבאַנד) — 170
אין אָנדענק פון מיין מאַן, משה לעווין — 172